STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11243

GERANGL

I. B. Alterman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ב. אַלטערמאַן / גראַנגל

ישראל-בער אַלטערמאַן

געראַנגל

וועגן שרײַבער און ביכער

פאַרלאַג „ישראל-בוך"

י. ב. אַלטרמן

מאבקים

על סופרים וספרים

I. B. Alterman

STRUGGLE

I.S.B.N. 965—430—019—2

©

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
הילפסםאַנד פאַר ייִדיש־שאַפונג
רחוב איתמר בן־אבי 4, תל־אביב, ת.ד. 1777

Israel-Book Publishing House
4, Itamar Ben-Avi Str., Tel-Aviv, P.O.B. 1777

נדפס בישראל תשנ"ד / 1994
Printed in Israel, 1994

דפוס „שמגר 86" ת"א, טל. 6828704

וועגן שרײַבער און ביכער

פֿון מאַטעריעלע, זעלישע רויִנען
צו שעפֿערישער שלווה

א

וויסנשאַפֿטלער האָבן אומגעהויערע דערפֿאָלגן כמעט אויף אַלע פֿאַר־שערישע, אַנטפּלעקנדיקע געביטן. יעדער מאָל דערפֿינדן זיי ערדישע, הימלישע נאַטור־דערשײַנונגען. האָבן פֿאַרבעסערט, פֿאַרלענגערט ס׳מענטשלעכע לעבן. דאָך זענען נאָך אַלץ מיסטעריעז אַ סך דערשײַנונגען. טראָץ גאונישע, טיפֿזיניק־פֿילאָזאָפֿישע, פּסיכאָלאָגישע שטודיעס, דעפֿיניציעס, איז נאָך אַלץ סודותפֿול, עזאָטעריש די וועלט־שאַפֿונג, איר קיום, טראַכטנדיקע מוח־קעמערלעך, אָנרעגנדיקע געפֿילן. ס׳איז נאָך אַלץ גאָר פֿאַרהוילן שעפֿערישע אויפֿבליצונג. קינסטלערס, באַרופֿענע צו אָנען אייניקע רזי־עולם, האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט פּרוּוון אַפֿילו נישט אויפֿצוקלערן ס׳טראַנסצענדענטאַלע אין אַלע נאַטור־און מענטשלעכע געביטן. מיט קינסטלערישע קלאַנגען, פֿאַרבן, ווערטער־זיווגים פֿאַרפֿיקסירן זיי ווונדערלעכע נאַטור דערשײַנונגען, מענטשן־פֿאַרטרעטן; שטרײַטונגען, מענערלעך־ווייבערדיקע ראָמאַנטישע באַציִונגען. אין זייערע יצירות זענען אויסגעדריקט קעגנזאַצלעכע געפֿילן: ליבע און שינאָה, טרײַקייט און פֿאַרראַט. קנאָה, נקמה. גוטמוטיקייט — רשעות. עמאָציעס, עקזאַלטאַציעס. זיי באַמיִען זיך וואָס בצימצומדיקער, פּראָפּאָרציאָנעלער אויסצודריקן די אין זייערע געמיטער זיך־טוישנדיקע אָנרעגונגען. ס׳איז באַוווּסט: גוזמהדיקייט גורמט די יצירות זאָלן זײַן פֿעלערהאַפֿט, קורצדויערנדיק. וואָרט־קינסטלערס זענען אָפֿט אינדיקאַטאָרס. רמזן סיגנאַל־סימנים. דערמיט גרינגערן זיי צו לעזן די פֿאַרבאָרגענע פֿאַבולן אין די טעקסטן; געפֿינען נמשלס אין די סענסיטיוו־מעטאַפֿאָרישע לידער, משלימדיקע דערציילונגען, סימבאָליש־געמאָלטע פֿאַרב און וואָרט־בילדער.

ס׳פֿרעגט זיך: זענען די געלערנטע מוזיק, מאָלער און ליטעראַטור־קריטיקערס גײַסטיק־יכולותדיק אויפֿצוקלערן, גרינטלעך דעפֿינירן, ריכטיק אינטערפּרעטירן קינסטלערישע יצירות? תיקו.

אַנענדיק, אַז פֿאַר מײַן באַגרענעצטן שׂכל איז מיר שווערלעך צו פֿאַרשן מענטשלעכע, קאָמפּליצירטע נשמה־אײַנגשאַפֿטן, פּאַסיק קאָמענטירן ווערק פֿון קינסטלערס, וואָס יעדער פֿון זיי איז רעטענישפֿול געאײגנט מיט יעדעסמאָל אין זיך טוישנדיקע איכס — האָב איך זיך זייער אָנגעשטרענגט צו פּרווון בלויז עפּעס־וואָס באַמערקנדיק פֿאַרטײַטשן, דעפֿינירן אייניקע ייִדיש־ליטעראַרישע שאַפֿונגען. און דאָס באַלד נאָכן וועקן אין מיר, אָנרעגן הנאה־געפֿילן, אין מוח אויפֿלײַכטן זיניק־אינטראָספּעקטיווע אַסאָציאַציעס. מײַנע פּירושימדיקע באַמערקונגען געווידמעט ייִדישע שרײַבערס, געראַטעוועטע פֿון גרויזאַמען אומקום, געקומענע פֿון פֿיזיש ייִדיש־קולטור־רויִנירטע היימען אין פּוילן, רוסלאַנד, רומעניע, די אָ שארית הפּליטה־קינסטלערס פּחדלאָז לעבן אין דעמאָקראַטישן, וואָרט־פֿרײַען, גײַסטיק־שלווהדיקן ישׂראל־לאַנד, דאָ אומבאַגרענעצט באַנײַט זייער ליטעראַריש שאַפֿן. אייניקע אָפּהאַנדלונגען פֿון צופֿעליק עטלעכע שרײַבערס ווערק, פֿאַרעפֿנטלעכט אין בוך־פֿאַרעם, געטיטלט: „פֿון רויִנען צו שלווה”. וואָס באַדײַט דער אָ מאָדנער נאָמען? די ווערטער: „פֿון רויִנען” זענען נישט אָריגינעל און „שלווה”? האָבן דען בכלל ייִדיש־שרײַבערס אין אײַגענעם, אויסגעחלומטן לאַנד שלווה? כ'וועל דאָס פּרווון אויפֿקלערן.

ב

אין היסטאָריעס פֿון פֿעלקער, טויזנטער דורות אײַנגעוואָרצלטע אין זייערע פּערמאַנענט־שטאַטלעכע היימלענדער, לערנען מיר: די דאָרטיקע אײַנוווינער האָבן תּמיד געלעבט, און לעבן מנוחהדיק. פֿאַרשטענדלעך, אויסער אין קורצפּעריאָדיקע מלחמות מיט שכנותדיקע לענדער און אין צײַטן פֿון אינערלעכע בירגער־קריגן. אונדזער געשיכטע איז גאַנץ אַנדערשדיק. אַן אײַנמאָליקער, קורצדויערנדיקער, זעלבסטשטענדיקער מלכותדיקער צײַטאָפּשניט אין ארץ־ישׂראל און פֿאָלגנדיק: לאַנגדויערנדיקע, איבערחזרנדיקע טראַגישע איבערלעבונגען אין גלותן. אומעטום זענען ייִדן געוואָרן געיאָגט, געליטן פֿון עקאָנאָמישע באַגרענעצונגען. הילפֿלאָזע. געוואָרן מוראָדיק דערדריקט. און ווי נאָר די צעבושעוועטע קריסטלעכע שׂינאה האָט זיך, צײַטווײַליק, אויבנאויפֿיק אײַנגעשטילט און ס'האָבן זיך געלינדערט די פֿאַרפֿאָלגונג־גזרות, האָט זיך תּיכּף צעשײַנט דער זשעני־

שער ייִדישער גײַסט. סופֿרים האָבן געשאַפֿן פֿאַרשידנאַרטיקע, תּורותדיקע, אינטעלעקטועל־פֿילאָסאָפֿישע, קינסטלערישע ספֿרים, וויסנשאַפֿטלעכע טראַקטאַטן. די ווערק האָבן געטרייסט, באַרויִקט, געשלווהעט דעם פֿאָלקס־גײַסט, געוועקט בטחון, געקרעפֿטיקט אמונהדיקע האָפֿענונגען אין אויס־לייזערישע צײַטן. דאָס זענען געווען היילזאַלבן, וואָס האָבן געלינדערט די ייִדישע נויטן. וועל זיך דערמאָנען אייניקע באַשריבענע בײַשפּילן:

נאָכן באַפֿרײַט ווערן פֿון מצרישער פֿאַרקנעכטונג האָט זיך פֿאַרן פֿאָלק־ישראל וויזיאָנעריש אַנטפּלעקט געטלעכע פֿײַערדיקייט. האָבן געזוען קולותדיקע עטישע עשׂרת־הדברות־געזעצן. דאַן און אין דער נאָכפֿאָלגנ־דיקער גלאָריעפֿולער מלכות־תּקופֿה אין ארץ ישׂראל האָבן די בני־ישׂראל געלעבט גײַסטיק־שלווהדיק. דער מענטשהייט געגעבן תּורה־מורהדיקע לעבנס־געזעצן און די אייביק־לערנעדיקע, פֿאַרשעריִשע, רזין דרזינדיקע, דראַמאַטישע קינסטלערישע תּנ״ך־ספֿרים. נאָכן צווייטן חורבן און מלכות־ישׂראל האָבן ייִדן אין רויִקן, לאַיאַלן, שלווהתדיקן גלות־בבל געשאַפֿן דעם מוח־חריפֿותדיקן תּלמוד בבלי. אין פֿויזעס פֿון איין אונטערדריקונג־פּעריאָד צו צווייטע פֿאַרפֿאָלגונג־צײַטן אין שפּאַניע, אין די יאָרן 700 ביזן העלפֿט 12טן יאָרהונדערט, זענען דאָרט דערשינען וווּנדערבאַרע, אייביקע, אוניווערסאַל־ווערטיקע ספֿרים פֿון גאונישע דענקערס, דיכטערס: משה אבן עזרא, שלמה אבן גבירול, שמואל הנגיד, יהודה הלוי, בן שמואל, סעדיה הגאון, משה בן מימון (הרמב״ם). אויך אין אייראָפּע איז געשען דער זעלבער אויפֿשײַנענדיקער קולטור־פּראָצעס. ווי נאָר דער קריסטלעכער קלער האָט עטוואָס, אין טייל לענדער, אויפֿגעהערט נישט אַזוי אַנגרײַ־פֿעריש העצן קעגן ייִדן, נישט אָרגאַניזירט מאָרד־אינקוויזיציעס, געווירקט אויף רעגירונגען ווייניקער צו דערנידעריקן ייִדן, לינדערן עקאָנאָמישע גזירות, האָט זיך אַנטוויקלט די השׂכּלה־ליטעראַטור. שפּעטער די מאָדערנע העברעיִשע און ייִדישע ליטעראַטורן.

די אַ שלווהדיקע קולטור־צײַט האָט געדויערט ביזן דריטן חורבן־ישׂראל אין אייראָפּע. מיר זענען לעבעדיקע עדות, אַז ווי נאָר די דײַטשישע אַרמיי האָט מפּלהדיק קאַפּיטולירט, און ס׳האָט זיך געענדיקט דער בלוטי־קער אומקום־גיהנום, האָבן ייִדן אַ ביסעלע שלווהדיקער געלעבט. און ווי יעדעסמאָל האָט באַגײַנענדיק אויפֿגעשײַנט, זיך צעשטראַלט דער ייִדיש־אימפּרעסיאָניסטישער אינטעלעקט. טויזנטער ייִדן, אַפֿילו נישט טאַלאַנ־

טירטע אין שרײַבן האָבן ספּאָנטאַניש באַשריבן מאָרד־זכרונות, העלדישע אויפֿשטאַנדן, העראָישע פּאַרטיזאַנער־קאַמפּן, אין געטאָס, טויט־קאַצעטן, וועלדער. וואָרט־קינסטלערס האָבן באַנײַט זייער שאַפֿן פּאָעטישע איכה־עלעגיעס, פּראָזאַיש־בילדעריש געחיה־מתימט דעם ייִדיש־שטעטלדיקן לעבנס־שטייגער. באַשריבן דעם פֿאַרמלחמהדיקן פערמאַנענט־ראַנגלענדיקן, טעגלעכן לעבנס־קיום פֿון האָראָפּאַשניקעס, בעלי־מלאָכות, קלײנהענדלער, אַרבעטער־אינטעליגענץ, קולטור־טעטיקייטן פֿון ייִדישע נאַציאָנאַלע, און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען. אין די ביכער איז פֿאַראײַביקט געוואָרן, אַז אונטער די ייִדנס וואָכעדיקע, פֿאַרדאַגהטע פנימער־מאַסקעס אַנטפּלעקן זיך ערלעכע, חסדפֿולע, גוטמוטיקע, מענטשן. פֿאַר דער וועלט אויפֿגעוויזן: די אין אומקום־דערמאָרדעטע אַרבעטער, סוחרימלעך זענען געווען איידעלע, קולטורעלע, לומדישע, קונסט־מענטשן מיט געפֿילפֿולע נשמות. הויפּט־זאַכלעך: תּמיד הילפֿגרייטנדיקע צו לינדערן נויטלײַדנדיקע. דערמיט אָפּגעלייקנט די עלילות־דמיקע פסעודאָ־תּורות פֿון קריסטלעכן קלער, ראַסיסטישע נאַצי־פּראָפּאַגאַנדיסטן, וואָס האָבן די ייִדן פֿאַרגעשטעלט נעגאַטיוו, שעדלעך, בכדי צו באַרעכטיקן זייערע פֿאַרפֿאָלגונגען, מאָרד־פּאָגראָמען. אין דער צײַט האָבן זיך אין די דיפּי־לאַגערן אין מערב־דײַטשלאַנד, עסטרײַך, געגרינדעט קולטור־קלובן, טעאַטער־טרופּן, אַ גוט־זשורנאַליסטישע פּרעסע. און אחרון־אחרון: אין דער גײַסטיק־שלווהדיקער מדינת ישׂראל האָט זיך אַזוי רעשיק אַנטוויקלט, פֿונאַנדערגעוואַקסן די העברעיִשע און ייִדישע ליטעראַטור.

ג

די רעשטלעך לעבנגעבליבענע ייִדישע פּאָעטן, פּראָזאַיִקערס, עסייִסטן, פּובליציסטן, עולים פֿון דיקטאַטאָרישע־רעזשימען אין די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, האָבן געפֿונען אין פֿרײַגײַסטיקן ישׂראל, פֿולקום־אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן צו שאַפֿן שלווהתדיק. אָבער צוליב די ווייניק לעבנגעבליבענע ייִדישע ביכער־קאָנסומענטן, איז זייער עקאָנאָמישער מצב קווענקלענדיק. דאָך פֿירן זיי אויס זייער וואָלונטאַרע, שרײַבערישע, שליחות־מצווהדיקע מיסיע: שמידן וווּנדערבאַרע קונסט־רינגען אין דער ווערט־פֿולער גאָלדענער קייט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, באַרײַכערן דעם וועלטלעכן היכל הספֿרים.

די קונסט־פּירות דערלאַנגען זיי האַרציק, אומזיסט די נאָך געבליבענע יידיש־לייענערס. דעם אָ מצב האָט ריכטיק אויסגעדריקט דער זייער קראַנ־קער דיכטער, עסייִסט חיים זעלצער — וועמען מיר ווינטשן אַ שנעלע רפֿואָה־שלימה — אין זײַן בוך לידער: „רו און רוינען" ער זינגט: „מײַן ספֿר דעם בעכער, / אויף טישן געגרייטע — / כּל דיכפּין / זאָל קומען געניסן"...

אַז איר קומט אַרײַן אין נאָכמלחמהדיקן, יידיש־ליטעראַרישן גײַסט אַפּאַרטאַמענט, איר קוקט זיך אום שטוינענדיק, דערזעט איר אַ סך פּאָע־טישע, בעלעטריסטישע, עסייִסטישע סאַלאָנען מיט האַרציק־ניגונדיקע, מוזיקאַליש־ריטמישע, פֿײַנגעגראַמטע, מעטאַפֿאָרישע פּערזנבלומען. הנאָה־דיק קוויקט מען זיך פֿון די פֿולע בעכערס מיט טעמפּולע, משלימדיקע באַלאַדעס, שפּאַנענדיקע, דראַמאַטישע ראָמאַנען, דערציילונגען, חריפֿות־דיקע עסייען. וווּנדערנדיק קוועלט מען פֿון דער ברכהדיקער שפֿעדיקייט אין דער לעצט־געשאַפֿענער יידישער ליטעראַטור אין ישׂראל־לאַנד און אין דער גאַרער וועלט.

קאָן ווער מסביר זײַן די עקשנותדיקייט פֿון יידישע וואָרט־קינסטלערס? עפּעס וואָס לאָזט זיך אויפֿקלערן. אין לעבן גילט אַן אייביקער געזעץ: דער פּאָטענציאַנעלסטער כּוח אין מענטשן, חיות, אַפֿילו געוויקסן, איז ליבע. זי איז דאָס די אומאויפֿהערבאַרע דינאַמיק, וואָס כּוחותט אַלע יצירות־אויפֿבליצונגען: רעגט אָן, באַפֿרוכפּערט, צינדט אָן שעפֿערישע תּאוות בײַ קינסטלערס. די ליבע פֿון יידישע שרײַבערס צו דעם אין גאַז־קאַמערן, אינקוויזיציע־פֿלעצער קרבנותדיק־געהייליקט יידיש־לשון — ליבע צו דער יידישער ליטעראַטור, זענען זייערע קאָלאָסאַלע שטויסקראַפֿטן, אָנרעגנ־דיקע אימפּולסן פֿאָרצוזעצן שאַפֿן דווקא אין יידיש. וואָס אין איר אייגענער מדינה פֿירט זי אַן עקשנותדיקן, קיומדיקן געראַנגל.

הלוואי ס'זאָלן רעאַליזירט ווערן די האָפֿענונגען, גלויבנס פֿון עקש־נותדיקע קולטור־טוערס, אַז יידישע ספֿרים וועלן נאָך זוכה זײַן צו ווערן געלייענט פֿון מאַסן; געלערנט, שטודירט, געפֿאָרשט.

אין הירש אָשעראָוויטשס „לידערהיים״־ען

א

דער אינזיכיסטישער, עץ־הדעתיקער מתמיד־פּאָעט הירש אָשעראָוויטש האָט אין זײַן נײַפּאָטערלענדיש־ישׂראל באַרײַכערט די ייִדישע, אַלגעמיינע פּאָעזיע מיט זײַן מנינדיק, ליריש, מעדיטיוו, דיכטעריש ווערק: „אַ לידער־היים מיט אַ חדר־מיוחד פֿאַר אונדזערע קלאַסיקערס״ (מענדעלע, י. ל. פּרץ, שלום עליכם). דער עסטעטיש, פֿײַנגעבונדן ספֿר איז דערשינען אין „ישׂראל־בוך״־פֿאַרלאַג, אין 1990.

ווי אין זײַנע פֿריִערדיקע לידער־זאַמלונגען, האָט דער פֿאַרלאַג־רע־דאַקטאָר, ווידער בכּוונהדיק באַקאַנט די לייענער מיט אַרײַנפֿירנדיקע, ביבליאָגראַפֿישע פּרטים „וועגן מחבר״. מסתּמא כּדי אויף ס׳נײַ באַקענען די לייענערס מיטן דיכטערס דערציִונג, בילדונג, פֿאַרשידענע לעבנס־עטאַפּן אין עטלעכע „היימען״־זײַנע „הצלחה־הייכן און מפּלה־טיפֿן״ (לידערהיים ז׳ 84), און פֿאַרגרינגערן אַרײַנדרינגלעכער אויסנימשלען ה. אָשעראָוויטשס תּנ״כיש־אימפּרעסיווע, לאָגיש־חקרנדיקע, עמפּירישע לי־דער, פּאָעמעס, באַלאַדעס.

פֿון די ביאָגראַפֿיש־ביבליאָגראַפֿישע פּרטים וועגן מחבר דערוויסן מיר: דעם דיכטערס תּורהדיקע, השׂכּלהשע, נאַציאָנאַלע דערציִונג אין פּאָנעוועזשער גימנאַזיע; זײַן שטודירן אַלגעמיין וויסן, יוריסטיק אין קאָוו־נער אוניווערסיטעט; זײַנע מאַטערנדיקע וואָגלענישן איבער סאָוועטישע שטעט; זײַן פֿיזיש, מאָראַליש לײַדן בעת ענקאָוועדע־פֿאַרשונגען, משפּט, ווו ער ווערט באַשולדיקט אין אַנטיסאָוועטישער, נאַציאָנאַל־ציוניסטישער טעטיקייט; יסורימפֿולע זיבן יאָר „לעבן״ אין קאַטאָרגישע צוואַנגלאַגערן; צום סוף זײַנע מוטנדיקע, ליטעראַרישע דערפֿאָלגן אין גײַסטיק־שלווהדיקן, אויף ס׳נײַ־איבערגעבויטן ישׂראל־לאַנד.

די אַ פֿאַרשידענע איבערלעבונגען זענען „קאָנסערווירט״ אין זײַן דיכ־טעריש האַרץ, מוח, אין זײַן „קאָפּ אַ קופּערטל זכרונות״ (דאָרט ז׳ 70). יעדעס מאָל דערוועקן זיך אין אים טרוימפֿול־פּאָעטישע פּערספּעקטיוון, אַמאָליקע אידעישע און לײַדנדיקע עפּיזאָדן. די אײַנגעדרימלטע, אָפּט

אויפֿוואַכנדיקע געשעענישן אינספּירירן אים דיכטעריש, זיי פֿאַרפֿיקסירן.

פֿון זײַן עליה קיין ישׂראל, אין 1971, ביזן הײַנטיקן טאָג לעבט ער אין זײַן „לידערהיים", אין חדר־מיוחד מיט אונדזערע קלאַסיקערס. אָפֿט, גאָר אָפֿט, דערוואַכט גילגול־הנשמותדיק אַ דאָמינירנדיקע פּאַסירונג, וואָס רעגט אים אָן צו דיכטן אָפּטימיסטיש־וויזיאָנערישע, עזאָטערישע קהלת־לידער. די אַ ווירקנדיקע אײַנדרוקן חזרן זיך איבער, שפּיגלען זיך אָפּ אין די לידער, אין זײַנע ביכער. פֿאַרשטענדלעך זענען נישט אויסנעמלעך די לידער אין לעצטן בוך: „אַ לידערהיים". (די צום־סוף־לידער פֿאַרצייכנטע דאַטעס זענען נישט דאָמינירנדיק). אַ סך לידער זענען אָנגערעגטע פֿון זײַנע טעאָרעטיש־הומאַנישע, געזעצגעבערישע און לעבנס־דערפֿאַרענע שולן.

כאַראַקטעריסטיש: פֿון 1941, זײַן דיכטערישער „באַגינען"־בוך אין ווילנע, האָט ער, במשך 30 יאָר לעבן אין ליטע און אין רוסישע שטעט פֿאַרעפֿנטלעכט נאָר 4 לידער־זאַמלונגען אין יידיש. אַ בוך איבערזעצט אין ליטוויש, אַ בוך אין רוסיש. אין ישׂראל, במשך 19 יאָר (פֿון 1971 ביז 1990) אומאויפֿהערבאַר פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנע דיכטונגען אין צײַטונגען, פּעריאָדישע אויסגאַבן און האָפֿנטלעך דערווײַל — אַרויסגעגעבן אַזש צען פּאָעטישע ביכער. פֿון זיי אַ בוך אין עברית: „אוחז הליל סכין כחולה", אַרויסגעגעבן פֿון אגודת הסופֿרים העברים, אין הקיבוץ המאוחד־פֿאַרלאַג. אויך אין זײַן בוך: „מײַן פּאָנעוועזש" איז געדרוקט אברהם שלונסקיס איבערזעצונג אין עברית: „פוניבז' שלי". פֿאַר זײַן פֿרוכפּערדיק, ווערטפֿול דיכטן איז ער געוואָרן נײַן מאָל פּרעמירט: 5 מאָל אין ישׂראל, 2 אין אַמעריקע, 1 אין מעקסיקע, 1 מאָל אין פֿראַנקרײַך.

לאָמיר פּרוּוון פֿאַרטײַטשן, ווי אַזוי די ביאָגראַפֿישע, ביבליאָגראַפֿישע „וועגן מחבר" כדי לײַכטער צו באַגרײַפֿן ה. אַשעראָוויטשס אַ טייל יצירות.

ב

אין בוך: „אַ לידערהיים" פֿרעגט אַשעראָוויטש:

„ווי זאָל איך נעמען דעם שליסל צו זיך,
און צי איז גאָר אַזעלכער בנמצא?
הגם די נשמה אין לײַב איז פֿאַרקלעמט,

דאָך שפּראָצט זי, גערייט זי און גרינט זי.
דער סייף פֿאַרן איך איז גאָר אַנדערש געשמידט:
אים עפֿנט ניט שליסל, נאָר שיפֿער —
אַ קאָד, וואָס, איז סוד
ווי דער נאָמען פֿון גאָט,
אַ שם המפֿורשדיק טיפֿער".

(ז. 18)

דעם „קאָד", „סוד", „שליסל" צו ה. אַשעראָוויטשס דיכטערישן איך געפֿינט מען, אין זײַנע באַגײַסטערנדיקע איבערלעבונגען. זיי זענען זײַן סייף. דאָרט האָט איר די שליסלען צו זײַן איך — זײַנע לידער. זיי לײַכטע־רן הנאה צו האָבן, משׂיג צו זײַן די מעטאַפֿאָרישע, עקזאַלטיווע דענקענ־דיקע פּערזון.

אין דער העברעיִשער גימנאַזיע האָט ער אין זיך אַרײַנגעלערנט נביי־איש־דמיונדיקע אמונה־ספֿרים, נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישע געדיכטן, דער־ציילונגען, דראַמעס. די אַ לימודים האָבן אים גלייבנדיק באַאײַנפֿלוסט דיכטן: „מיר זענען אַן אומה פֿון תּורה און גבורה. / סע מעג אונדז דער נצח־ישׂראל געטרויען: / מיר זענען דער מענטשהייטס פֿאַרויסיקע שורה" (דאָרט ז' 39). אין רעאַלן, יורידישן פֿאַקולטעט אין קאָוונער אוניווערסי־טעט געלערנט אַ נײַעם „מוסר" — „אפֿשר ווײַל געגאַנגען ביסט צווישן בוינעס, / ברעכסטו אויף בהמה־לשון איצט דײַן צונג: / „מו־ר־ו! — די וועלט ליגט צווישן גראָז און חלף! / מו־ר־ו! — דאָס לעבן איז אַ ווערן זיך פֿון וועלף". און: „זוכסטו פֿאַר דײַנע זינד אַ תּירוץ. / גאָט ווייסט, צי ער איז פֿאַראַן?! / מעגלעך גאָר, ער ליגט — אַ שרץ — / אין דער מים־טהורים־קאַן... / זאָגסט וועסט זויבערן די טומאה? / וועסט נאָר מאַכן זיך צו שפּאָט, / ווען דײַן טרוים ליגט אין אַ טרונע, / און דײַן גאָט איז שיכּור לוט" (ז' 70—74). אין וואָגלענישן איבער סאָוועטיש, סאָציאַליסטיש־רעזשימענדיקע שטעט, זיך איבערצײַגט: „עס פּאַסעוועט רשעות מיט אומרעכטס כּלי־זיין: / לית דין ולית דיין, / באַשאַפֿער פֿון טויטשלאַג־געזעצגעבער קיִין, / זײַ דו כאָטש דער דיין, / זײַ דו אונדזער דיין". (בלויע בומעראַנגען, ז' 143). אין 1949 ווערט ער אַרעסטירט. זײַן לײַדנ־דיק, בזיונדיק, מאַטערנדיק „לעבן" אין אַרבעטס־לאַגערן רעגן אים אַן

צו דיכטן: „די ווינטמילן פֿון שקר מאָלן, מאָלן, מאָלן, / און מיר, באַשטויבטע פֿונעם שוואַרצן שקר־מעל, באַדאַרפֿן צאָלן, / אונדז ווערט רק צוגעשטעלט אַ פֿרעמדער, אומראַיעלער חשבון־ / אַ צוגעפּסקנטער פֿון אַ געמיינעם קאַרומפּירטן בית־דין" („לידערהיים" ז' 77).

אין יאָר 1971 פֿאַר זײַן עולה זײַן קיין ישׂראל, אין ווילנע, דיכטעט ער: „גייט אַ וואַנדערער אין וועג. / פֿרעגט ניט, פֿרעגט אים ניט: וווּהין? / פֿון דער היים איז ער אַוועק. / איז עס דען געווען אַ היים, / אַז געווען דאָרט זעבען טעג / קאַלטע ווי מצבֿה־שטיין / גייט ער, גייט ער,־ / דער וועג פֿירט..." (בלויע בומעראַנגען, ז' 32). און קומענדיק אין אויסגעטרוימטן לאַנד ווערט ער אויסגעניכטערט: „אין נעפּל אונדזער אָנהייב איז, אין אומקלאָרקייט — דער סוף. / באַגינענס ראָזער זריחה־שטראַל ווערט רוצחיש רויט פֿאַרנאַכט, / און מיר, די אומבאַהאָלפֿענע, וואָס טוען וועלטן אויף, / פֿאַרגייען זיך אין בענקעניש נאָך דעם וואָס קאָן ניט זײַן. / מיר זעען נסים טויזנטער און זוכן אַלץ דעם נס, / מיר האָבן ליב נתפּעל זײַן, באַגערן רק אַ סוד. / ס'איז אונדזער מוח ווײַטזעיִק, דאָך קורצזיכטיק — דאָס אויג, / סע פֿעלט אונדז עפּעטערס אָטעם אויס. צעבראָקט עס אונדזער מוט, / זשאָנגלירן מיר מיט אײַנפֿאַלן, פֿאַרלויבן זייער ווערט, / מיר זענען אײַנגעגלייבט אין זיך און חנפֿען זיך צו גאָט" (וווּנדיקער בטחון, ז' 20).

אין חדר־מיוחד פֿון אונדזערע קלאַסיקערס לערנט: יאָנטל דער אָנפּיסיקער איז געוואָרן אַ כאָליערע־חתן. אים איז נמאס זײַן בחוריש בעט. באַשליסט ער אַרויס פֿון הקדש־ענגשאַפֿט. אינדרויסן. הערט פֿייגל־צווישטשערײַ. אָטעמט טיף. גלײַכט אויס זײַן אָפּגעלעגן, פֿאַרשטײַפֿטן רוקן. מיט מענדעלע מוכר ספֿרימס מוח טראַכט: „ווי וווּנדערלעך, ווי שיין איז זי די וועלט". און באַלד באַטראַכט די ווירקלעכקייט: „נאָר אָט אין מיטן פֿינצטערן, ויהי, / ווו צביעות, חושך, טאָרבעס פֿרעסן אויף די עדה, / עס טוט אַ קלוגער, חריפֿותדיקער בליק אַ גלי' — / עס וואַרפֿט אויף זיי זיך מיט זײַן פּענשפּיז מענדעלע דער זיידע!" (אַ לידערהיים, ז' 147). אָבער ווי וואָלט מען היינט זיך געבייטיקט אין אַ מענדעלע מיט זײַן „פּענשפּיז". ווערט ער אויך באַאײַנדרוקט פֿון ייִדישער בטחונדיקייט, טרייסטנדיקע מאָרגנס. אין דער פּאָעמע „אין זאַמאָשטש אויפֿן אַלטן מאַרק" באַפֿעלט י. ל. פּרץ פּנחסן צו שרײַען: „אַלץ איינס מוז איך אויסלייזן די וועלט?

איך וועל ביגוואַלד דאָס נידערטרעכטיקע און טרייפֿענע אויסרײַסן / איך דאַרף אַ מענטש, ווי ס'האָט זיך דער בעל־שם אים פֿאַרגעשטעלט / וועל איך די מעשׂים־רעים אויסברענען מיט אָנגעגליטע אײַזנס!" (דאָרט ז' 149). די פּאָעמע איז פֿאַרענדיקט מיט טרוימפּולער בטחונדיקייט: „נאָר פּרצישע וועלט ווערט..." (דאָרט ז' 151).

די אַ ציטירטע פֿערזן לערנען די תּמידיקע אַקטועלקייט פֿון הירש אָשעראָוויטשס לידער, אַז כּמעט אַלע זײַנע ביכער קאָנען ווערן געטילט: „לידערהיימען".

ג

הירש אָשעראָוויטשס לומדישקייט, ערודוציע אין תּורה, השׂכּלה, ייִדישע און אַלגעמיינע בילדונג, קונסט־ביכער, בולטן אַרויס פֿון זײַנע לידער. ס'איז ניכּרדיק, זיי זענען געשאַפֿן „מיט פֿלײַס און מיט פּילפּול דעם זינען געשליפֿן, / מיט הויכע אידעעס געלאָבט זיך, באַטויבט זיך כ'זע, ווי פֿונעם גײַסטערישן שאָטנס־אַנגעלאָף / אַ שבת־יום־טובדיקע" (ז' 9). מ'פֿילט ער שאַפֿט בעת ער איז אין „נשמה־טיפֿענישן־טראַנס", ווען אין אים כּוחות־„יצירה ברויזט" (ז' 16).

איז טאַקע אַזוי רוחניות־תּענוגדיק זיי צו לייענען, ווידער און ווידער לערנען. בעתן לייענען פֿאַרגעסט מען אונדזערע לאַנגיעריקע מלחמות, קיום־ראַנגלענישן מיט אַראַבער. מ'טראַכט נישט פֿון די קנאָהדיקע צווישנ־פּאַרטייאישע קאָנפֿליקטן און קרײַזלדיקע קנאה־כּבֿוד אַמפּערײַען מ'קלערט מער נישט פֿון די געזועלשאַפֿטלעכע, פּערזענלעכע מיסברויכן־סכּנותדיקע דערשײַנונגען, וואָס צעטרייסלען די מדינה־יסודות. מ'גאַפֿט פֿון זײַן אינט־ראָספּעקטיווקייט, חריפֿות־דענקערישקייט. דאָס אַלץ אין אַ וווּנדערנדיק ווערטער־צימצומקייט. מע אַנט דעם דיכטערס באַמיזונג אַז זײַנע קורצ־שורהדיקע ווייניק־ווערטערדיקע פֿערזן זאָלן זײַן אָריגינעל־זאַגעוודיקע, ריטמיש־זינגוועדיקע. זיי זאָלן אויסדריקן זײַנע אידעען, זײַנע גײַסטיק־עמאָציאָנעלע איכס. זײַן הערשן אין זײַן ווערטער־אוצר איז שטוינענדיק. אים אַרט ווייניק, וואָס זײַן ייִדיש ליד „עס לייגט זיך אין נאָטן שווער אויס, / קלינגט רוי פֿאַר אַ שטרענגן געהער" (סאָבּרעס געהער). אים „אַרט נישט וואָס אַלט איז דאָס (ייִדישע) ליד" אים „פֿרייט דווקא, וואָס עס איז אַלט / און דאָך אַזוי יוגנטלעך שאַלט, / אַז ס'דוכט זיך: די

אייביקייט זידט..." („וואונדיקער בטחון", ז' 66). — נישט ס'דוכט זיך, מיר זענען גלייבנדיק: אייביק וועט שאַלן ס'יידיש־קינסטלערישע ליד.

פֿון ה. אָשעראָוויטשס לידער לערנט מען מער ווי פֿון גראָבבענדיקע, פּראַכטבאַנדנדיקע ביכער, וואָס באַהאַנדלען סכאָלאַסטיש אונדזער נאָך אַלץ רעטענישפֿולן, נאָך אַלץ נישט זיכערן קיום־מצב. בלויז אַן עכטער פּאָעט קאָן אַזוי אימאַזשפֿול, שאַרפֿזיניק, דיכטן וועגן רשעות איבערגעמאַנטלט אין סאָציאַליסטישער „עטיק", יידיש־פֿאַרנעפּלטערווירקלעכקייט, טרייסטנדיקע, בעסערע, פֿרידנדיקע מאָרגנס.

צוקונפֿטיקע היסטאָריקערס, וואָס וועלן אַנאַליטיש באַשרייבן ס'יידישע לעבן אין ליטווישע ישובים פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און נאָכן ווערן סאָוויעטיזירט, וועלן ה. אָשעראָוויטשס לידער באַאײַנפֿלוסן, פּסיכאָלאָגישער אויפֿצופּאַסן די דעמאָלטיקע תּקופֿות. אויך קומענדיקע פּראָזאַיקערס, וואָס וועלן קינסטלעריש שילדערן ס'יידישע שטייגערלעבן אין די אויבנדערמאָנטע ערטער, וועלן די לידער דינען אַלס אויפֿברויזנדיקער עמאָציע־שטאָף צו באַפֿליגלען זייערע בעלעטריסטישע פֿאַנטאַזיעס.

האָבן מיר געפֿונען אַלע „קאַדן", „סודות", „שליסלען", צו הירש אָשעראָוויטשס דיכטערישן „איך"? די ציטירטע פֿערזן דערמעגלעכן בלויז תּופֿס צו זײַן עטלעכע שייכותן צו זײַנע איבערלעבונגען. אין אַלגעמיין קאָנען אינטערפּרעטאַציעס נישט פֿאַראַלגעמיינערן, געגנוי אויסטײַטשן פּאָעזיע. אויך קאָן מען נישט פֿעסטשטעלן, די אַלע זײַנע שאַפֿונגען זענען באַאײַנפֿלוסטע פֿון זײַן דערצײַונג, וואַנדערנדיק לעבן. אַ סך אָשעראָוויטשס לידער זענען צײַטלאָזע, אוניווערסאַלע, אייביק־מענטשלעך פּראָבלעמאַטישע. אין זײַן פּאָעמע „נאָכן מבול", לייענען מיר קהלת־שורות: „דאָך, ווי נאָר אַרויס זיי זענען / פֿון דער תּבֿה און סכּנה, / איז דער וואָלף אַ וואָלף שוין ווידער / און דער חזיר — ווידער חזיר. בלוט איז זיס און ווילדקייט מוטיקט" (תּנ"ך־פּאָעמעס, ז' 55).

פּאַסיק איז דאָס בוך געטיטלט: „אַ לידערהיים". אָשעראָוויטש האָט געלעבט, געלערנט אין פֿאַרשידענע שולן, היימען און פֿאַרבליבן אין זײַן לידערהיים. און: בעתן לייענען די לידער פֿילט מען זיך היימישלעך.

לאָמיר זיך מתיחד זײַן מיטן דיכטערס ווונטש — מיט אים תּפֿילהען: „לעש, גאָט, ניט אויס דעם לעצטן שטערן, / ס'איז איטלעך פֿינטל שײַן אַ שאָד" (ז' 10) — דער יידיש־לשונדיקער ליטעראַטור־שטערן. אמן.

„וווּנדערוועלט"־לידער

א

די דיכטערין רחל בוימוואָל איז צוזאַמען מיט איר מאַן פּאָעט, זיאַמע טעלעסין, געקומען קיין ישׂראל אין אַפּריל 1971. פֿון דעמאָלט ביזן יאָר 1900, האָט זי אַרויסגעגעבן 7 בענדער מיט יידישע לידער, מעשׂהלעך, לעגענדעס, אידיאָמאַטישע אויסדרוקן, 2 העברעיִשע ספֿרים און איין רוסיש בוך. איר, דערוויַיל, לעצט בוך לידער: „וווּנדערוועלט" — דערשינען אין פֿאַרלאַג „הארץ" 1990, — איז איר עלפֿט ווערק און ס׳אַכטע בוך אין יידיש.

יידישע און העברעיִשע ליטעראַטור־קריטיקער האָבן אירע שאַפֿונגען אויפֿגענומען מיט פּאָזיטיוער אָנערקענונג. אייניקע לידער זענען אויף עברית געוואָרן איבערזעצט פֿון באַדיַיטנדיקע דיכטערס: שלמה אבן־שושן, אוריאל אופֿק, ק. א. ברתני, שמואל האלקין, בנימין טנא, שמשון מעלצער, חנניה רייכמאַן, אברהם שלונסקי און שלמה שנהוד. פֿון די אַ חשובע איבערזעצערס, דרינגט די חשיבות צו אירע געדיכטן.

אויפֿן לעצטן טאָוול־זיַיט פֿון בוך „שירי זמנים שונים", דערשינען אין פֿאַרלאַג „הקיבוץ המאוחד", 1990, האָט אברהם בלוב געשריבן וועגן אירע שאַפֿונגען:

„די טאַלאַנט־געבענטשטע פּאָעטין רחל בוימוואָל האָט אין־געוועזע־נעם־ראַטנרוסלאַנד זוכה געווען צו גרויספֿאַרנעמיקער פּאָפּולאַריטעט. אירע ביכער מיט לידער, לעגענדעס פֿאַר קינדער און דערוואַקסענע, אין יידיש, רוסיש זענען געוואָרן פֿאַרעפֿנטלעכט אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַ־רן און געוואָרן באַליבט ביַי אירע לייענערס. אין מדינת ישׂראל זעצט זי פֿאָר דיכטן, איבערהויפּט אין יידיש.

רחל בוימוואָל איז אַ קינסטלערין פֿון פּאָעטישע אויסדרוקן. אין אירע לידער איז נישט פֿאַראַן קיין איין איבעריק וואָרט. יעדע פֿאַרגליַיכונג, קלאַנג, דינט דעם געדאַנק, דער שאַפֿונג־טעמע. יעדעס וואָרט איז פֿולוואַ־גיק, באַדיַיטנדיק אָנגעפּראָפּט, גרענעצלאָז אויפֿריכטיק".

לײַענענדיק אויפֿמערקזאַם אירע לידער באַשטעטיקט מען אברהם בלובס פּאַסיקע אינטערפּרעטאַציעס. די פּשטותדיקע, לײַכטלאַגיש־אויפֿ־פּאַסנדיקע פֿערזן האָבן דערפֿאָלג בײַ דערוואַקסענע און בײַ קינדער. אירע נישט־איבערגעטריבענע, ײדיש־התלהבות־ניגונדיקע לידער, אויך אויף אוניווערסאַלע טעמעס האָבן גורם געווען אירע הצלחות בײַ פֿאַרשידענע פֿעלקער. די אַלגעמײן־מענטשלעכע מאָטיוון זענען ליבלעך געוואָרן אויפֿגענומען פֿון אירע אָריגינעלע און עטלעכע־שפּראַכיק־איבערזעצטע לידער. גאָר מערקנדיק איז איר הקפּדהדיקע צימצומדיקייט. ריכטיק: „אין איר דיכטן איז נישטאָ קײן איבעריק וואָרט״. עיקרדיק: אירע שאַפֿונגען זענען בבחינת דברים כהוויתם. לאָמיר נישט עקסטראַוואַגאַנטיש צוגעבן נאָך מעלות טובות צו אברהם בלובס גלאָריפֿיקאַציעס. ס'איז פּאַסיקער צו ציטירן עטלעכע פֿערזן פֿון איר בוך „װוּנדערוועלט״ און זאָלן זײ אַלײן באַשטעטיקן די אויבנדיקע לויב־דעפֿיניציעס:

עס טונקלט דער וואַלד,
עס לויכט דאָס פֿעלד,
דער רעגן כליפּעט,
די זון קוועלט... —
וווּנדערוועלט,
וווּנדערוועלט!
פֿון שפּעט ביז פֿרי,
פֿון פֿרי ביז שפּעט
אַלץ זינגט און מורמלט,
פֿלימטערט און רעדט...
אויך ניטאָ אַזאַ פֿאַרב, וואָס זאָל ווערן פֿאַרפֿעלט.
וווּנדערוועלט,
וווּנדערוועלט!

רחל בוימוואַל זוכט אויס צו אירע לידער די שטילסטע, פּשוטסטע, אינטימסטע ווערטער: אירע פֿיגוראַטיוו־זאָגנדיקע, ריטמיש־מעלאָדישע פֿערזן באַשטעטיקן: ווי יעדער אמת־באַרופֿענער קינסטלער, איז זי אויך באַשאָנקען מיט אויסנעמלעך־זעעודיקע, ריכטיק־אָבסערווירנדיקע אויגן,

נישט־געוויינטלעכער חוש־השמיעה, עמפּינדלעכע געפילן. מיט אירע קינסטלערישע חושים זעט זי, און הערט אין דער „טויטער" נאַטור און אין לעבעדיקע, מענטשלעכע וועזנס, וווּנדערלעכע דערשיינונגען, וואָס זענען פאַר דער דיכטערין נאַטירלעכע: זי זעט דאָס ליכט פון פעלד, און ווי דער רעגן כליפּעט, זי הערט: אַלץ זינגט און מורמלט פליסטערט און רעדט: „התהילה והתפּארת לחיי־עולמים". זינגט זי און מורמלט: וווּנדערוועלט צו די נצחדיקע, פערמאַנענט־דינאַמישע אויפגיי און אונטערגיי־כּוחות. אומאויפהערבאַרע, דעטערמינאַטיוו המשכדיקע יצירה־פּראָצעסן אין אַלע נאַטור וועזנס. אַלץ „פליסטערט און רעדט": „הללויה".

רחל בוימוואָלס היוצאים מן הלב־פערזן נעמען צו זיך לייענערס פון אַלע פאַלקס־שיכטן. זיי ווערן פאַרערערס פון אירע פולזיניקע, פאָבל־דיקע און אויבנאויפיק לאַגיש־פאַרשטענדלעכע, מוזיקאַליש־שפּילעוודיקע לידער מבחינת „כל עצמותי תאמרנה":

„עס טרילערט אַ פייגעלע זיס און געדיכט
אויף צווייגן וואָס שטייגן פון שאָטן צו ליכט,
זי טרילערט און צוויטשעט און גלעקלט און זינגט,
זי פלאַטערט און צאַפּלט און טענצלט און שפּרינגט..."

(ז' 61)

כּדי די ציטירטע פערזן ריכטיק אויסטייטשן, צוגעבן זיי פּאַסיק־שבחים־דיקע פּירושים דאַרף מען זיין באַרייכט מיט ענלעכער דיכטערישער גע־אייגנטקייט, ווי עס איז רייך אונדזער פּאָעטין רחל בוימוואָל. איז לאָמיר זיך מתיחד זיין מיט דער פּאָעטינס תּפילה. איר ווינטשן: ס'זאָל מקוים ווערן איר געבעט: „גאָט וועט מיר געבן / כּוח צו וועבן און וועבן / מיינע געזאַנגען / ביז וואַנען כ'וועל לעבן" (ז' 60).

ב

אין רייַן־לופטיקן, ציכטיקן נגב־שטעטל ערד איז אויף אַפּישן ברעטער פּובליקירט געוואָרן, אַז אין היי יאָריקן יוני־אָוונט וועט פאָרקומען אַ באַגעגעניש מיטן אָרטיקן איינוווינער, דאָס באַוווּסטן העברעיִשן דערציילער עמוס עוז. ער וועט רעפערירן א.ד.ט.: „שמואל יוסף עגנונס שאַפונגען"

נאָך פֿאַר דער געמאַלדענער שעה איז דער ביבליאָטעק־זאַל געווען איבער־פֿולט מיט רעדנערס פֿאַרערערס, הערערס. בעתן רעפֿערענטס באַווײַזן זיך אין זאַל, איז ער אויפֿגענומען געוואָרן מיט באַערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. ער האָט זיך געזעצט נעבן אַ קליינטשיק טישל פֿאַר אַ מיקראָפֿאָנדל. זײַן פּנים, אויגן האָבן אויסגעדריקט פֿאַרקלערטקייט, פֿאַרטרוימטקייט. פֿון זײַן פּנים, בליקן, זענען פֿאַרשווונדן די טרוימען, מחשבות. אויף די אַזויפֿיל נײַגעריקע האָט ער געבליקט פֿאַרגעניגנדיק.

עמוס עוז'ס ליטעראַרישע אײַנלייטונג האָט די פֿאַרזאַמלטע גענײַגערט. האָבן געשפּאַנט אויסגעהערט דעם אָראַטאָרס רײַך־שפּראַכלעך, אַנאַליטיש־שאַרפֿן, קולטור־היסטאָרישן איבערזיכט אין לעצטן יאָרהונדערט. הויפּט־זאַכלעך האָט ער אונטערגעשטראָכן דעם נסימדיקן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פֿון כּמעט נישט געניצטן לשון הקודש, וואָס איז בלויז געברויכט געוואָרן צו תּפֿילהען, לערנען אין חדרים, ישיבות. און זיך רעשיק אַנטוויקלט, דער עיקר אין מדינת ישׂראל, ווו זי איז געוואָרן פֿאַרוואַנדלט אין אַ טאָגטעג־לעכער שפּראַך פֿון מיליאָנען ייִדן. נאָכן ערשטן טייל רעפֿעראַט, האָט דער רעדנער געבעטן, מ'זאָל אים פֿרעגן נישט פֿאַרשטענדלעכקייטן. איך האָב געוואָלט באַמערקן וועגן נאָך אַ נס: דער קיום, אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין ישׂראל, ווו טראָץ פֿאַרשווײַגונג, איגנאָרירונג פֿון מלוכישע קולטור־אַנשטאַלטן, שאַפֿן ייִדישע וואָרט־קינסטלערס אויף פֿאַרשידענע קונסט־אַפּצווײַגונגען: פּאָעזיע, פּראָזע, עסעיִסטיק און פּובלי־ציסטיק. אָבער הערנדיק עמוס עוזס שאַרף־פּאָלעמישע פֿעיקייט, האָב איך מוותּר געווען.

אַהיימגייענדיק האָב איך געטראַכט וועגן נס פֿון העברעיִשן־אויפֿלעב אין ישׂראל. געטראַכט וועגן ייִדישן פֿאָלקס־גורל: אין אַלע תּקופֿות צו זײַן פֿאַרניכטנדיק באַדראָט: „בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו והקדוש ברוך־הוא מצילנו מידם". — מ'לעבט נסימדיק. אַפֿילו לויט דער ייִדישער תּורה־געשיכטע איז אויך די וועלט־שאַפֿונג געווען אַ נסימדיקע: „ויאמר אלהים" און טשיק־טשאַק איז געוואָרן די „ויהי"־שאַפֿונג. אונדזער גאַנצע געשיכטע איז פֿול מיט בלוטיקע פֿאַרניכטונגען און נסימדיקע אויפֿלעבונגען.

און אַזוי טראַכטנדיק אַרײַנגעקומען אין צימערל און באַמערקט רחל בוימוואָלס בוך מיט לידער: „וווּנדערוועלט". לייענענדיק עטלעכע לידער

האָב איך געטראַכט וועגן דרײַפּאַכיקן נס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין ישׂראל: 1) דער עצמדיקער דיכטונג־פּראָצעס איז דאָך נאָך אַלץ נישט געוואָרן וויסנשאַפֿטלעך אויסגעפֿאָרשט. איז געבליבן אַן אומאויפֿפֿאַסנדיקע דערשײַנונג. 2) נאָך די בלוטיקע פֿאַרניכטונגען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אייראָפּע, רוסלאַנד, אַנטוויקלט זיך אַ גוט־קינסטלעריש־קוואַליטאַטיווע ליטעראַטור. 3) טראָץ דעם שווערן קיום־געראַנגל פֿון ייִדישע קינסטלערס, דיכטן, שרײַבן זיי הללדיק פֿאַרן ישׂראל־לאַנד. הנאָהדיק געלייענט ס׳ליד: „מײַ אין ירושלים״. „וואָס טוט זיך מיט די געלע קוסטעס! / דער דרויסן איז מיט זיי פֿאַרפֿלייצט. / פֿול אַלע גאַסן, אַלע פּוסטקעס / מיט זייער זוניק־רײַפֿן רייץ. // אַז אַלץ אַרום זאָל זײַן באַבלימלט, / דאָס איז דאָך פּשוט אומדערהערט / פֿון אויבן שווימט אין גאָלד דער הימל, / פֿון אונטן רוט אין גאָלד די ערד״ (ז׳ 21).

זעען מיר. אַז רחל בוימוואַל פֿירט אויס איר ייִדיש־דיכטערישן באַרוף: טראָץ מיט גאַרנישט ווערן באַלוינט פֿאַר פּיאָנערישער מי, באַזינגט זי ס׳אויסגעטרוימטע, כּסדר בלוטיק זיך־ראַנגלענדיקע, קעמפֿנדיקע, אַלט־נײַע פֿאָטערלאַנד. זי דיכטעט אָדעס צום „לאַנד ישׂראל״: „ייִדיש לאַנד, דו ביסט מיר ליב און טײַער. / נאָר איין קלייניקייט בײַ דיר איך בעט: / טרײַסל זיך ניט אָפּ פֿון מײַן צושטײַער — / זאָג מיר נאָר ניט, אַז פֿאַר מיר איז שפּעט״ (ייִדיש־ליטעראַטור אין מדינת ישׂראל — אַנטאָלאָגיע, ז׳ 113).

ג

גוטע לייענערס אונטערשיידן קינסטלעריש־יצירהדיקע געדיכטן פֿון געמלאָכהטע, אין אמתדיק־פּאָעטישע שאַפֿונגען זענען די ווערטער נאַטירלעך, זיניק געזיווגט. די שורות, די פֿערזן זענען פֿאַנעטיש־ריטמיש־מעלאָדיש געבונדן. אין די פּראָדוצירטע, מכלומרשטע „לידלעך״ זענען די ווערטער, די שורות, ברוגזע, שלאַבעריקע, ווי צונויפֿגעקלעבט מיט שפּײַעכץ. מיט יעדן קריטישן בלאָז צעפֿאַלן זיי זיך, ווי קאָרטנהײַזלעך. די אמתע דיכטונג פֿאַרכאַפּט דעם לייענער, שוועבט מיט אים אין פֿאַנטאַסטיש־שײַנע, אויסגעדמיונטע ספֿערן. מ׳הערט האַרמאָניש־שײַנע מוזיק, ווונדער־געזאַנגען. מ׳זעט אַנטציקנדיק־קאַליפֿוליע בילדער. זיי מאַכן בליצן אין די מוחות

חכמת־הצירופּדיקע מחשבות. די געפּאָלשעוועטע, גאָרנישט זאָגנדיקע „פֿער־זן" ווירקן צו ווערן אַפּאַטיש, גלײַכגילטיק.

כ'בין זיך מודה: בין אַ גאָר פֿאַמעלעכער לייענער, איבערהויפּט לידער פֿון טאַלאַנטירטע, באַרופֿענע דיכטערס. כ'לייען זיי עטלעכע מאָל ביז כ'דערטיף זיך צו זייערע מעטאַפֿאָרישע, פֿיגוראַטיווע, באַהאַלטענע כּוונות און ביז כ'הייב אָן משׂיג זײַן אויסצונמשלען זייערע רזינדיקע רעטעניש־מחשבות. און אַזוי האָב איך געלייענט רחל בוימוואָלס „ווונדערוועלט"־לי־דער. כ'האָב פּשוט נישט געקאָנט זיך אָפּרײַסן פֿון בוך. ווידער און ווידער געלערנט די ריטמיש־געמזמורטע פֿערזן. ספּעציעל פֿאַרכאַפּן אירע מאַמעס געזאַנגען מיט אויפֿריכטיקער ליבשאַפֿט, גוטסקייט, טרײַשאַפֿט: „ווען די נאַכט פֿאַרוועבט דעם צימער / און די איינזאַמקייט טוט באַנג, / קומט צו מיר מײַן מאַמעס שטימע. / כ'הער איר נאָגנדן געזאַנג. // אירע טרויע־ריקע לידער / מיט דעם ייִדישלעכן ווייי / נעמען קלינגען אין מיר ווידער. / אומפֿאַרגעסלעך זענען זיי! // פֿון די טענער לויטער־ריינע / מיטן טרויעריקן קלונג / פֿלעגט זיך מיר פֿאַרוועלן ווײנען, // — מאַמע, אייביק זײַן זאָלסט יונג!" (ז' 72).

זענען אירע לידער בראשיתדיקע, יצירהדיקע, אָריגינעלע. בכדי דאָס צו באַשטעטיקן, דאַרף מען ציטירן צענדליקער לידער. אַ זאַך וואָס איז נישט אַנטעמבאַר, בלײַבט צו רעקאָמענדיקן מ'זאָל לייענען אירע ביכער לידער, עפּיגראַמען, אידיאַמאַטישע אויסדרוקן, אַנגעפּראַפּטע מיט חכמת־החיים, פֿרילינגדיקע פֿרישקייט, יוגנטלעכקייט, און אוניווערסאַלקייט. ווײַל ס'איז אַזוי תּענוגפֿול, אַנגענעם צו לייענען אירע פֿרילינג־לידער. אומעטום זעט זי: „די בלומען אויף די בײַמער־בלוי צעבליטע. / זיי באָדן זיך אין בלענדיקן געבלעטער". טרוימיש לעבט זי אין: „פּרדסים שמעקנדיקע זיסלעך־ביטער". זי קוקט. מיט קינסטלערישע אויגן זעט: „אַלצדינג קריכט און קלעטערט... // עס גייט דער הימל אום איבערן קאָפּ / מיט ווײַסע וואָלקנדלעך וואָס שמייכלען מילד אַראָפּ". (ז' 35).

זי ווידמעט אירע לידער צו דער זון, צום פֿרילינג, קנאָספּן, קאָלירפֿו־לע, אַראָמאַטיש־מחיהדיקע בלומען. זענען בבחינת אומענדלעך, „ויהי"־שעפֿעריש, כּסדרדיק ווערן, פֿאַרלענדונג און ווידער־געבוירן... זי איז „פֿאַרשיכּורט פֿון גאָלדענעם פֿרילינג־געטראַנק. / און דאָס גאָלד מיטן

ליכט פֿלעכטן אויס איין קאָליר / וואָס ער האָט ניט קיין ברעג, וואָס ער האָט ניט קיין שיעור" (ז' 22).

די דיכטערין איז מקפּיד צו היטן די ליטעראַטור־„תּורות"דיק פּראָ־סאָדישע דינים. זי היט דעם ריטעם, ווערטער־מאָסן, מעטער. הויפּטזאַכלעך לייגט זי אַכט אויף נאַטירלעכע גראַמען „שטעקל־ברעקל", „זונען־באַגי־נען". ייִנגער־גרינגער „איידל־מיידל". ווי יעדער מחבר זאָגט זי אויס איר סוד: „איז קנאַפּ מיר מײַן ליד און די שורה מיר ענג, / און חזיותדיק איז מיר מײַן הייליקער עול / ווען כ'הער ווי דער ווידערקול כּפֿלט מײַן קול".

זאָגן מיר איבערחזורנדיק:

אירע לידער זענען נישט איבערטריבן מיט ייִדישלעך־התלהבותדיקע געניגונטקייט. פֿאַרדאָס איז עונגדיק צו זײַן אין אירע באַזוניקטע גערטנער, פֿול מיט צעעפֿנטע קנאָספּן, זאַנפֿטיק־אַראָמאַטישע בלומען. זענען זיי טאָקע צוגענגלעכע, פֿאַרשטענדלעכע, תּענוגדיקע פֿאַר יונג און אַלט, פֿאַר אַלע פֿעלקער.

„האַלינאַ" — אַ דיכטעריש־מעדיטאַטיווער ראָמאַן

א

דער פּרוכפּערדיקער שרײַבער שלמה וואָרזאָגער איז געבענטשט מיט דרײַ וואָרט־שעפּערישע קונסט־כּוחות. ער איז אַ וויזיאָנערישער דיכטער, אַ פּאָבולישער, פּסיכאָאַנאַליטישער ראָמאַניסט, און אַ שאַרפּזיניקער אויס־טײַטשער פֿון וואָרט־קינסטלערישע ווערק.

לייענענדיק זײַן אינטעלעקטועלע, אייגנאַרטיק־סוזשעטנדיקע, יאָ־מערגעזאָנגען־פּאָעמע, צי זײַנע באַלערנדיקע ראָמאַנען, און חריפֿותדיקע עסייען, איבערצײַגט ער אונדז, אַז ר'איז רעפֿלעקסירט געאייגנט צו גע־וועלטיקן איבער די אין אים שעפּעריש־שפּרודלדיקע פּאָטענצן. זײַנע שאַ־פֿונגען זענען תּמיד פֿאַרפֿאַסט זשאַנערדיק־פּאַסיק. באַזונדערש די דיכטע־ריש־געמאָלטע, קינסטלעריש־פּראָזאַישע מעדיטאַטיווע שטייגערלעבנס. זײַ־נע העלדנס פֿילאָסאָפֿיש־דענקענדיקע מאָנאָלאָגן, דיאַלאָגן זענען וואָרטיק קוואַנטיטאַטיוו, רעאַל און מיסטיש געראָטן.

ס'איז באַוווסט: טאַלאַנטירטע, מוזיק־באַגאַבטע קאָמפּאָזיטאָרן, צי דיריגענטן, האַרמאָניזירן די קלאַנגען פֿון פֿאַרשידענע אַרקעסטער־אינסט־רומענטן, אַז די פֿידלערס זאָלן זיך נישט צופֿיל קלאָגנדיק צעיאָכצן. זיי צוימען די באַסן זיי זאָלן נישט פֿאַרטושן די האַרפֿן, די אָרגלס; דערלויבן נישט די צימבלערס, טראָמפּייטערס זיי זאָלן זיך צו־הויך צעקולותן. באַגרע־נעצן יעדן אינסטרומענט ווי ווײַט מעגלעך, כּדי אַלץ זאָל האַרמאָניש, הנאהדיק געהערט ווערן. און ווי מיר דאַכט, טוט אַזוי דער בעל־נסיונדי־קער דיכטער, בעלעטריסט, עסייִסט שלמה וואָרזאָגער, אַז זײַנע דרײַ־שווונגנדיקע קינסטלערישע אויפֿטוען זאָלן תּמיד האַרמאָניזירן. מ'פֿילט זײַן באַמיִונג, אַז קיינער פֿון זיי זאָל נישט איבערטרײַבעריש זיך צעזינגען, צעמאָלן, צעזאָגן, צעפֿילאָזאָפֿירן אין זײַנע פּאָעטישע, בעלעטריסטישע, אינטערפּרעטאַטיווע שאַפֿונגען. איך באַגרינד מײַן מײַנונג אויפֿן מחברס טעקסטן אין זײַן צוועלפֿטן בוך: „האַלינאַ".

ב

שלמה וואָרזאַגערס לעצטנס דערשינענער, דיכטערישער, מעדיטאַטי־ווער, פּסיכאָאַנאַליטישער, צווייטיילי־קער ראָמאַן: „יוני 1941", און „האַלי־נאַ" (ביידע דערשינען אין פאַרלאַג „ישראל־בוך") באַרײַכערט דעם ישראל־דיקן, וועלטלעכן היכל הספרים. ווײַל דאָס זענען באַלערנדיקע ביכער.

לייענען מיר אין „האַלינאַ": דער ראַנגירטער קאָמאַנדיר פון אַ פּאַנ־צער־אָפּטיילונג כעניק, פאַרלאָזט דאָס שפּיטאָל אויף צוויי קוליעס. מ'האָט אים אַמפּוטירט אַ פוס. די אין אים פאַרליבטע האַלינאַ טרייסט אים פריער נאָך: „כ'וועל זײַן דײַן ווײַב" בעת ער, דער נאָך פאַרליבטער אין זײַן אומגעקומען ווײַב סאָניע, מיטן שוועלבעלע, שימעלע, וויל בלויז זי זאָל אים זײַן אַ שוועסטער. האַלינאַס רייד זענען ווירקנדיקער. ווײַנען זיי אין איין שטוב. האָבן איין בעט, פאַרשרײַבן זיך אין „זאַגס" און ער ווערט אַ טאַטע פון פייגעלע. אָבער זײַן ליבע צו סאָניען ווערט אַלץ נישט אָפּגע־קילט.

אונדזער מחבר ווײַזט אונדז, אַז... ווײַל ווײַבער זענען „אַנגעשטעקט מיט מיסטעריע, חן, סוד שיקן זיי צום מאַן שטראָמען פאַרפירערישקייט" („יוני", ז' 39). כעניק — האַלינאַ זענען „בלאָנדזשענדיקע שטערן". באַ־זונדערע וועלטן. זיך־אָפּגעפונענע אַדאַנק דער גראַוויטאַציע פון קעגנזײַ־טיקע כּוחות: זיי האָבן אַראָפּגענידערט די הימלישע באַשטראַלונג צו דער ערד און דאָס ערדישע דערהויבן צום עטעריש ספּיריטועלן" (דאָרט ז' 36). זיי לײַדן הונגער. כעניק ווערט קראַנק אויף דיזענטעריע. ווידער שפּיטאָל. בײַ האַלינאַן בעט ער אַן אײַנשפּריצונג, אײַנצושלאָפן אויף אייביק. האַלינאַ טראַכט: „פון ווייטיק רעדן מענטשן נאַרישקייטן. אין פיבער, פּלוידערט מען אַרויס דאָס, וואָס ליגט טיף פאַרבאָרגן. דריקט אויפן געמיט. אויס־טערלישע רייד. אָבער אַסך אמת אין זיי. אַ מין ווידוי. פון די טיפסטע שיכטן שיכחה (וואָס האָט, אַגב, אויך זכרון...) פון פאַרנעפּלטן באַוווסטזײַן שווימען אַרויס די ווערטער" (האַלינאַ, ז' 19). כעניק רעדט פון היץ. ווידער טראַכט ער: סאָניע מיטן קינד זענען אַראָפּ פון דער באַן. געוואָלט זוכן אַ טראָפּן מילך פאַרן אויסגעהונגערטן קינד, שימעלע. דער עס.עס.־באַנדיט האָט זיי פאַרכאַפּט. אויף אייביק נעלם געוואָרן. און ער — ער רעדט וועגן נקמה און... שטאַרבט.

די 35 יעריקע, שיינגופּיקע האַלינאַ (אינדערהיים געהייסן חומה, דער־

נאָך האַלינאַ, אין ישׂראל רופֿט זי זיך נחמה) האָט טונקל־ברוינע אויגן, פֿולע חשקדיקע ליפּן. זי אַרבעט דאָ ווי אַ קעלנערקע אין אַ חתונה־זאַל. איר באַלעבאָס, שמואל, אַן עולה, אַלמן, הנדלט זיך צון איר. די געסט, די מוזיק וועקן אין איר אומעט. פֿון שטויב פֿון טאַנצנדיקע פֿיס זעט זי אין נעפּל כעניקס געשטאַלט. דערמאָנט זיך: אַמאָל האָט ער צו איר געזאָגט, אַז זי איז אַ פֿלאַטערל, וואָס ציט צום ליכט. איצט איז צפּורה דאָס פֿלאַטערל, וואָס ציט צום אַראַבישן סטודענט אויף פֿילאָסאָפֿיע, וואָס אַרבעט ווי אַ גערטנער. „האַלינאַ־ציפּי. צוויי דורות ליבע. די צײַטן אַנדערע, די ליבע די זעלבע. אַ הוידלקע? אַהין־און־צוריק? גיין. אַ קרײַז. אַ ראָד, וואָס דרייט זיך אָן אויפֿהער. אַ ראָד פֿון בלוט און באַגער" (דאָרט ז' 33).

ציפּי, און אַכמעד זיצן אויף אַ באַנק אין גערטנדל. מ'שמועסט. זײַן פּנים לאַכט. בייגט זיך צו איר. זי רוקט זיך אָפּ. וויל נישט פֿילן זײַן הייסן אָטעם. ער ווערט צעטומלט. ביידע שווײַגן. ער רעדט צו זיך: אַלע בני אָדמס האָבן עמבריאָניש אַ נאָענטקייט־געפֿיל. עס צעטיילט זיי בלויז די פֿאַרבן פֿון הויט, שפּראַך, רעליגיע. פֿון וואַנען די שׂינאה? פֿעלקער־פֿײַנטשאַפֿט? ס'קעגנזייטיקע נישט לײַדן זיך פֿון ישׂראלים און אַראַבער?" (דאָרט ז' 61). אָבער אַז ציפּי האָט דערקענט זײַן צווייפּנימדיקייט, זיך פֿון אים דערווײַטערט, האָט תּיכּף ומיד דער אַנטוישטער אַכמעד געטוישט זײַנע מיינונגען: „ייִדן זענען אַ קאָמיש־טראַגיש פֿאָלק. אַן עם־עולם, עולים יורדים אויפֿן לעבן פֿון אַנדערע. זענען סײַ דער מלאך, סײַ דער טײַוול. אַ ספֿינקס. הייליקע באַגריפֿן און טונקעלע כּוחות. ווילן הערשן, געוועל־טיקן" (ז' 138). אין אַ בריוו צו ציפּי שרײַבט ער: „אין דעם לאַנד האָבן שוין געהערשט רוימער, קרייצפֿאָרערס, טערקן, ענגלענדער. אַצינד — ס'ייִדישע קעפּעלע. די אָ קליינע ערד וועט זיך אויפֿכאַפּן פֿון לאַנגן שלאָף, ווי ס'הייבט זיך אויף אַ מוראדיק הויכע וואַסער־וואַנט אין אַ צעשטורעמטן ים און פֿאַרשלינגט אַלע וואָס 'שווימען' אויף איר רוקן" (ז' 174). אָבער צו להכעיס דער שׂינאהדיקער קעגנערשאַפֿט צו דער ווידער־אויפֿגעלעבטער מדינת ישׂראל, גייט אין איר אויף „אַ נײַ לעבן". שארית־הפּליטה־ייִדן פֿון אַזויפֿיל לענדער ווילן דאָ דעריאָגן „אַ פֿאַרשפּעטיקטע זאַך. מ'בויט הויכשטאָקיקע בנינים. בולדאָזערס אײַזערנע ציין, עסן זיך אײַן אין האַרטן, שטייניקן באָדן. זאַמדבערג גלײַכט מען אויס. מ'פֿאַרשיט טאָלן. מ'פֿלאַס־טערט ברייטע כּבישים. מ'פֿלאַנצט ביימער. מ'בויט שפּילפּלעצער" (ז' 191).

צו שמואלן קומט פּלוצעם זײַן זון סרוליק. בײַ אַן אַקציע האָט שמואל געגעבן עטלעכע זהובים אַ פּוילישן פּאָליציאַנט און סרוליק איז נעלם געוואָרן. פֿון דעמאָלס האָט שמואל נישט געוווּסט צי זײַן זון לעבט. דער פֿאָטער באַשליסט צו מאַכן אַ שבתדיקע מסיבה. האַלינאַ און ציפּי ווערן־אײַנגעלאַדן צו דער שׂמחה. האַלינאַ און ישׂראל קוקן זיך איבער. זײַן פּנים, לענגלעכע קאַרבן אַרום די פּולבלוטיקע ליפּן, מענעריש מויל, ענערגישע הענט דערוועקן אין האַלינאַן אַ שטאַרקע אויפֿרעגונג.

ישׂראל ווערט אַן אָפֿטער גאַסט בײַ האַלינאַן. דערציילט איר זײַנע איבערלעבונגען אין טראַגישן „דאָרטן". ער זאָגט: „שרײַבער, היסטאָרי־קער וועלן נאָך אַ סך באַשרײַבן דעם פּיינפּולן, מערדערלעכן „דאָרטן". מ'וועט אויפֿגראָבן די האַק, האַקנקרייץ, וואָס האָבן ווילד געהוליעט איבער ייִדיש לײַב און לעבן" — „די וואָס זענען דאָרטן געווען, וועלן קיינמאָל נישט אַרויס, די פֿון דרויסן — וועלן קיינמאָל נישט אַרײַן" (ז"ז 131—231).

האַלינאַ לעבט איבער מאַטערנדיקע נעכט. ליגט האַלב שלאָפֿנדיק, האַלב וואַכנדיק. האַלוצינאַציעס. זי זעט אויף טונקעלע ווענט ווי די בלאַסע לבנה צייכנט שאָטנס, פֿון וועלכע עס שיילט זיך אויס אַ געשטאַלט. דאַרע הענט בלאַנדזשען אַרום איר קאָפּ. זי פֿילט זײַן הייסן גוף. „ביסט נאָך אַלץ אַזוי שיין, העליוש. ס'שמעקט פֿון דיר מיט פֿרישן לײַלעך, נאַקעט לײַב. כ'האָב דיר, כעניוש, אַזוי ליב. ווי אַ בלאָקאַדע האָסטו מיך אַרײַנגענומען. איך קאָן נישט אַרויס" (ז' 145).

און באַלד אויף זײַט 151 לייענען מיר:

ישׂראל קומט צו האַלינאַ. באַמערקט אין אירע אויגן פֿרייד, ברענענ־דיקער חשק. זי מאַכט זיך אַ טוש. דער געשלעכט־אויסגעהונגערטער מאַן, ישׂראל, הערט ס'אַראָפּשאָקלען פֿון אירע לעטשלעך. ס'אויסטאָן איר קלייד. אַראָפּציען ס'העמד איבערן קאָפּ. האַלינאַ קומט אַרויס מיט אַ רויטלדיק פּנים, צעליכטיקטע אויגן. זעצט זיך אויפֿן בעטראַנד. קוקט אַרײַן אין איר ישׂראל. ער בייגט זיך צו איר. נעמט זי פֿאַר דער טאַליע. זי פֿילט צודרינג־לעכקייט פֿון זײַן גוף. אײַנגעפֿלאָכטענע איינער אין צווייטן, פֿאַלן ביידע, ווי איין קערפּער אויפֿן בעט. זי זאָגט: „פֿון דײַן טאָטן כ'וועל אַוועקרויבן דיך". ער באַמערקט: „וועסט מיר זײַן אַ ווײַב". האַלינאַס אויגן צעצינדן זיך. כאַפּט זיך אויף, ווי פֿון אַ חלום. וויינט. ישׂראל וויל וויסן די סיבה.

„דײַנע װערטער: ׳װעסט מיר זײַן אַ װײַב׳, האָב איך געזאָגט כעניקן". אויך ישׂראלס מילד שמייכלען, האַרציקע שטים דערמאָנען איר כעניקן. זײַן מענערישקייט איז מגולגל געװאָרן אין ישׂראלן. האַלינאַ לעבט איבער איר ערשטע ליבע אין געשטאַלט פֿון אַ צװייטן. שמואל דערקלערט איר, אַז דער חתונה־זאַל איז אירס. „אַ כּלה ביסטו מיר. אין דעם זאַל װעט פֿאַרקו־מען דײַן חתונה. אויך האַלינאַ־נחמה טראַכט: ס׳װעט זײַן אַן עכט ייִדישע חתונה. מ׳װעט באַקן אַ קוילעטש. קאָכן פֿיש, פֿלייש, אַ גילדענע יויך. מ׳װעט טאַנצן אַ שער. און ישׂראל װערט מאַביליזירט.

דער באַלערנדיקער ראָמאַן ענדיקט זיך: „ס׳װעט זײַן אַ חתונה"...

ג

שלמה װאָרזאָגער האָט זײַן דיכטעריש־פּראָזאַישן, מעדיטאַטיװן, צװיי בענדערדיקן ראָמאַן: „יוני 1941" און „האַלינאַ" געשריבן קינסטלעריש־קרעפֿטיק, ענטוזיאַסטיש־פֿאַרכאַפּנדיק. ער איז בכּוח דמיונדיקע פּאַסירונ־גען צו פֿאַרװאַנדלען אין גאָענטע, רעאַלע, װירקלעכע געשעענישן. ער דערציילט שפּאַנענדיק, דראַמאַטיש, בילדעריש־מאַלעריש, פֿאָלקיש־שפּראַכ־לעך און אינטראָספּעקטיװ. זײַנע געשילדערטע טשיקאַװע האַנדלונגען, די העלדנס דיקטירטע פּאַסיקע מאָנאָלאָגן, דיאַלאָגן זענען אָנגעלאָדן שױשפּי־לעריש און באַלערנדיק. די 41 קאַפּיטלעך אין בײדע ביכער לייענט מען גאָר גײַגעריק. טראָץ די שוין אַזױפֿיל דערציילטע, געשריבענע אומקום־ביכער לייענט מען שפּאַנענדיק ש. װאָרזאָגערס לעבעדיק שילדערן פּײַנ־פֿולע עפּיזאָדן פֿון נאַציש־חיהשע פּײַנען, ייִדן אומברענגען. הויפּטזאַכלעך דאָס היסטעריש אַנטלויפֿן פֿון דער סכּנותפֿולער, דײַטשישער רוצחישער בעסטיע; ס׳לײַדן הונגער, קראַנקייטן אין קאַלטע צי אין הייסטראָפּישע רוסישע געגנטן אין מלחמה־יאָרן; די העלדישע קאַמפֿן פֿון דער רויטער אַרמיי, װאָס אַ דאַנק זייער העראָיש צעשמעטערן, צעממיתן די גוט־באַװאָפֿנטע, דריטרײַכערישע אַרמיי, האָט אָפּגעראַטעװעט די ציװיליזירטע װעלט פֿון די מערדעריש־פּלאַנירטע פֿאַרניכטונגען. זײַנע פֿאַרביק־מאַלע־רישע ישׂראל־פּייזאַזשן, ס׳באַשרײַבן די װוּנדערלעכע דינאַמישע ישובֿים־אויפֿבויונגען, אויפֿװעקונגען פֿון די מדבּרדיקע אָפּגעלאָזטע, פֿאַרנאַכלע־סיקטע שטחים; אויף זיי פֿלאַנצן װעלדער גערטנער, מיט שפּע־דיקער פּרוכטבאַרקייט װײַגערטנער, גרינװאַרג אויף אַמאָליקע זומפּיקע,

פּעלדזיקע באַדנס; די ייִדישע גאונישקייט, די קולטור; די העלדישע פֿאַר־טיידיקונג־קאַמפּן פֿון צ.ה.ל. זענען אָריגינעל קינסטלעריש.

שלמה וואָרזאַגער דערציילט נישט סתמיקע, אינטערעסאַנטע דערציי־לונגען. זײַנע אַרויסגעבערענגטע עפּיזאָדן זענען אַזוי פּלאַנמעסיק צוזאַמענ־געפּלאָכטן, אַז ס׳פֿאָדערט זיך אַ גרינטלעכע פּסיכאָלאָגישע, פּסיכאָאַנאַלי־טישע באַטראַכטונג.

מיר האָבן שוין אייניקע מאָל דערמאָנט, אַז וואָרט־קינסטלערס נמשלען זיך אַליין אויס זייערע מעטאַפֿאָרישע, מיראַזשנדיקע, אימפּרעסיווע שאַפֿונ־גען. אין ספּעציפֿישע שטעלן זענען זיי מסביר זייערע אינטראָספּעקטיווע חיבורים. מ׳דאַרף בלויז געפֿינען די אָ אויסטײַטשערישע זאַצן. אויך אונדזער דיכטער, ראָמאַניסט, אינטערפּרעטאַטאָר שלמה וואָרזאַגער איז מסביר זײַן רמזדיק שרײַבן אין פֿאָלגנדיקע שורות: „חלום — דערמאָנט ער זיך אין פֿרוידן — אַ זינלאָזע געפּילנוועלט. אַ וועלט פֿון גשמיות אין אַ נעץ פֿון אַנטי־חומר אויסשטראַלונג. דער מענטשלעכער געדאַנק פּראָיעקצירט אויפֿן פֿאָן פֿון אַ טונקעלן עקראַן. — זײַנע איך־געשטאַלטן, זכרונות, הווה, עתיד אין אויסמיש מיט צײַטן, ערטער. אַ געאָרדנטע אומאָרדענונג פֿון אָנונ־גען, וויזיע,ווירקלעכקייט, לאָגיק אין כסדרדיקע ענדערונגען. אָן אויפֿטויך און פֿאַרשווינד פֿון בילדער, געשטאַלטן, אָן און מיט צוזאַמענהאַנג. אָט שליסן זיי זיך אין אַ קרײַז. אָט — אין אומענדלעכער צעשפּרייטקייט” (ז׳ 173). והמבין יבין.

אַהרעלעס ווידוי

א

דער דיכטער, פּראָזאַיקער, עסעיִסט, שלמה וואָרזאָגער, האָט זיך מיטן ערשטן בוך לידער: „זײַן" (מינכען 1948) קונה שם געווען ווי אַ „ויאמר"־דיקער דיכטער, אימפּרעסיוועד וואָרטזאָגער. זײַנע רעאַליסטיש חידהדיקע, לירישע, האָפענונג־וועקנדיקע לידער און פּאָעמעס האָבן געמוטיקט ס'פֿאַר־אַבלטע ייִדנטום, נאָכן גרויזאַמען אומקום אין אייראָפּע, אין די יאָרן 1939—1945. זיי האָבן באַזונדער געווירקט אָפּטימיסטיש־אמונהדיק אויף די שארית־הפליטה־ייִדן אין די ד.פּ.־לאַגערן אין דײַטשלאַנד. פֿאַר די ווייניק־געראַטעוועטע משפחות און קהילות־רעשטלעך איז דעמלט געווען אַ צערפּולער, האָפענונגלאָזער פּעריאָד. די כסדרדיק־פֿאַרעפֿנטלעכע גביות־עדותן פֿון גרויספֿאַרנעמיקן ייִדנמאָרד, האָבן פּײַנפֿול צעטרײַסלט די עלנט־פֿאַראייניזאַמטע באַגערן, האָפענונגען. זיי זענען אויך געווען ייִאושדיק באַזאָרגט פֿון נישט וויסן זייער צוקונפֿטיקן קיִום־גורל.

און ווי פֿאַרביקע, דופּטיקע „בלימעלעך, אויפֿגעשפּראָצטע אויף רויִנעס", האָבן זיך אויף די פּיזישע, ייִדישע קולטור־חורבות צעבליט, פּובליציסטישע, וואָרט־קינסטלערישע, טעאַטראַלע שאַפֿונגען. די לעבן־געבליבענע ייִדישע שרײַבערס און אַרטיסטן האָבן אויף זיך גענומען אַ מיסיע: מיטן אויפֿקלערערישן, ליטעראַרישן, טעאַטראַלן וואָרט צו לינדערן די ווייטאָגן, אַנטוישונגען אויפֿוועקן ייִדישן בטחון און אויפֿלעבונג.

ס'האָבן דעמלט אין מערב־דײַטשלאַנד געלעבט אַ באַטײַטנדיקע גרופּע ייִדישע ליטעראַטן: י. בראַט, י. בעקער, ש. וואָרזאָגער, מ. מאַן, ש. אַפּלבוים, ע. פֿעלד, ש. פֿרענקל, י. קאַפּלאַן, מ. קראַשניץ, ל. רובינליכט, ד. רובינשטיין, לוי שאַליט, א. שרײַער און דער מחבר פֿון אָט דעם מאמר. צווישן זיי האָט שלמה וואָרזאָגער געהאַט אַ באַטײַטנדיק אָרט. דער מעטאַפֿאָרישער נאָמען פֿון זײַן ערשטלינגבוך: „זײַן" האָט אַסאָציאירט טרייסטנדיקע האָפענונגען: זײַן. טראָץ דעם ברוטאַלן ייִדנמאָרד וועט מקוים ווערן דער „נצח ישראל לא ישקר". ייִדיש פֿאָלק וועט אויפֿלעבן פּיזיש, עקאָנאָמיש,

געזעלשאַפֿטלעך, קולטורעל. וועט המשכן קינסטלעריש דאָס שאַפֿן אינעם אויסדרוקרײַכן ייִדישן לשון.

אויך אין מדינת ישׂראל איז ש. וואַרזאַגער קינסטלעריש שאַפֿעריש. פֿון זינט זײַן אַרויסגעבן דעם ערשטן ראָמאַן „ברויט" אין 1960, ביזן יאָר 1990, האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט נאָך 6 ראָמאַנען, א זאַמלונג לידער „דאָ גייט אויף די זון", אַ קריטיש־„לאמור"דיק בוך „אַזוי צו זאָגן", אַ באַנד סיפּורים, איבערזעצטע אין עברית דורכן פּאָעט משה יונגמאַן ז"ל, און אין 1992 איז אין פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך" דערשינען זײַן היסטאָריש־פֿראַזאַיש־אויטאָביאָגראַפֿישער ווידוי־ראָמאַן: „דורות".

אין אָט דעם בוך איז דראַמאַטיש, בילדעריש, פּסיכאָלאָגיש, אין אַ פֿאָלקסרײַכן ייִדיש, געשילדערט דעם הויפּט־העלדס, „אהרעלעס" איבערלעבונגען. אין די 339 בוכזײַטן אַנטפּלעקט דער מחבר זײַנע ראַנגלענדיקע פּאָעטישע, דערציילערישע, אינטערפּרעטיווע איכס. ס'איז עונגדיק צו לייענען די געמאָלטע נאַטור־פּייזאַזשן, דאָס אינטעלעקטועל שילדערן מענטשלעך־יצרדיקע אייגנשאַפֿטן און דאָס זיך אַליין אינטערפּרעטירן. זײַנע אָפֿט־איבערחזרנדיקע קאָמענטאַרן, דערינערן דאָס לערנען די חומש־פּרשיות. מ'האָט יעדן פּסוק עטלעכע מאָל געלייענט און פּירושימדיק פֿאַרטייטשט.

ב

ש. וואַרזאַגער הייבט אָן זײַן ראָמאַן: „און ס'וועט זײַן ווי ס'זינגט זיך אין לידל: 'אכציק ער און זיבעציק זי'. — — — אַליין אין צווייען וועט מען זיצן — — — אַרײַנטראַכטן אין סוף פֿון די טעג. — — — יעדער סוף האָט אָן אָנהייב" (ז"ז 7־8). דאָס דערמאָנט דעם קלוגסטן „קהלת"־זאָג: „דור הולך ודור בא, והארץ לעולם עומדת" (א.ד.). דאָס לעבן איז אַ גלגל החוזר, אָן אומאויפֿהערלעכער, אומענדלעכער, אייביק־וועקסלענדיקער געבוירן, לעבן, טויט. אין דער „טויטער" נאַטור איז דער זעלבער פּראָצעס: בליִען, וואַקסן, וועלקן, פֿוילן. אין דער נאַטור איז אַ פּערמאַנענטער בײַט: זײַן און פֿאַרגיין. „יעדער סוף האָט אָן אָנהייב"...

שפּאַנענדיק איז דערציילט „אהרעלעס" דראַמאַטישער לעבנסוועג: געבוירן געוואָרן ווען דײַטשיש מיליטער האָט אָקופּירט ס'שטעטל דוביענקע, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. ייִדן לעבן איבער שווערע לײַדנדיקע יאָרן. דערלעבן די פֿאַרכאַפּנדיקע דײַטשן די קריִע־בלועהדיקע רוסן טרעטן

אַפּ. ס'איז סוף־מלחמה. אָבער נישט דער סוף צו דער אייביק גוייִשער שינאה צו ייִדן. האַלערטשיקעס, הײַדאַמאַקעס קוויטשען אין די גאַסן: „זשידי!" ברעכן טויערן, טירן, פֿענצטער פֿון ייִדישע געוועלבער, שלאָגן, רויבן. אין דער פּיצלדיקער בעקערײַ פֿון אַהרעלעס פֿאָטער קומען אַרײַן צוויי הײַדאַ־מאַקעס. איינער רײַסט פֿון ייִד אַראָפּ ס'פֿאַרשוויצטע העמד. מיט אַ נאַהייקע שמײַסט ער אים רוצחיש. דער טאַטע קאָרטשעט זיך פֿון יסורימדיקע קלעפּ. פֿון דער געשלאָגענער פּלייצע רינט בלוט און ער שווײַגט. אַהרעלעס מאַמע בעט דעם גוי, ער זאָל אויפֿהערן. דער שונא־ישראל חוזקט. שמײַסט שטאַרקער, שנעלער. דער צעפּײַניקטער ייִד קרעכצט קוים: „ייִדענע, וויין נישט. בין איך אַ ייִד, צי נישט!" (ז' 14).

די אין בוך דערציילטע אונטערדריקונגען, פּײַנען, מאָרדן, גיבן אַ תּוכן דעם בלוטיק־צעקאַלעטשעטן בעקערל ווערטער: „בין איך נישט קיין ייִד?" — „בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו". אין אַלע צײַטן, אונטער פֿאַרשידנאַרטיקע מאַכטן האָבן גלחים געהעצט קעגן ייִדן, געמוטיקט רויבן, מאָרדן ייִדן. געגורמט דעם קולמינאַטיוון ייִדנאומקום אין די צווייטע מלחמה־יאָרן. אויך אין מלכות־באַגײַטן ישראל־לענדעלע איז בלוטיק, נישט פֿאַרזיכערט ייִדיש לעבן. רעטענישפֿול איז דער ייִדישער קיום. פּײַנפֿול־אויסנעמלעך איז די ייִדישע געשיכטע. דאָך: טראָץ אומאויפֿהערבאַרע נגי־שות, פֿאַרניכטונגען לעבט ייִדיש פֿאָלק. שטאַרקער פֿון דער גויישער שינאה איז דעם עם הנצחס פֿײַערדיקע אמונה: אַמאָל וועט קומען אַ סוף צו דער אַזויפֿיל דורותדיקער גזרה: „בדמיך חיי".

גאָר שפּאַנענדיק דערציילט ש. וואָרזאָגער „אַהרעלעס" דראַמאַטישע איבערלעבונגען: ייִנגלווײַז פֿאַרלאָזט ער זײַן אָרעמע היים. אַרבעט אין וואַרשע. פֿאַרדינט וואַסער אויף קאַשע. בײַ אַ משפּחה דינגט ער אַ האַלב בעט. דער שותּף צום בעט איז אַ סטאָליאַר, וואָס אין נעכט חלומט ער אַז ער הובליעוועט, שטופּט ער אים, לאָזט אים נישט שלאָפֿן. אין די אָוונטן לערנט ער. איז אַקטיוו אין „פּיאָנער". קומענדיק אין שטעטל ווערט ער אַרעסטירט. באַקומט קלעפּ. זיצט אין תּפֿיסה. אויף די אָוונט־קורסן באַגעגנט ער זײַן אַמאָליקע שול־חברטע, לאהקע. נתפּעלדיק קוקט ער אויף איר אָוואַל־פּנים, מיידלישער רײַפֿקייט, קלוגע אויגן. ער טראַכט: איז דאָס ווידערדיק טרעפֿן זיך בלויז אַ צופֿאַל? וואָרצלען נישט ערגעצוו די סיבות פֿון אַזאַ באַגעגעניש? איז דאָס נישט פֿון אַ ניסתּרדיקן ליבעגעפֿיל? אפֿשר

אַ נס? אַ נס דאַרף מען אויסחלומען, גלוסטן מיט אַלע פֿיבערן פֿון דער נשמה" (ז"ז 42—44).

איז דאָס דער הויפּט־מאָטיוו פֿון ראָמאַן. אַהרעלע לעבט מיט אַ פֿרוי שׂרה. זיי האָבן אַ זון, שימעלע. ווען די דײַטשן הייבן אָן אין 1939 אויס־צורויבן ייִדיש פֿאַרמעגן, מאָרדן — אַנטלויפֿט ער מיט דער משפּחה אין די סאָוועטישע „באַפֿרײַטע געביטן". זיי וואַלגערן זיך אין סיביר, מיטלאַזיע, קאַזאַכסטאַן. ער אַרבעט אין שאַכטן, אין זאַגאַד־זשערגאַ. נעבן אַ לאַראַק, ווו מ׳גיט ברויט אויף קאַרטן, הערט ער אַ שטים: „קאַכאַני". די פֿרוי וואָס ווענדעט זיך צון אים האָט אַ געשוואָלן פּנים. בייגט ער זיך צו. דערקענט לאהקען. זי אָרדנט זיך אײַן אויף אַרבעט אין אַ קינדערהיים. ווױנט בשכנות מיט אַהרעלע און שׂרה. אין זײַן האַרץ וועקן זיך ליבע־געפֿילן צו לאהן. ווידער טראַכט ער: איז זײַן באַגעגענען לאהען אַ צופֿאַל? ליגט נישט די סיבה דערפֿון אין זײַן תּשוקה צו איר? זיי טרעפֿן זיך אָפֿט. האָט ער זיך אַמאָל צוון איר צוגעבויגן. געעפֿנט איר ציצן־קליידל. — — — „ער שליסט זיך אײַן אין איר נאַקעטן גוף". (ז"ז 169—170).

נאָך דער מלחמה לעבט ער מיט דער משפּחה אין ד. פּ.־לאַגער באַד רײַכנהאַלט אין מערב־דײַטשלאַנד. אין ישׂראל אַרבעט ער אין אַ מלוכה־ביוראָ. דאָרט דערזעט ער אַ שיין, יונג מיידל, ענלעך צו לאה. באַקענט זיך מיט איר. זי דערציילט אים אַז איר מאַמע האָט אין רוסלאַנד געאַרבעט אין אַ „דיעט־דאָם". נאָך טרעפֿונגען, שמועסן שטעלט ער פֿעסט, אַז ס׳מיידל אסתּר איז זײַן טאָכטער. אין אַ קאַפֿע אַנטפּלעקט ער איר: „אסתּר, מײַן קינד". שׂרה ווערט קראַנק. פֿאַר איר יציאת־נשמה קומט אסתּר זי באַזוכן. זאָגט דעם טאַטן, זי וויל מיט זיי וווינען. שפּעטער, זייענדיק בײַם ים, באַמערקט ער אַן עלטערע פֿרוי מיט אַ צעקנייטשט פּנים. זיי שמועסן. דערקענען זיך. „קאַכאַני". ער דערציילט איר, אַז שׂרה איז געשטאָרבן; אַז זייער טאָכטער אסתּר, ווױנט בײַ אים. איז זיך מתוודה: ער איז שולדיק אין שׂרהס טויט. אָבער איצט וועלן אסתּרן פֿירן צו דער חופּה טאַטע־מאַמע. „לאהקע, קום אַהיים".

וואָס איז דער מאי קא משמע לן פֿון דער מעשׂה? אייביקע, ווערקסלענ־דיקע, דורותדיקע המשכדיקייט. פֿאַר דער אַלטער לאה מיט אַהרעלע איז עס סוף לעבן. אסתּר וועט געבוירן קינדער, וואָס וועלן אויך האָבן קינדער און פֿאַרגיין.

זענען טאַקע די סיבות פֿון די דערציילטע, אויסנעמלעכע, ראָמאַנטיש־סיורפּריזנדיקע צופֿאַלן דאָס אַרויסוואַקסן פֿון תּשוקות? ניסתּרדיקע ליבע־געפֿילן? זענען אַהרעלעס פֿיר טרעפֿונגען: דערזען לאהקן אויף די אָוונט־קורסן אין וואַרשע, אין רוסלאַנד. דערקענען זייער טאָכטער, אסתּר, און דער ווונדער־צופֿאַל: לאהקען באַגעגענען בײַם ים? — אַ פּועל־יוצא פֿון ניסימדיק אויסחלומען, גלוסטן מיט אַלע פֿיבערן פֿון דער נשמה?" אויף דעם קאָן מען ענטפֿערן: תּיקו.

ג

פֿאַקטיש זענען ס'רוב פּאָעטישע, פּראָזאַישע טעקסטן די מחבר־ימס חכמות־רמזימדיקסטע, אַנטפּלעקטע, געהיימע איבערלעבונגען. דער ראָמאַן „דורות" איז אַ כאַראַקטעריסטיש ווידוי־בוך. דער הויפּט־העלד „אַהרעלע" איז געוועזן אַ פֿאַרחלומט ייִנגל. געטרוימט ווערן אַ פּאָעט. זײַן גרעסער פֿון אַנדערע. שרײַבט לידער, פֿאַרצייכענונגען, גלייבט אין אייגענעם טאַלאַנט. געהאָפֿט ס'וועט זײַן ווער אַ מבין און אים דערקענען ווי אַ שרײַבער. און דער דיכטער, בעלעטריסט, עסעיִסט „אַהרעלע" האָט זיך מיט זײַנע שאַפֿונגען דורכגעבראָכן אַ וועג אין דעם הויכבערגיקן דערנערוועג פֿון רוב אָריגינעלע וואָרטזאָגערישע קינסטלערס. איז אָנערקענט געוואָרן ווי אַן אינהאַלטפֿולער, משלימדיקער שרײַבער. מיט יעדער פֿאַרעפֿנטלעכט ווערק זיך „פֿאַרהייבט" אויף די פֿליגל פֿון גײַסט צו מעטאַפֿיזישער שמחה. לעבט אין אַ וועלט פֿון פֿיגוראַטיווע בילדער — אַ וועלט פֿון ספֿערן און ספֿירות...

די טעקסטן אין „דורות" זענען זאַכלעכע, אויסגעצימצומטע, געשריבן אין אַ פֿאָלקיש־גערעדטער שפּראַך. דאָס גרינגערט די לייענערס אויפֿצופּאַסן דעם מחברס שילדערן, ס'לאַגישלאָזע שטייגערלעבן פֿון ייִדן אין שטעטל דוביענקע, אין וואַרשע פֿאַרן אומקום. אין מלחמה־יאָרן אין רוסישע אַרבעטס־לאַגערן, אין ד.פּ.־לאַגערן, אין אַבסאָרבציע־לײַדן אין ישׂראל.

בעתן נײַגעריק לייענען די 27 קאַפּיטלעך ווערט מען באַאײַנדרוקט, אַז דער מחבר האָט ס'בוך געשריבן אין איין אָטעם. זענען טאַקע די טעקסטן פֿליסיקע, אָפֿט שטראָמיקע, ווי קוואַליקע וואַסערפֿאַלן. גאָר עונגדיק איז צו לייענען די פֿאַרביק־געמאָלטע נאַטור־בילדער. מ'אָנט אויך, אַז בײַם שרײַבן האָט שלמה וואָרזאַגער אין זײַן שעפֿעריש געמיט זיך געראַנגלט

מיט זײַנע טאַלאַנט־כּוחות: פּאָעט, פּראָזאַיקער, וואָס אינטערפּרעטירט די אויסנעמלעכע געשעענישן. די אָ טאַלאַנט־פּאָטענצן האָט ער פּאַסיק, מאָסיק און ערלעך פֿאַרטיילט:

אונדזער דור פֿון אומקום און מלוכהשן אויפֿקום איז אַזוי רײַך אין איבערראַשנדיקע געשעענישן, אַז זיי סטײַען פֿאַר פֿולשטענדיקע, היסטאָריש־קינסטלערישע ראָמאַנען. האָט שלמה וואָרזאָגער מיט זײַן ראָמאַן „דורות" איבערצײַגט, אַז ער האָט גובר געווען אַ סך מכשולים. ס'איז אים געלונגען טעאַטראַל צו דערציילן אַ טייל פֿון שטורמיש ייִדישן לעבן אין דעם דור.

איז ריכטיק די פֿעסטשטעלונג אויפֿן בוכטאָוול, אַז „שלמה וואָרזאָגער איז איינער פֿון לעצטן דור ייִדישע שרײַבערס אין גלות־פּוילן?" לויט מײַן ווינציקײַט איז דאָס בלויז אַן אינדיווידועלע מײַנונג. ווײַל נאָך „לעצטנס" קומט תּמיד אַן אָנהייב. „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג", האָט געזונגען דער געטאָ־דיכטער הירש גליק ז"ל. לאָמיר האָפֿן, גלייבן: ס'ייִדיש־קינסטלערישע וואָרט וועט המשכן און המשכן.

מאיר חרצ׳ס לידער־קוואַל
(צו זײַן 80 יעריקן יובל)

א

מאיר חרצ׳ס נאָמען, און פֿאַמיליע־נאָמען האָבן אין עברית אייניקע אידענטישע באַדײַטונגען צו זײַנע פּאָעטישע שאַפֿונגען. מאיר איז געטײַטשט באַלײַכטונג, אויפֿקלערונג. חרץ מײַנט פֿלײַסיקייט, התמדה, שאַרפֿקייט. און אַזוי זענען זײַנע לידער, פּאָעמעס געאייגנט לאָגיש־קלאָר, באַלערנדיק, שאַרפֿזיניק געפֿאַבלט. אין אונדזער צײַט איז ער איינער פֿון די פּראָדוקטיווסטע ייִדישע דיכטערס.

פֿון יאָר 1972, זײַן קומען קיין ישׂראל, ביזן יאָר 1974, האָט ער אַרויסגעגעבן צוויי לידער־זאַמלונגען: „אין פֿרעמדן גן־עדן" (י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג), און „הימל און ערד" (פֿאַרלאַג „אייגנס"). ביז דעם יאָר 1992 האָט ער שוין פֿאַרעפֿנטלעכט אַ מנין ביכער מיט טויזנטער פֿיגוראַטיווע — משלדיקע, דערציילערישע, עפּיגראַמישע לידער און פּאָעמעס. ועוד ידו נטויה. פֿון זײַנע אין פֿאַרשידענע צײַטשריפֿטן לעצטנס־פֿאַרעפֿנטלעכטע נײַע באַלערנדיקע. סענסיטיווע לידער, פֿילט זיך שוין נישט קיין געשוואַכטע קינסטלערישע פּאָטענצן, ווי אין זײַנע יוגנט־יאָרן.

אָבער טראָץ זײַן ברכהפֿול! בײַשטײַער צו דער ייִדישער אוניווערסאַלער פּאָעזיע, געהערט ער צו דעם אָפּגעזונדערטן, דערווײַטערטן שבט ייִדישע דיכטערס אין זייער אויסגעטרוימטן. אייגענעם, מלכות־באַנײַטן לאַנד:

„מיר, די אָפּגעשטאַנענע, די ייִדישע פּאָעטן, / מיר, די נישט פֿאַראַנענע אין לאַנגן שרײַבער־צעטל, / מיר, די אויסגעשלאָסענע פֿון שפּיל נאָך פֿאַרן פֿיניש, / מיר, די אויסגעשאָסענע בײַם ליקווידירן ייִדיש / ווען מען פֿעלן מיר נאָך אויס? ווען מען זע׳מיר נייטיק?" („נאָכן סך הכּל 2", ז׳ 39).

מיט אַלע פֿיזישע, גײַסטיקע כּוחות, חושים, זינגט ער הללס פֿאַר אונדזער זײַן, פֿאַר אונדזער אויפֿקום, זינגט ווי די בעלי־תּהלים בבחינת

„כל עצמותי תאמרנה". זײַנע אַכט ביכער זענען דערשינען אין זײַן פּערזענלעכן פֿאַרלאַג „אייגנס" און אַלע זײַנע פּראַכטפֿולע ביכער אַליי־ניעניו אַרויסגעגעבן „אויף מײַן־מחברס־חשבון".

זײַנע פֿערזן לייענען זיך לײַכט, געשמאַק. אָבער געהערן נישט צו לײַכטער לעקסיק. זיי זענען טיפּיזיניק געפּאַבלט, צייכענען זיך אויס מיט ריטמישקייט, מוזיקאַלישקייט:

„ווײַל דער עיקר איז דער ניגון, / אויב ער זינגט זיך מיטן טראָפּ" („נאָכן סך־הכל דריי", ז' 24).

בײַם לייענען אַנט מען: ס'רוב לידער בעטן זיך, אַז אַ קאָמפּאָזיטאָר זאָל צו זיי שאַפֿן פֿאָלקיש־פּאַסנדיקע מעלאָדיעס, צו ווערן געזונגען פֿון קינד און קייט. אויף לייענערס ווירקן זיי מחיה־נפֿשותדיק, שפּילעוודיק, פֿאַרווײַלנדיק, קאַטאַוועסדיק. די איבערפֿלעכלעכע פּשטות איז געצילט, אַז אַלערליי פֿאָלקס־שיכטן זאָלן משיג זײַן די „לײַכטע" פֿערזן: „דעם לייענער דאַרף מען צוטראָגן אויף אַ טאַץ אַפֿילו אַ פּשוט גלאָז וואַסער. די גלאָז דאַרף זײַן ריין, דאָס וואַסער — לויטער" (דאַרט ז' 100).

זענען טאַקע זײַנע מאָטיוון פֿאָלקיש־ייִדישלעך נאָענט, אייגן, נאַטיר־לעך, אָפּט שאַפֿט זיך אַן אײַנדרוק: אויך איך וואָלט געקאָנט אַזוי דיכטן. די היימיש־גערעדטע ווערטער, פֿאָלקישע זמירותדיקייט איז דעם דיכטערס, פּאָעטיש־אויסנעמלעכער, אמתער אימפּעראַטיוו:

„צי קאָן מען אָוועקגיין פֿון אייגענעם ליד? / צי קאָן מען זינגען אַ פֿרעמד געזאַנג? / מע קאָן ניט גיין קיין פֿרעמדן גאַנג, / מע קאָן ניט פֿאַרלאָזן די אייגענע טריט, / מע קאָן ניט זינגען קיין פֿרעמד געזאַנג, / מע קאָן ניט אַוועקגיין פֿון אייגענעם ליד" („געקליבענע און געציילטע", ז' 259).

מאיר חרץ פֿאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינטלעכן ווערטער־אוצר, שפּעפֿולע טעמעס. „ווייסט, אַז אונדזער אויסוואַל ווערטער / איז דער רײַכסטער, איז דער פּילסטער" (דאַרט ז' 300).

ער לעבט תּמיד אין עולם הנגינה. איז באַגליקט אומאויפֿהערבאַר צו זײַן אימפּרעסיוו באַהאַפֿטן מיט דער דיכטערישער מוזע. זינגט ער טאַקע כּסדר. טעמעס? „מלא כל הארץ כבודו", האָבן מיר אַמאָל אַזוי געשריבן וועגן דיכטער חיים מאַלטינסקי ז"ל, וואָס אויך ער איז געווען אַן עושר מיט גרויסע רעזערוון פֿאָלקישע טעמעס. און דאָס איז כּמה וכמה חל אויפֿן

פּרוכפּערדיקן פּאָעט מאיר חרץ. ער באַזינגט מענטשלעכע יצר'ס, שטנדיקע אָנרעגונגען, מענטשלעך־היהשע און נפּשדיקע אייגנשאַפּטן, דראַמאַטיש־פּריידיקע און טראַגיש־טרויערדיקע איבערלעבונגען, קאָסמישע נאַטור־אָביעקטן:

„און ס'טוט זיך די וועלט אַ צעעפּן / אַזוי ווי דאָס בוך די גרויס. / דאָס בוך איז מיט פּעלדער, מיט וועלדער, / מיט טײַכן, מיט ימען אַ וועלט" (דאָרט ז' 363).

איז גאָרנישט קיין וווּנדער וואָס זײַנע לידער, פּאָעמעס, האָבן זוכה געווען צו אַזש 60 פּאָזיטיווע אָפּשאַצונגען פֿון פּראָמינענטע פּאָעטן, פּראָזאַיקער, עסייִסטן, וואָס האָבן באַגײַסטערט געשריבן וועגן זײַן אומאויסשעפּנדיקן, קרעפּטיקן לידער־קוואַל.

ב

אין פּרקי־אָבות ב', פּסוק ח' זענען אויסגערעכנט די שבחים פֿון רבן יוחנן בר־זכאיס פֿינעף תּלמידים: רבי אליעזר בן־הורקנוס איז געגליכן צו אַ קאַלכגרוב, אין וועלכן ס'ווערט נישט פֿאַרלוירן קיין איין טראָפּן (אברהם בן־שושן פֿאַרטײַטשט די אַ אמרה: אַ גוטער בעל־זכּרון, וואָס געדענקט גוט ס'געלערנטע, ס'געהערטע), ווייל דער מאַמען, וואָס האָט געבוירן רבי יהושע בן־חנניא, רבי יוסי הכהן איז אַ חסיד; רבי שמעון בן־נתנאל איז געווען אַ זינד־פֿאַרכטיקער און רבי אלעזר בן־ערך איז ווי אַ זיך־קרעפּטיקער וואַסער־קוואַל (פֿון אברהם בן־שושן געזנמשלט: אַזוי ווי אַ קוואַל ווערט דער שעפּעדיקער וואַסער־גאָס כּסדר גרעסער, שטראָמט כּוחותדיקער, קרעפּטיקער, אַזוי אויך אַ תּלמיד־חכמס וויסן ווערט טיפֿער, פֿון צײַט צו צײַט חכמהדיקער).

מאיר חרצ'ס פּאָעטישע יצירות זענען געאייגנט מיט די אויבנדערמאָנטע מעלות טובות פֿון רבי יוחנן בן זכאיס תּלמידים: וווּנדערנדיק איז זײַן זכּרון. פּרטי־פּרטימדיק באַזינגט ער ס'געזעענע אין מענטשלעכן לעבן, קאָסמישע דערשײַנונגען. אייניקע ערעפּולע לידער ווידמעט ער זײַן מאַמעס, ברײַנע חאַראַצ'ס, ליבע צו אים:

מײַן מאַמע גרייט צום טיש און קוקט מיר נאָך, צי עס איך און ציטערט איבער מײַן יעדן שלונג, זי דעקט מיך מיט דער קאָלדרע צו / און לייגט איר שאַל פֿון אויבן (דאָרט ז' 118). — ער תּפֿילה'עט: „אַ, הימלען, גיט

מיר אָפּ אַ פּלאַץ, / איך וויל מקבר זײַן מײַן מאַמען. / זאָל איר מצבה — ברײַנע חאַראַץ — / אין די ישׂראל־וואָלקנס פּלאַמען. / איך בעט אַ וואָלקנדל אַ ווײַס / תּכריכים ווײַסע אויפּצוניי׳ן, / און שטערנדלעך, כאָטש איינציקווײַז — / זיי זאָלן בײַ איר קבר שטיין״ (דאָרט ז׳ 116).

חסידיש ? ! איז נאָך פֿאַראַן חסידישער ווי: „אַ לויב־געזאַנג אָן ווער־טער צו דער גרויסקייט פֿונעם וואָרט, / צום וואָרט ׳יהי׳, וואָס האָט די וועלט באַשאַפֿן, / אָוועקגעשטעלט דעם הימל און די ערד אויף זייער אָרט / און אונדז איז בלויז געבליבן צו לויבן און צו גאַפֿן״ („נאָכן סך־הכל 2״, ז׳ 49).

זינד־פֿאַרכטיק ? ווי אַלע „זינד״־פֿאַרכטיקע ייִדישע שרײַבערס אין געוועזענעם „פֿרעמדן גן־עדן״ תּמיד מורא געהאַט פֿאַר „די ק.ג.ב.־לײַט / די שוטרים און די עלטסטע / די באַוואָפֿנטע און זאַטע, / די באַשוכטע און באַפּעלצטע־היטער פֿון גן־עדן־קראַטעס״ („געקליבענע און געציילטע״, ז׳ 314). און הויפּטזאַכלעך האָט מאיר חרץ דערגרייכט די מדרגה פֿון רבי אלעזר בן־ערך, וואָס איז געגליכן צו אַ זיך שטאַרקנדיקן וואַסער־קוואַל. יעדעס מאָל געשאַפֿן, שאַפֿט חכמהדיקער, חריפֿותדיקער, זמירותדיקער.

לאָמיר טאַקע הערן מאיר חרץ׳ס געזאַנג:

„איך שטיי פֿאַר אַ ליד פֿאַר אַ נײַעם ווי פֿאַר אַ לויטערן קוואַל״ (דאָרט ז׳ 88). אָדער: „מײַן ליד איז טיף ווי אַ ברונעם אין סטעפּ / בײַ נאַכט בײַ אַ הימל מיט שטערן״ (דאָרט ז׳ 92). אָדער: „און ווידער דאָס אייגענע לידל און ווידער און ווידער, / דער טאָג הייבט מיך אויף און די נאַכט לייגט צוריק מיך אַנידער — / איך קען ניט אַרויס פֿון פֿאַרכּישופֿטן קרײַז פֿון די לידער״ (דאָרט ז׳ 156). ממש אַ לידער־קוואַל.

מאיר חרץ שאַפֿט קוואַנטיטאַטיוו און שוואַכט נישט די פּאָעטיש־שעפֿעדיקע קוואַליטאַטיווקייט. איז געבענטשט מיט אַ תּמיד־ברענענדיק דיכ־טעריש נר־תּמיד־ליכט אין זײַן טרוימיש־צעפֿליגלט האַרץ. צו דער אַ מדרגה איז בלויז ראוי אַ וואָרט־קינסטלער וועמענס „וואָרט״ איז „מיט ברענשטאָף אָנגעלאָדן״ (דאָרט ז׳ 300).

ג

מאיר חרצ׳ס ספּעציפֿיש אַרט דיכטן קאָן לײַכט טעותן, אַז דאָס חכמהפֿול־דערציילטע אין זײַנע לידער, פּאָעמעס, זענען רעאַלע, פּשוטע,

זאַכלעכע, טאָגטעגלעכע, בלויז שׂכלדיק־פֿאַרשטענדלעכע, הנאהדיק־צוגענ־גלעכע פֿאַר ברייטע לייענער־קרײַזן. אָבער בעתן עיונדיק לייענען, אַנטפּ־לעקן זיך טיף־פֿזיניקע, פֿיגוראַטיוו חידהדיקע תוכנס. דיכטן אַזוי משלדיק, סענטענציעז און אויך פּראָסט און פּשוט איז אַ גאָר שווערע מלאָכה:

„מײַן ליד איז לאַנג ווי אַן אַרבעטסטאָג / אין אוראַלטע פּריצישע צײַטן, / מײַן וואָרט, מײַן פֿאַרמאַטערטס, גייט שווער אויף דער וואָג / און האָט נאָך אַ וועג אַ ווײַטן" (דאָרט ז' 92). אָדער —

„אונטערן ווײַ פֿונעם שטילן וואָרט / רודערט געשריי און רירט אויף די ווײַט / און וועקט אויף דאָס בלוט פֿונעם ערשטן מאָרד, / ביז צו מאָרדן פֿון אונדזער צײַט" (דאָרט ז' 291).

גאַנץ אונטערשיידנדיק איז די נײַע, פּסיידאָ־מאָדערנע „דיכטונג". אַנ־שטאָט שאַפֿן וויזיאָנעריש־אויסגעגליט איז זי מאָדנע פּראָדוקציעאַרטיק. שׂכלדיק געגנעפּלט. געצילט צו מאַכן אַ רושם אויף יונגע לייענערס מיט זייער אומבאַדײַטנדיקער „טיפֿקייט". מאיר חרץ לערנט אונדז, אַז מ'קאָן שרײַבן מיט די שטילסטע, פֿאָלקיש־גערעדטע, טאָגטעגלעכע ווערטער און דערגרייכן אמת־פּאָעטישע מדרגות.

ספּעציעל וווּנדערנדיק זענען די אַזויפֿיל ווערטער, וואָס זענען צו זײַן דיספּאָזיציע, צו זײַן שעפֿערישן דינסט. אַפֿילו ווערטער פֿון דיכטערס „אוועקגעשטעלטע" האָט „פֿונעם שטויב זיי אויפֿגעהויבן, פֿון דער ערד", / געתיקונט. פֿון זיי „אויסגעוועבט אַן אויסגעמעקט געזאַנג" (דאָרט ז' 298). מיר האָבן אַמאָל געשריבן, אַז דיכטערס זענען די אימפּולסירטסטע ווערטער־קלײַבערס. די זיי ניצבאַרע ווערן געבדקנט, סעלעקצירט. אויך מאיר חרץ קלײַבט די פֿאַר זײַן שאַפֿונג געמיט פּאַסיקע ווערטער. זיווגט זיי האַרמאָניש. יעדער פֿערז קאָנטראָלירט, צי די אין־אים־געציילטע ווער־טער זענען ריטמיש מעלאָדיש־זינגעוודיק. ווי אַ מאַמע האָט ליב אירע גוט־געראָטענע און ווייניק־פֿעיִקע קינדער, אַזוי האָט ער ליב אַלע זײַנע לידער. אַפֿילו „דאָס שווערע וואָרט איז מיר ליב און זיס, / כ'זאָל עס האָבן ווען צו זאָגן" (דאָרט ז' 92).

לאָמיר צוזאַמען מיט דיכטער מאיר חרץ תּפֿילהען, ס'זאָל מקוים ווערן זײַן ווונטש: פֿון זײַנע לידער, פֿאַרפֿאַסטע פֿון געקליבענע, געציילטע, אות צו אות געפּאַסטע ווערטער, „אויפֿגיין זאָל אַ שײַן, אַ ליכט / פֿאַר גרויסע און קליינע קינדער" (דאָרט ז' 7).

דאַרע טייטלבוים און אירע „שטיגן צו הייכן״

א

די תּהילים־פּאָעטן האָבן, צווישן די 150 עקסטאַז־רעליגיעזע, נביאישע מזמורים, מחבר געווען 15 תּפֿילהדיקע מעטאַפֿאָרישע שיר־המעלותן, וואָס זענען געזונגען געוואָרן דורך די לוִיִם, בעתן נידערן אויף די בית־המקדש־שטיגן פֿון מענער־דעפּאַרטאַמענט צום פֿרויען־אָפּטייל. אויך די פֿיס־גייערס (עולה־רגל) האָבן לויבנדיק זיי געזונגען אַרויפֿשטײַגנדיק קיין ירושלים צו פֿײַערן די ימים־טובים. איז געקומען די ייִדישע און אוניווער־סאַלע פּאָעטין דאַרע טייטלבוים און האָט באַשײַנט און באַקריינט אויך אונדזער פֿרײַדענקערישע שירה מיט אירע אויסגעטרוימטע, עקסטאַזפֿולע, לירישע, אָפֿט: אין תּנ״כישן סטיל, אַלמענטשלעך־נביאישע, קאָסמאָס־שטײַגנדיקע שיר־המעלות־לידער און זיי אַרײַנגענומען אין איר נײַנטן פּאָעזיע־בוך, וואָס טראָגט דעם נאָמען „שטיגן צו הייכן״ („ישראל־בוך״ 1991).

אַז מיר פֿאַרטיפֿן זיך אין אָט דער לידער־זאַמלונג געפֿינען מיר אויס, אַז דאָס זענען אילוזיאָרישע, עזאָטערישע פֿערזן, וואָס דאַרפֿן פֿײַערלעך געיומטובט ווערן דורך ייִדישע און העברעיִשע וועלטלעכע שרײַבערס און קולטור־אינסטיטוציעס, כּדי צו קאָנען צוזאַמען מיט דער טראַנסצענדענ־טאַלער פּאָעטין שטײַגן אויף די „שטיגן פֿון חלומות״ (ז׳ 20), ווו „אַ חלום אַ גרינער (איז) געוועבט און געשטריקט אויפֿן שפּינראָד פֿון צײַט״ (ז׳ 37). מ׳דאַרף זײַן גײַסטיק געפּוחט כּדי צו דערגרייכן אירע דיכטערישע הייכן, און מיט איר צוזאַמען „שווימען אויף די כוואַליעס פֿון צײַט״ (ז׳ 17). ווײַל מיט איר, מיט דער אין אוניווערס־שוועבנדיקער פּאָעטין, „איז דער הימל גאַרנישט ווײַט״.

העכער פֿון די געהיימע פֿאַרזיגלטע הייכן,
ווײַטער פֿון די סודותפֿולע ווײַטן,

ווי קיינער
אהין געקאָנט האָט דערגרייכן.

(ז' 81)

באַגעגענען מיר זיך מיט —

ביימער, איינער און צווייטן אַנגעשפּאַרטע,
דעם גורל וואַלדיקן צוזאַמען שווייגנדיקע טראָגן,
און וואָרצלען, ווי שטריק געפּלאָכטענע, האַרטע,
מיט קרוינען פירן אונטערערדישע, אין־סופיקע דיאַלאָגן.

(ז' 37)

מ׳דאַרף זוכה זיין צו גייסטיק־פּאָטענציאַנעלע רגעס צו שטייגן מיט דער פּאָעטין אויף אירע שירים־„שטיגן", קומען צו די „הרי־אדום", דאָרט, מיט איר צו קלעטערן אויף אירע עקספּרעסיאָניסטיש־פּאַנטאַסטישע

בערג אויף בערג, ווי אויף לייטערס
אין שורות אויסגעשטעלטע,
צום הימל דערגרייכן געוואָלט,
און פאַרשטיינערטע שטיין דאָ געבליבן.
אַן אויסגעשריי פאַרגליווערטער אין מיטן וועלט.

(ז' 34)

קומען מיר ענווותדיק און זאָגן, אַז בלויז פון די־אַ ציטירטע, פּאָעטיש־פּערלדיקע פערזן קאָן מען דרינגען אַז אַפילו קינסטלעריש־באַגאַבטע דיכטערס זענען נישט אָפּט זוכה צו אַזעלכע אַנאויפהעריקע, עקסטאַזפולע, מעטאַפיזישע התרוממות־הרוח־רגעס, אויף צו ווערן שעפעריש געקרעפ־טיקט צו זיין בכוח צו שאַפן אַזעלכע אינטויטיווע, עמאָציאָנירנדיקע, אויפ־ברויזנדיקע שיר־המעלות־געזאַנגען, וואָס דערגייען „צום ברעג פון בלויען וואונדער" (ז' 96).

איז טאַקע אַ גאָר שווערע אויפגאַבע זיך אונטערצונעמען לאָגיש אויסטייטשן אַזעלכע דיכטעריש־פאַנטאַסטישע איבערלעבונגען, וואָס, אין

לידער פון אַזאַ קינסטלערישן קאַליבער, ווי דאָרע טייטלבוים, וואָס האָט
„פון כישוף־קרוג / דעם וווּנדער־ווײַן פאַרזוכט” (ז' 90) און זיך דערוווּסט,
אַז

דאָרט,
ווו סוף מיט אָנהייב זיך טרעפט

און שטויב מיט שטויב

אין אין־סופיקן, באַוועגלאָזן, ציקלישן גלגל־החוזר
אין פאַרפרעסטן גלואַנישן באַהעפט

גאַלאַקסן נײַע געבערן,

דאָרט,
צווישן יש־מאַין אינדערמיט...

(ז' 81)

און אַז מיר לייענען זיך אַרײַן, מיט איבערלעבן, אָט די מעדיטאַטיווע לידער, וווּנדערן מיר זיך גאָרנישט, וואָס אירע פּאַטאָסיקע, דיכטערישע יצירות זענען געוואָרן איבערגעזעצט אין העברעיִש, רוסיש, פראַנצויזיש, ענגליש און אין אַנד. לשונות; וואָס זיי ווערן געלייענט, פאַרערט פון לייענערס אין פיל לענדער. צו אַ טייל פון אירע שאַפונגען זענען אַפילו פאַרפאַסט געוואָרן אָראַטאָריעס. זענען געוואָרן אינטערפּרעטירט, קריטיקירט, געפאָרשט פון עטלעכע שפּראַכיקע, פּראָמינענטע פּאָעזיע־פאָרשערס.

ב

פּראָפעסאָר ישעיה תשבי ז"ל, אין אַרײַנפיר צו זײַנע פון אַראַמיש־סיריש־איבערזעצטע אין עברית זוהר־קאַפּיטלען, שרײַבט: „די גרונט־גורמים, שטרעבונגען פון דער קבלה איז דאָס אַנטפּלעקן די פאַרבאָרגענע שיכטן פון געטלעכן סוד; אַרײַנדרינגען אין אייבערשטע, געהיימע פאַר־טיפונגען. דאָס וויסן סודותדיקע חכמות איז די הויפּט־בריק צו געטלע־

כער, נשמהדיקער דביקות. צוליב דעם ווערן די בעלי־חכמה אָנגערופֿן: ׳בני־היכלא׳. בלויז זיי זענען זוכה אַרײַנצוגיין אין קעניגלעכן פּאַלאַץ. דאָרט געניסן פֿון געטלעך־בלענדנדיקער צעשטראַלונג״ (פּרקי־זוהר, ז׳ 107).

דאָרע טייטלבוימס שיר־המעלות־לידער אַנטפּלעקן געטלעך־פֿאַרבאַר־גענע נאַטור־שיכטן. זיי דריגגען אַרײַן אין די געהיימסטע, מענטשלעכע נשמה־טיפֿענישן. האָט זי זיך כּשר פֿאַרדינט צו געהערן צו די אַלוועלט־לעכע פּאָעטישע „בני־היכלא״, ווו אירע לידער שטראַלן בלענדנדיקע אין דעם קינסטלער־היכל. רײַך מיט פֿינקלטלעכע, האַרמאָנישע ווערטער־זיווגים, פֿאַרמאָגט זי אויסערגעוויינלעכע שפּראַכלעכע אויסדרוק־מעגלעכקייטן. אויף איר יצירהדיקן טיש געפֿינען זיך די געוויטערס, די בערג, טאָלן, ביימער, געוויקסן, דער גאַנצער קאָסמאָס. די גאַנצע „טויטע״ נאַטור מחיה־מתימט זי מיט אירע צויבער־ווערטער. אַלץ איז בײַ איר טרוימיש און רעאַל, אילוזיאָריש און ווירקלעך, מיסטעריש און נאַטירלעך. פּראַכטיק הללויהדיק זינגען אירע וווּנדער־שורות:

פּלאַצט אויף מיר דער אַלטער, זשאַווערדיקער אומעט,
ווי אויף אַ בוים זאַפֿטיקן די קאָרע,
איך בין רײַף, ווי מיט פּירות צײַטיקע דער זומער.
ווי אין אַ קוואַל מיט וואַסערן קלאָרע.

(ז׳ 17)

אַזוי קאָן שרײַבן נאָר אַ פּאָעט וואָס אין „האַרץ טאָג־אײַן, טאָג־אויס דאָס פֿײַער טראָגט, / און זיך אַליין, צאָרנדיק לעשט און אײַפֿערדיק צינדט״ (ז׳ 103). זענען דאָס לידער פֿון דער בחינה „מעט המחזיק את המרובה״, טיפֿזאָגנדיק זינגענדיקע, בראשית־שאַפֿנדיקע, טרוימעריש־אָנ־רעגנדיקע, עונג־רוחניותדיקע.

ג

צוויי פּאָעטן דערשײַנען דאָ ווי אונטערפֿירערס פֿון איר פֿאַרכאַפּנדיק בוך: שמואל האַלקין, דער סאָוועטיש־ייִדישער גרויס־פּאָעט וואָס נימשלט

דאָרע טייטלבוימס עקזאַלטירנדיקע סימבאָלישע לידער און זאָגט, אין אַן אוווערטור־ליד, וואָס עפֿנט די „שטיגן צו הייכן" כהאי לשנא:

דו קוקסט אַף מיר אַזוי,
ווי ס׳קוקט אַמאָל אַראָפּ פֿון צווייַג אַ טראָפּן טוי,
און ווייסט ניט: פֿאַלן אַף דער ערד, צי נייַן,
ווייַל אַפֿן צווייַגל איז אים קיילעכדיק,
ווייַל אַפֿן צווייַגל איז ער ריין,
און ס׳שייַנט די זון אַף אים און ער איז מלא־חן, —
אי דורכזיכטיק, אי פֿול מיט זיך אַליין.

איז דאָס שוין אַן אָנווייַז און אַ באַשטעטיקונג אַפֿילו אַז דאָרעס שיר־המעלות־לידער זענען מלא־חן און לאַגיש־רייַן. זי מעטאַפֿיזירט ניט נאָ־טירלעכע אָביעקטן, דערשייַנונגען. פֿאַרקערט: מיסטישע דערשייַנונגען מאַכט זי רעאַל, פֿאַרשטענדלעך.

אויך דער ישׂראלדיקער דיכטער, דער בעל־חלומות אויף „זוניקע שוועלן", און לומדישער ליטעראַטור־פֿרשן, יעקב צבי שאַרגעל, אינטער־פּרעטירט נישט־עסייִסטיש די אייַנגעזאַמלטע לידער און פּאָעמעס אין אָט דעם בוך. אין זייַן פּאָעטיש־פּראָזאַישן נאָכוואָרט פֿאַרטרעטירט ער די דיכטערין דאָרע טייטלבוים און דערציילט: „אַן אָפּגעקילטע פֿאַרנאַכט־זון האָט אָנגעזאָגט די שקיעה. אויסגעלאָשענע פֿייַערשטראַלן האָבן גאָלדיק־רויט זיך צעלייגט אויף די פּנימער" פֿוןביידע דיכטערס — דאָרע און יעקב צבי. זיי זענען געזעסן בייַם ים, זיך אייַנגעהערט „אינעם שטילן מינחה־געפּליסטער פֿון די כוואַליעס, ווען אַ רחמימדיק ווינטל האָט אונטערגעפֿירט צום ברעג".

„אין אירע אויגן, די מילדע און שטורמישע, שמייכלענדיקע און צעוויי־טיקטע", האָט ער דערזען „דעם ווינטיקן אָנזאָג אויף דעם וואָס דאַרף קומען, און דערהערט פֿון איר מויל, אין אַ לשון וואָס קלינגט גלאָקיק און גלעט מאַמעדיק, ווי זי רעדט צו מיר און צו דער וועלט רייַד נביאישע. זי האָט „זינגעוודיק זיך צערעדט און זיך אָנטפּלעקט פֿאַר מיר דורך אָט דער ברויזנדיק־פּאָעטישער כּישוף־שפּראַך אירער, אַזש כ׳האָב דערזען פֿאַר זיך די דיכטערין צו וועמען אויך דער ווינט רעדט יידיש". (דאָרט, ז׳ 103).

האָב איך געטראַכט: נאָר אַזעלכע קינסטלעריש־באַגאַבטע דיכטערס, ווי שמואל האַלקין ז״ל און יעקב צבי שאַרגעל יבל״א זענען שרײַבעריש־שעפֿעריש מסוגל אין ליד, צי פּראָזאַיש־פּאָעטיש, פֿאַרטרעטיש אויסמאָלן דאָרע טייטלבוימס געשטאַלט. און אַזוי מעדיטירנדיק זיך דערמאָנט אין דעם תנא בן־זומא׳ס זאָג: „מכל מלמדי השכלתי״ (אבות ד־א) — פֿון האַלקינס הקדמה־ליד, שאַרגעלס פֿאַרטרעטישן נאָכוואָרט האָב איך גע־לערנט, אַז כ׳בין נישט קיין סך מחדש מיט מײַן אויסטײַטשן, צי מיט מײַן אַרײַנטײַטשן אַזעלכע ס׳איז אינטערפּרעטאַציעס אין דאָרעס עמאָציאָנעלע, עקזאַלטירטע, ווי „טוי־רײַנע״ פּאָעטישע יצירות, געשאַפֿענע ווען אין איר האַרץ „דאָס פֿײַער טראָגט״, און פֿון דאַנען געקומען צו אַ מסקנה: אַז מ׳דאַרף נישט מורא האָבן פֿאַר רבי יעקבס וואָרענונג (אין אָבות ג־ז), אַז מ׳קאָן ווערן אַ „מתחייב בנפֿשו״ אויב איך וועל קאָמענטיר־נייגעריק דווקא התפּעלותדיק אויסרופֿן: „מה נאָה אילן זה״. ווי שײַן זענען דײַנע „שטיגן צו הייכן״. ס׳איז כּדאַי און ווערט די סכּנה...

ליבע און „בענקשאַפֿט"

א

דער דיכטער זיאַמע טעלעסין האָט אין געוועזענעם ראַטנפֿאַרבאַנדיש־רוסישן היימלאַנד אַרויסגעגעבן פֿיר ביכער לידער, פּאָעמעס אין ייִדיש, און דרײַ בענד אין רוסישער איבערזעצונג. אין פּאַטערלענדישן ישׂראל־לאַנד, איז ער געקומען אין יאָר 1971. זיך גײַסטיק, שעפֿעריש שנעל אַקלימאַטיזירט. די אווירא דארץ־ישׂראל האָט אויף אים מחכּימדיק געווירקט, באַאײַנפֿלוסט. בלויז נאָך איין יאָר זיך אײַנלעבן אין דער רעשיק־אויפֿבויענדיקער, נאָך אַלץ קיום־קעמפֿנדיקער, באַנײַטער מלכות־ישׂראל, האָט ער־אין י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג, אין יאָר 1972 אַרויסגעגעבן אַ באַנד לידער: „געוויין פֿון זכּרון". זײַן ערשטלינג־ווערק אין ישׂראל האָט די היגע ליטעראַטור־קריטיק פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט. די נײַע ישׂראל־לידער „שהחיינודיק" געברכה'עט, אויסגעדריקט האָפֿענונגפֿולע דערוואַרטונגען, געווונטשן ער זאָל המשכן און אַרויסגעבן נאָך ווערק מיט נײַע לידער. אויך די ייִדישע שרײַבער־משפּחה האָט דעם עולה־דיכטער אויפֿגענומען, ווי יעדן געקומענעם שרײַבער פֿון אונטערן פֿאַרשלאָסענעם אײַזערנעם טויער, מיט אָפֿנאַרעמיקער, האַרציקער, ברוך־הבאיקער פֿרײַנטשאַפֿט.

און די ווונטשן זענען מקוים געוואָרן: אין יאָר 1980 איז אין י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג דערשינען זײַן צווייט בוך לידער: „קמץ אַלף אָ". אין בוך זענען אײַנגעזאַמלט 126 לידער: ייִדיש געלשונטע און נאַציאָנאַל־ייִדיש־תּוכנדיקע, זענען אײַנגעטיילט אין פֿיר אַרטיק־טעמאַטישע ציקלען: „אונטערן באָקסערבוים", ווו ער זיצט שלווהדיק „נאָך יאָרן גלותדיקן וואָגל", וואָס האָט זיך „צו אונדזער ברעג דאָ צוגעשלאָגן", ווערנדיק אײַנגעגלייבט: „און איצט וועט קומען אונדזער לוין" (ז' 11). אין צווייטן ציקל: „מיר האָבן פֿאַרזייט אַ גאָרטן". זינגט ער: ס'איז „אַזוי גוט אויף דער נשמה / ווערט בײַ דיר פֿון דעם פֿרימאָרגן, / וואָס זאָגט אָן אַ טאָג אַ גוטן / אָן אַ פּגימהלע לחלוטין" (ז' 23). ס'דריטע ציקל: „פֿיר ווינטן". דאָ דריקט ער אויס צופֿרידנקייט פֿון ווערן געניצולט פֿון... „פֿיר ווינטן

זיך האָבן צוזאַמענגעטראָפֿן. / זיי האָבן זיך איינער אין צווייטן פֿאַרשניטן, / און איך בין אינמיטן. // דעם הימל זיי האָבן מיט רוגזה געבויגן, / מיט שטויב און מיט דרויב אַלץ גענומען צעמישן, / און איך בין צווישן. // אַ דונער די וועלט האָט אויף צווייען צעשפּאָלטן. / אַ וואַלגער געטאָן האָט אַ בוים געזונטן. / און איך בין פֿון אונטן. // און תּמיד פֿון אונטן. צווישן, אין מיטן — / ווי נאָר אַ געפֿאַר, האָט זי מיך ניט געמיטן. / נאָר: אפֿשר אַ דאַנק מײַן פֿאַרקעשנטן גלויבן / געבליבן כ׳בין פֿון אויבן" (ז׳ 111). און אין פֿערטן ציקל: „אַ גאַנצע אייביקייט" תּפֿילהעט ער: „זע, מײַן האַרץ, ניט הרגע / מײַן אײַנגעשפּאַרטע גלייביקייט. / אַ חיי־שעה אַ קאַרגע / איז דאָך אַ גאַנצע אייביקייט" (ז׳ 207).

אין די ציטירטע פֿערזן, שורות, דערציילט זיאַמע טעלעסין זײַנע סכּנותדיקע איבערלעבונגען, נאָר אַ דאַנק דעם אין אים אײַנגעוואָרצלטן ייִדישן בטחון, „פֿאַרעקשנטן גלויבן" דערלעבט ער „אַ גוטן טאָג אַ גוטן", דערלעבט ער ס׳זאָל רעאַליזירט ווערן זײַן טרוים, „צו אונדזער ברעג דאָ צוגעשלאָגן". און דאָס איז זײַן דיכטערישער כּוח. אין עטלעכע קורצע שורותלעך אויסגעדריקט זײַנע מוטשנדיקע פֿאַרגאַנגענהייטן, געוואַנדערט „פֿון לאַנד צו לאַנד, פֿון שטאָט צו שטאָט" (ז׳ 11). און דערגרייכט צו רועץ שלווהדיק אונטערן באָקסערבוים, פֿײַגנבוים, מאַנדלבוים", וואָס זענען געווען „בײַ מיר אין טרוים" (ז׳ 13).

די ייִדיש־געזיניקטע, אויפֿריכטיק אַני־מאַמינדיקע לידער האָבן באַ־אײַנדרוקט, באַאײַנפֿלוסט, בבחינת „דברים היוצאים מן הלב, נכנסים אל הלב", און ער האָט זיך קונה שם געווען ווי אַ נאַציאָנאַל־תּוכנדיקער דיכטער.

אין יאָר 1988 האָט דער וועלט־ראָט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור, אין י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג אַרויסגעגעבן זײַן דריט בוך: „דער וועג פֿונעם פֿויגל" — זיאַמע טעלעסינס דיכטערישער וועג: ווי אַ פֿויגל פֿליט אַהין אַהער, אַרויף, אַראָפּ. שוועבט, האָפּסט. כאַפּט אַ חיונהדיק קרישקעלע, קערנדל און האָפּס צו אַ בײַמל. שטעלט זיך אויף אַ צווײַגל, אַ דעכל, דרעטל. „פֿאַר פֿרייד וואָס די וועלט איז אים גרויס" (ז׳ 203) זינגט שיר־ושבחדיק, הללדיק, זמרהדיק. זיאַמע טעלעסין איז אָפּט „סטימולירט" פֿון פֿויגל, אויך „אַ לאָז טאָן זיך אויך אין דער הויך. // אָט בין איך שוין העט־ווו פֿאַרפֿלויגן — / איך בין פֿונעם פֿויגל ניט ווײַט. / ...צום הימל

די הענט אויסגעצויגן״ (ז׳ 203). אויך אויף דער ערד האָט ער געבלאָנקעט, געוואָנדערט אין לענדער. סוף־כּל־סוף דערגרייכט צום געגאָרטן ציונלאַנד. דאָ זינגט ער נתפּעלדיק: „דער הימל דאָ — דער זויבערסטער / פֿון אַלע וואָס איך קאָן״ (ז׳ 24). דאָך „בענקט״ ער נאָכן רוסישן היימלאַנד, ווו „מיר האָבן דאָרט קיין וועלדער ניט געפֿלאַנצט. / די וועלדער וואַקסן דאָרט פֿון זיך אַליין. / פֿון שטיינער זײַנען דאָרט די פֿעלדער ריין״ (ז׳ 59).

אין זיאַמע טעלעסינס לידער מערקן זיך טייל דואַליסטישע מאָטיוון: אהבת־נפֿשדיקע ליבשאַפֿט צום ישׂראלדיקן פֿאָטערלאַנד, און אַ לעבלעכע, פֿאַרעווע „בענקשאַפֿט״ נאָכן רוסישן היימלאַנד. אָבער איבערוועגנדיקער, גלייביקער, וואַרהאַפֿטיקער זענען די ישׂראל־מאָטיוון: „מײַן האָרץ ראַ־דירט: דו הערסט, דו הערסט, / דער פֿרילינג גייט אַ ליכטיקער״ (ז׳ 181).

ב

אין אַלגעמיין איז באַוווסט: די בענקשאַפֿטלעך־באַדויערנדיקע, צעריקע געפֿילן זענען לויט די ליבנדיקע אָביעקטן, וואָס האָבן געגורמט פֿאַרגע־ניגנס, גליקלעכע מאָמענטן. אַז זיי האָבן אַנטוישט, זענען אַוועק, גאָרט מען זיי אויף ס׳נײַ צו דערגרייכן. אַקסיאָמיש איז, ווי די לײַדנשאַפֿטלעכע ליבע אַזוי איז די ווייטאָגלעכע בענקשאַפֿט. זיאַמע טעלעסינס קילע בענקשאַפֿטלעכע לידער זענען נישט געוועזן ליבנדיקע, און דערנאָך באַ־דויערנדיקע. זיי דריקן בלויז אויס אײַפֿערזיכטיקייט צו דעם גיגאַנטיש־שטחדיקן רוסישן לאַנד מיט „די פֿאַרכישופֿטע קאָלירן פֿון די וועלדער, פֿון די לאָנען״ (ז׳ 63). זיי דריקן אויס קנאָה צו די אַזוי פֿילצאָליקע גערטנער, סעדער מיט פֿאַרשידנאַרטיקע, שפֿעפֿולע פֿרוכטן. פֿון די אַזויפֿיל אומגע־הויער גרויסע פֿעלדער, באַוואַקסענע מיט תּבֿואות, גרינוואַרג, פֿאַרשי־דענע נאַרהאַפֿטע געוויקסן, פֿון די אומצאָליקע טײַכן, מיט אַלערליי מיניקע פֿיש. אַנדערשדיק זענען אָבער זײַנע ליבע־לידער, געדיכטעטע מיט התפּע־לות צו דעם באַנײַטן, רעשיק־אַנטוויקלטן ישׂראלדיקן פֿאָטערלאַנד: „בײַם כּנרת״ זינגט ער: „איך ליג מיט די אויגן צום הימל געווענדט / און קען זיך צו זאַט גאָר ניט אָנקוקן / אויף אָט אַ דעם אויסערגעוויינ־לעכן בלענד, / וואָס נעמט אויפֿן וואַסער זיך אָנרוקן. // דאָס ווינטעלע אינעם פֿאַרנאַכטיקן בלוי / אַנטלויפֿט אין די בערג בחיפּזונדיק. / אַזן אייביקייט בײַ דעם כּנרת אַזוי / וואָלט איך דאָ געלעגן נאַזנדיק״ (דער

וועג פֿונעם פֿויגל, ז' 9). אויך אין עין־גדי באַוווּנדערט ער: „אַזאַ מין טאָג אַ בלאָנדן / האָב איך נאָך ניט געזען" // די אויגן אָט איך עפֿן, / און אָט איך מאַך זיי צו. / אַ שײַנענדיקע שפֿע / פֿון שלווהדיקער רו...‏ (דאָרט ז' 11). עקסטאַזנדיק דיכטעט ער: „ווי געגאָסן פֿון גאָלד / איז דער כּותל המערבֿי. // ס'גייט צו שחרית אַ ייִד / אין דער שעה אין דער פֿריִער. / אויך מיט אים גייט מײַן ליד, / וואָס איז פֿול נאָסטאַלגיע" (קמץ אַלף אָ, ז' 64).

זיאַמע טעלעסינס לידער, געשאַפֿענע אין ישׂראל, זענען ייִדישלעכע, פּאַטריאָטישע, צום לאַנד ליבע־אויסדריקנדיקע. אין די „בענקשאַפֿטלעכע" לידער מערקט זיך בלויז אײַפֿערזיכטיקייט. קיין איין אָנדײַטנדיק געפֿיל, צו באַגער צוריק צו לעבן אין דעם געבוירנלאַנד, אַפֿילו איצט באַפֿרײַטן פֿון מורא האָבן רעדן אַן איבעריק וואָרט אַפֿילו פֿאַר טאַטע, מאַמע, ברו־דער, שוועסטער, גאָר נאָענטע פֿרײַנד.

ג

אין „פּרקי־זוהר" פֿון ישעיה תשבי ז"ל, צווייטער טייל, קאַפּיטל: „נשמה־ליכט אין גוף" (ז' 51), לערנען מיר: „דער ראש הישיבה (של מעלה) האָט געענדערט. אַנטפּלעקט, וואָס ר'האָט געהערט אויבן: איין זאַך האָט ער אויפֿגעדעקט און מער נישט: פֿון האַלץ וואָס גייט נישט אויף קיין ליכט, קלאַפּט מען אין אים און ס'לײַכט. פֿון אַ גוף וואָס די נשמה־ליכט גייט נישט אויף — דאַרף מען קלאַפּן און ס'וועט אויפֿגיין ס'נשמה־ליכט. און ביידע — די נשמה און דער גוף — האַלטן זיך דעם און דעם צו באַלײַכטן.

מ'ווייסט: סקולפּטאָרן נעמען העלצער, וואָס האָבן אין זיך פּאָטענציאַ־נעלע פֿײַערן און אויבנאויפֿיק זענען קאַלט, און האַקן זיי, שניצן, ביז זיי ווערן קינסטלעריש־לײַכטנדיק. אויך דיכטערס נעמען איינצלנע ווערטער, קנאַפּ־זאָגנדיקע, ווייניק־פֿילנדיקע און חיבורן זיי. קאָנטראָלירן צי זיי זענען פּאַסיק געזיווגט, צי זיי זענען ריטמיש, זינגעוודיק. אַז ס'בייטיקט זיך מוז מען „קלאַפּן"־אָפּהאַקן טיילן, ביז זיי אָנען, אַז פֿון די הוילע ווערטער, וואָס זענען בבחינת „גוף", לײַכט קינסטלערישער גײַסט.

זיאַמע טעלעסין, ווי יעדער אַנדערער דיכטער, „קלאַפּט אויס פֿון גופֿיקע ווערטער גײַסטיק־לײַכטנדיקע לידער, וואָס זענען נישט טענ־

דענציעזע. נישטאָ אין זיי קיין סימן פֿון פּאַרטייִשע מאָבּיליזירטקייט, דינען נישט קיין שום פּאָליטישע אידעאָלאָגיע. זענען נישט וועלט־אויסלייזערי־שע, נישט מוסר־פּרעדיקנדיקע, שטראָפּדראָענדיקע; זיי עצה'נען נישט ווי אַזוי מ'דאַרף עטיש לעבן. נישטאָ אין זיי קיין אַלצווייסערישע חכמות. זײַן דיכטערישער וועג זענען צו פּרײַע, סתּמיקע געזאַנגען לשם באַזינגען די וונדערשיינע וועלט, ס'לעבן גופא: „לויפּט צו דעם ווײַנגאָרטן / ווו עס רײַפּן די טרויבן" (דער „וועג פֿונעם פֿויגל", ז' 131). זײַן קינסטלע־רישער דרך איז ווי „דער וועג פֿונעם פֿויגל, / וועלכן ס'טראָגן די פֿליגל... אומעטום וווהין ער גייט; אַלץ וואָס ער זעט, הויפּטזאַכלעך פּאָעטיש־אָנ־רעגנדיקע אָביעקטן. זײַן שפּראַכלעכע אינטאָנאַציע איז אַ שטילע. ער דיכטעט מיט טעגלעך־געניצטע ווערטער. דאָס דרינגט נישט, אַז זײַנע לידער זענען מוחיש־לאָגיש־צוגעטראַכטע. גוטע לייענערס דערקענען, אַז זיי זענען געשאַפֿן געוואָרן אין דיכטערס צעבליצט האַרץ, בעתן אָנען: „ערב אַ ליד איז ווי ערב אַ שטורעם" (קמץ אלף אָ, ז' 179).

איז אַזוי הנאָהדיק צו פֿילן זײַנע עמאָציאָנעלע אויפֿטרייסלונגען בשעת ער אָנט אין אַלע נאַטור־אָביעקטן, לעבעדיקע און „טויטע".

זיאַמע טעלעסינס לײַכט־זשאַנערדיקע, אַפֿילו אויבנאויפֿיק „פּראָסט און פּשוטע"־לידער, נייטיקן זיך מ'זאָל זיי לייענען, לערנען אין שטימונג־פֿולע רגעס. נאָר דאַן נעמט מען אויף די שפּראַכלעכע אויפֿטועון זײַנע, די מעלאָדישקייט, פֿיגוראַטיווקייט. מ'באַמערקט דעם דיכטערס היטן די פּראָסאָדישע הלכות. די פֿערזן זאָלן זײַן ריטמישע, גוט־געגראַמטע. און דאָס איז נישט קיין דבר של מה בכך: פֿרײַע עקזאַלטירטקייט אַרײַנפּאַסן אין ענגע, שמאָלע שפּראַכלעך־פּאָעטישע פֿאָרמולעס פֿון ליטעראַטור־„תּו־רות". עיקרדיק איז ער מקפּיד זײַן ליד זאָל זײַן ניי־זאָגעוודיק, ניי ווערטיק־שעפֿעריש, ראַוידיק פֿאַרן יידישן קונסט־פּאַווילאָן אין אוניווערסאַלן היכל הספֿרים.

זיאַמע טעלעסין געהערט צו די דיכטערס פֿאַר וועמען ס'איז „צעעפֿנט דאָס רחבות / פֿון אויסגעטרוימטן לידערלאַנד" (דאָרט, ז' 103).

הערויזם

א

מאיר יעלינס 14 סוביעקטיווע רעאַליסטישע דערציילונגען אין זײַן זעקסט פּראָזעבוך: „פֿײַערריסן אינעם חושך”, ווירקן אויף די לייענערס צו ווערן באַהערשט פֿון קעגנזעצלעך זיך בײַטנדיקע געדאַנקען און געפֿילן. ס'ווערט אומבאַגרײַפֿלעך, ווי אַזוי דעמאַגאָגיש־נאַציסטישע „פּראָגראַמען” און לאָזונגען האָבן באַאײַנפֿלוסט און געווירקט אויף קולטור־דערצויגענע דײַטשן, ווי זיי זענען געוואָרן פֿאַרוואַנדלט אין טיגעריש־פֿאַרצוקנדיקע חיות. מ'שטוינט ווי אַזוי דער פֿון אַזויפֿיל מדורי־גיהנומס געראַטעוועטער שרײַבער מאיר יעלין מאָלט פֿאַרבנרײַכע נאַטור־בילדער; לעבט־אויף מערדערס־און קרבנות־טיפּן, שילדערט פּסיכאָלאָגיש זייערע איבערלעבונגען פֿאַר און בעת די פּײַן־און מאָרד־אַקציעס.

אין פֿילצאָליקע גביות־עדות אין יזכּור־ביכער האָבן נסימדיק לעבנגעבליבענע ייִדן דערציילט גרויזאַמקייטן, פֿאַר מענטשלעכע מוחות נישט באַגרײַפֿלעכע, אומגלויביקע, אין ווערטער וואָס איז אוממעגלעך זיי אויסצודריקן. די זכרונות און די עדות־דערציילטע ביכער זענען אַמערסטנס כראָנאָלאָגיש און טיילווײַז אַפֿילו קינסטלעריש אַרויסגעבראַכט. עס זענען אויך דערשינען קינסטלעריש־פּאָעטישע עלעגיעס, פּראָזאַישע עדות־דערציילונגען. אָבער די אָ שאַפֿונגען האָבן פֿאַרפֿיקסירט אינדיווידועלע איבערלעבונגען פֿון הונגעריקע, שפֿלע, קראַנקע ייִדן. די ביז־איצט־דערשינענע זכרונות, פּאָעטישע קינות, בעלעטריסטישע ביכער, זענען בלויז אַ טראָפּן אין ים פֿון צרותדיקן לעבן אין די געטאָס ביזן לעצטן אומקום־וועג. דאָס דערציילן וועגן ווערן דערשטיקט, געאַשט אין קרעמאַטאָריעס איז געוווּנטשן און נייטיק, און אין דעם פֿאַל גילט: „כל המרבה לספר הרי זה משובח”.

אָבער מאיר יעלינס היסטאָריש־ווערטפֿולע־קינסטלערישע דערציילונגען, דער עיקר די הערויִשע און די מאָראַלישע נאַטור־פּייזאַזשן זײַנע, געהערן צו די קינסטלעריש־קוואַליטאַטיווסטע שואה־ווערק, וואָס זייער חשיבות איז נישט אָפּצושאַצן.

ב

איינער פֿון די אַפֿאָריזמען אין ספֿר „משלי״ דעפֿינירט: „מות וחיים ביד לשון״. דאָס וואָרט איז מעכטיק־קרעפֿטיק־ווירקנדיק, עס רעגט אָן צו ליבע־געפֿילן, העצט צו האַס, דערציט צו לעבן עטיש. אינספּירירט צו פֿאַרברעך, לערנט בויונג. ווירקט צעשטערעריש. פּרעדיקט שלום, אינט־ריגירט מחלוקות, מלחמות אַפֿילו לויט דער מקרא איז די וועלט געוואָרן באַשאַפֿן מיט ויאמר׳ס. קודם איז געווען דער „ויאמר״, דערנאָך דער שאַפֿנדיקער „ויהי״. ערשט מיט איין „ויאמר [= קץ כל בשר]״ זענען וויסטנדיק געמבולט געוואָרן אַלע לעבנס. גאונישע פּאָעטן, פּראָזאַיקער, מוזיקער האָבן אין צענדליקער טויזנטער ביכער וואָרהאַפֿטיק אויסגעביל־דעט ס׳דײַטשישע קולטורעלע פֿאָלק, און איין אַרעסטאַנט אין לאַנדסבער־גער טורמע, אַדאָלף היטלער, האָט מיט איין דעמאַגאָגיש, נקמה־שטנדיק „מײַן קאַמף״ פֿאַראורזאַכט די צווייטע וועלט־מלחמה, אין וועלכער ס׳זע־נען אומגעקומען 20 מיליאָן מענטשן, צווישן זיי זעקס מיליאָן אומשול־דיקע, ציוויל־ייִדן.

לייענענדיק מאיר יעלינס שילדערן די הימל־שרײַענדיקע, וואַנדאַלישע פּײַנען, מאָרדן, פֿרעגט זיך: זענען דענקערס, פּסיכאָלאָגן בכוח צו דער־קלערן, ווי אַזוי טויזנטער מענטשלעכע וועזנס, דערצויגענע אין בילדונג, ווערן פּלוצעם פֿאַרוואַנדלט אין שוידערהאַפֿטע רויבערס און מערדערס? קאָן מען דערקלערן ווי אַזוי מענער פֿון ליבנדיקע פֿרויען, טאַטעס פֿון ליבנדיקע קינדער, זאָלן זײַן אומשטאַנד בעסטיאַליש צו טויטן פֿרויען, פֿון מאַמעס ברוסט־וואָרצלען אַרויסרײַסן זויג־שוועלבעלעך און זיי לעבעדי־קערהייט שלײַדערן אין די פֿון זיי צעפֿלאַקערטע הײַזער?

מאיר יעלינס באַשרײַבן דעם אַ היסטאָרישן חשכות און די קידוש־השמדיקע, העלדישע „פֿײַערריסן״, קלערן־אויף אַ סך פּסיכאָלאָגישע פֿאַר־וואָסן. קודם כל: די טענות פֿון די געמשפּטע פֿאַרברעכערס, אַז זיי האָבן אויסגעפֿירט באַפֿעלן זענען שקר וכזב. אײַפֿעריק, גלוסטנדיק האָבן די דײַטשן מיט זייערע געהילפֿן אויסגעפֿירט די רויב־און מאָרד־אַקציעס. זיי זענען ווערט און נויטווענדיק צו ווערן געלערנט אין שולן, אין אַקאַדע־מישע אַנשטאַלטן. יעדער שורה, יעדער אַפּזאַץ אין אַ דערציילונג, ברויזט אויף. מ׳אַנט די ציטערדיקע, אימת־המוותדיקע קאַשמאַר־רגעס פֿון די גע־כאַפּטע ייִדן־קרבנות צו בזיונדיקער, אומניצלעכער קאַטאָרגע־אַרבעט,

געטריבן צו טייוולאָניש־אויסגעקלערטע, יסורימדיקע אומקומס. און דערבײַ איז דאָס קינסטלעריש־בילדעריש, שפּראַכלעך־פֿאַבריק, טעאַטראַל־דראַמאַ־טיש געשריבן.

אין זײַן ערשטער דערציילונג: „בלויז אַ סיגנאַל־ראַקעטע" לייענען מיר: „אַן אומעטיקער ליטווישער פֿרי־פֿרילינג־פֿאַרנאַכט. אַ פֿײַכטע, קאַל־טע, פֿון אַ זילדנעם ווינט צעיוירענע מײַזיש־גרויע מאַסע האָט אַפּגעטוקט די וועלט. פֿאַרטושט זי. האָבן בײַם געטאָ־טויער זיך אויפֿגעכאַפּט עטלעכע שאַרפֿלײַכטנדיקע פּראָזשעקטאָרן און אָפּגערוימט פֿון אָט דער מאַסע דעם חלל אַרום זיך — צו זען גענוי, ווער סע קומט אָן אויף נאַכטלעגער אַהער צו, אין געטאָ אַרײַן" (ז' 7). מ'לייענט: הונגעריקע, פֿון שווערער האָרע־וואַניע מידע, כּוחותלאָזע יידן שפּאַנען מיט היטלען אין רעכטע הענט, לויטן עס־עס־דין. זיי נעענטערן צום קאָנטראָל בײַם געטאָ־טויער. צווישן זיי אַ קליין אָקרײַטשיקל — אַזאַ צונאָמען — אויפֿן רוקן טראָגט ער שפּע־נער, אין זיי אַ סיגנאַל־ראַקעט, פֿאַרוויקלט מיט אַ צײַטונג... האָט דווקא אים דער הויפּט פֿון דער וואַך פֿאַרהאַלטן. געהייסן אויסשיטן די שפּענער. די ראַקעטע פֿאַלט אַרויס. מ'שלײַדערט אים אַרײַן אין אַן אויטאָ. ער ווערט פּײַנענדיק געפֿאָרשט. ביז ער שרײַבט זיך אונטער צו מסרען רײַכע, באַ־האַלטענע יידן. ער ווערט באַפֿרײַט. אַ בלוטיק־צעקאַטעוועטער קומט ער צוריק אין געטאָ. פֿאַר זײַנע אונטערגרונט־חברים דריקט ער אויס חרטה פֿאַרן אונטערשרײַבן צו ווערן אַ מסור. בעט מ'זאָל אים שיקן צו די מסוכּנדיקסטע סאַבאָטאַזש־אַקטן. בײַם אויספֿירן אַן אויפֿגאַבע קומט ער אום. דער ענין רופֿט אַרויס פּאַניק. מ'ציטערט. מ'דערוואַרט נײַע גזירות און דער פּראָזאַיִקער מאיר יעלין באַשרײַבט אָט די פֿאַרכט בילדעריש: „אויפֿן כמאַרנעם הימל האָט אַ ווינט אָנגעקײַקלט גרוישוואַרצע וואָלקנ־קנוילן. אין זיי פֿאַרשאַרט די שטערן. די קנוילן האָבן נידעריק זיך אַראָפּ־געלאָזט און אײַנגעקוטעט אין אַ חשכותדיקער אבלות די געטאָ. אַ ראָב, אָנזאָגער פֿון בשׂורות רעות, איז אַהין־אַהער אַרומגעפֿלויגן איבער די געטאָ־שטיבלעך. געקראַקעט, ווי פֿרעגנדיק, צי לאַנג נאָך ביז דער טויט וועט זיך אַראָפּלאָזן אַהער פֿראַוון זײַנעם אַ מאַלצײַט" (זז' 30—7).

וויל מען אויפֿפּאַסן די פּסיכישע צושטאַנדן פֿון דײַטשן בעתן אויס־פֿירן בעסטיאַלישע פּײַנען, מאָרדן, דאַרף מען אַרײַנדרינגלעך לייענען די דערציילונג: „פּראַכטפֿולער פֿאַרברעך". אַ 22 יעריקער עס־עס־שאַרפֿי־

רער, היט זײַנע שקלאַפּישע צוימבויערס זיי זאָלן פֿלײַסיק האָרעוועון כּדי צו איזאָלירן ראַסיש־מינדערווערטיקע. ער איז הויך, בלאָנד, בלוי־אויגיק. פֿילט זיך שטאָלץ מיטן אַרישן אויסזען. עסט וועגעטאַריש. אַז זײַן מאַמע האָט אים פֿאַרגלײַכט צו די מלאָכימלעך פֿון ראַפֿאַעלס מאַדאָנע, האָט אים גאָר אויפֿגערעגט. געשטרעבט צו זײַן, ווי דעם פֿירערס ווונטש: אַכזריותדיק מיט אויגן פֿון רוֹיבחיות, ווי די אַלטע גערמאַנער. און אַזוי איז ער. יעדן אינדערפֿרי מוז ער צום טויט צעקאַטעווען אַ נישט־פֿלײַסיקן צוימבויער. אַז אַ פּויער האָט אַ הייפֿטל קרויט צוגעוואָרפֿן אַן אַרבעטער, האָט ער אים תּיכּף דערשאָסן. ר׳האָט שטודירט מעדיצין. זיך גאָר אויסגעצייכנט מיטן לערנען „ראַסנלערע״, געלערנט בײַם „לעקטאָר״ הערמאַן האָוף. אין אַ פֿרימאָרגן האָט ער אָבסערווירט זײַנע שקלאַפֿן. געטשאַטעוועט אויף אַ קרבן, וואָס קאָן דינען דער נאַצי־„וויסנשאַפֿט״. באַמערקט אַ קליין, קרומלעכן ייִד. געקוקט אויף זײַנע גרויסע, בײַנערדיקע הענט, לאַנגע פֿינגער, ווי בײַ אַ מאַלפּע. ער באַשטעטיקט: „דאָס איז עס. דאָס אַ באַשעפֿעניש איז ענלעך צו דעם פֿירערס טעזיס, אַז דער גרעסטער טייל מענטשן איז אַ מישמאַש פֿון האַלבע מאַלפּעס״. ער וועט דאָס עקספּערימענטאַל דערווײַזן. ער באַ־פֿעלט, אַ וואַכמאַן זאָל דעם ייִדס קאָפּ צודריקן צום קלאָץ, פֿון וועלכן דער קרבן האָט פֿלײַסיק געטעסעט די קאָרע. דער עס־עס־מאַן פֿילט אַ בלוט־נעפּל פֿאַרדעקט אים די אויגן. אָט איז זײַן גרויסע מינוט. ער כאַפּט די גוט אָנגעשאַרפֿטע האַק. דער ייִד שרײַט מוראדיק: „פֿאַרוואָססס!!!״ דער געשריי צעדולט דעם דײַטש, וואָס דערהערט אין זיך די שטים פֿונעם גערמאַנישן בלוט, אויסצובעסערן דעם מענטשלעכן שטאַם פֿון זײַן פֿאָלק. באַשליסט דעם ייִדס קאָפּ אָפּהאַקן מיט איין קלאַפּ, בכּדי עס זאָלן אינעם מאַרך־געוועב נישט פֿאַרקומען קיין דעפֿאָרמאַציעס. ער וועט דעם קאָפּ פּרעפּערירן. מיט דער „אײַלפּאַסט״ אָפּשיקן צו דעם „רעקטאָר״ פֿון דעם אַנענערבע־אינסטיטוט. פֿאַרכאַפּט פֿונעם קוראַזש צו דינען דער ראַסישער „וויסנשאַפֿט״, דעם פֿירער אַדאָלף היטלער, דערזעט ער נישט דעם קרעפּ־טיקן, יונגן צוימבויער מיטן ברעכשטאַנג הינטער אים. און איידער דער דײַטש באַווײַזט די האַק אַראָפּצולאָזן אויפֿן ייִדס האַלדז, דערלאַנגט דער יונג דעם שפּיץ פֿונעם פּרעגט אין קאַרק אַרײַן פֿונעם עקסטאַז־פֿולן שאַרפֿירער (זז׳ 57—50).

עמאָציאָנעל־אימפּרעסיוו געשילדערט איז די פּסיכאָאַנאַליטישע דער־

ציילונג: „אייביק". אַן אַרישע, קריסטלעכע פֿרוי פֿון בעלגיע, הענריאַט בלומענטאַל, וווינט אין געטאָ מיט איר געליבטן, ייִדישן מאַן, אַלכּסנדר פֿון שווײַצאַריע. אין דער געסטאַפּאָ האָט מען הענריאַטן פֿאַרגעשלאָגן זיך שיידן פֿונעם ייִד, ראַטעווען איר לעבן. זי איז נישט מסכּים. צוויי דײַטשן קומען צו פֿאָרן צו דעם פּאָרל. דערקלערן, אַז ווי שווײַצאַרישע בירגער איז פֿאַר זיי געקומען אַ דערלויבעניש צו פֿאָרן קיין שווײַצאַריע. געהייסן זיך אָנטאָן עלעגאַנט. מיטנעמען אַלע ווערטזאַכן, נאָר מיט זיי גאָר געפֿאָרן אין אַ לאַגער. רוסישע געפֿאַנגענע פֿון דעם לאַגער האָבן דערציילט: מ׳האָט זיי צוגעפֿירט צו אַ גרייט קבֿר אין אָרטיקן בית־הקבֿרות. איינער פֿון די זעלבע דײַטשן, וואָס האָבן דעם פֿאַרליבטן פּאָרל צוגעזאָגט, פֿאַרזיכערט אַז זיי פֿאָרן קיין שווייצאַריע, האָט ביידן דערמאָרדעט (זז׳ 93—87).

ענלעכע אַזעלכע „פֿײַערריסן" אינעם גיהנומדיקן אומקום זענען דער־ציילט אין די אַלע אַנדערע קינסטלערישע דערציילונגען. דאַרף פֿאַרצייכנט ווערן, אַז אויסער זייער ליטעראַרישן ווערט, זענען אַלע דערציילונגען אינעם בוך „פֿײַערריסן אינעם חושך" אויפֿקלערעריש: די דײַטשן האָבן די רויב־און מאָרד־אַקציעס אויסגעפֿירט באַגערנדיק, אײַפֿעריק, פֿאַרגע־ניגנדיק.

ג

געוויסע ליטעראַרישע פּוסקים באַרעכטיקן קינסטלעריש־ווערטיק בלויז די פּאָעטיש־אויפֿברויזנדיקע קינות־שאַפֿונגען. די פּראָזאַיִשע שילדערונגען, דאָס שטייגער־לעבן אין געטאָ, קאַצעטן נעגירן זיי. ווײַל, אין דער אומקום־תּקופֿה איז בכלל נישט געווען קיין נאָרמאַל שטייגער־לעבן און זי איז נאָך ווייניק דיסטאַנצנדיק, במילא נישט רײַף פֿאַר דער פּראָזע. העכסטנס ניצלעך פֿאַר דער היסטאָריע־פֿאָרשונג. די ביז איצט דערשינענע פּראָזע־ביכער אין ייִדיש מיט דערציילונגען פֿון דער אומקום־צײַט, צווישן זיי מאיר יעלינס פּראָזע־ביכער, לייקענען אָפּ די אָ פּסעוודאָ־תּורות. למעשה ווענדט זיך וויפֿל שרײַבעריש־שעפֿערישער כּוח עס האָבן די פּראָזאַיִקער־מחברים. עס איז אַן אַקסיאָמע: וואָס קרעפֿטיקער עס איז דער שילדערונג־מאַלערישער־ און דערצייל־טאַלאַנט, אַלצמער זענען די סוזשעטן ווירקנדי־קער, שפּאַנענדיקער, און בעל־כּורחודיקער דעם לייענער מיטצובאַטייליקן אין די געשילדערטע האַנדלונגען.

מאיר יעלינס איבערגעלעבטע, און געהערטע גרויל־געשעעענישן אין דער מוראָפּולער, בלוטיקער אומקום־חשכות און די זעלטענע קידוש־השמדיקע „פּיַיערריסן" זענען פּראָזאַיִש, גילגול־נשמותדיק געתּיקונט, קינסטלעריש מחיה־מתימדיק. אויסער זײַנע קאָשמאַרע איבערלעבונגען, קינסטלעריש געאייביקט, נעמט ער הויפּנס אַש פֿון פֿאַרסמאַליעטע ייִדן און שטאַלטיקט זיי לעבעדיק. זיי ווערן ריידעוודיק. פּרטימדיק דערציילן זיי זייערע יסורימדיקע אומקומס.

מאיר יעלינס דראַמאַטישער, שרײַבערישער טאַלאַנט צווינגט די לייע־נער מיטצולײַדן, מיטטרויערן, מיטפּילן די לײַדנדיקע איבערלעבונגען פֿון די קרבנות. מ'ווערט פֿאַרוואַנדלט אין געיאָגטע, געפּלאָגטע געטאָ־און קאַצעט־ייִדן. מ'שפּאַנט מיט זייער לעצטן לײַדנסוועג צו ווערן ברוטאַל דערמאָרדעט, פֿאַרגאַזט, פֿאַראַשט. די 14 דערציילונגען אינעם בוך וועקן פֿאַראַכטונג, זיי רופֿן צו קיינמאָל נישט פֿאַרגעבלעכער שׂנאה צו די בלוט־דאָרשטיקסטע דײַטשישע, אוקראַיִנישע רויבערס, לוסטמערדערס. ער האָט אַ ספּעציפֿישע, אייגנאַרטיקע אייגנשאַפֿט: נישט־סופֿיק שילדערן די האַנד־לונגען. פֿאַרן לייענער לאָזט ער איבער צו פֿאַנטאַזירן די פּאָענטעס פֿון זײַנע דערציילונגען.

תּפֿילה און ליד

א. גילגול נשמות

דער ליטעראַטור־קריטיקער אליעזר פּאָדריאַטשיק האָט זײַן באַלערנ־דיק בוך: „ליד און תּפֿילה" — אײַנגעטײלט אין דרײַ טײלן: א) אַ קורץ, אינטעלעקטועל־אויפֿקלערעריש הקדמהלע. ב) געגעבענגט 63 שיר־המעלות־געמזומורטע תּהילים־אַרטיקע לידער, פֿון 12 פּראָמינענטסטע ייִדישע מאַר־טירער־פּאָעטן אין ראַטנרוסלאַנד און ג) זיבן עסייען־קאַפּיטלעך, געטי־טלטע: „אונטערן פּראָזשעקטאָר פֿון תּנכישן שײַן", און זײ טאָקע פּאַסיק באַלויכטן.

אין זײַן צווייזײַטלדיקן פֿאָרוואָרט לערנט מען „אויף איין פֿוס", אַז דער לידער־אָפּקלײַב פֿון דער ייִדישער דיכטונג אין ראַטנפֿאַרבאַנד דאַרף דינען ווי אַ ראיה וועגן די נאַציאָנאַלע וואָרצלען פֿון די פּאָעטן, וואָס אויך אין דער ספֿערע פֿון „יהדות" איז נישט אַלץ בײַ זײ געוועזן אַזוי „פּשוט"...

און באַשטעטיקן אויך דעם מחברס הנחות אין זײַנע פֿריערדיקע ביכער: אין „פּראָפֿיל פֿון צײַטן" (1978), וואָס איז אַ פּרווו צו שפּירן דעם ייִדיש־אַטאַוויסטישן גײַסט, וואָס גיט זיך איבער דורך פֿאַרהוילענע קאַנאַלן מדור לדור, און איז אויך נתגלה געוואָרן אין דער ייִדיש־יצירה אין ראַטנפֿאַר־באַנד; און אין „שמועסן מיט אַנדערע און מיט זיך" (1984) אין וועלכן עס ווערט אויפֿגעקלערט; אַז „דער דאָזיקער אַטאַוויסטישער גײַסט האָט זיך געשטאַלטיקט אין שאַפֿן פֿון ייִדישע שרײַבערס", פֿון מענדעלע ביזן הײַנטיקן דור ייִדישע וואָרטקינסטלערס. און דער מחבר האַלט, אַז אויב דער לידער־אָפּקלײַב וועט אַקצעפּטירן זײַנע אויפֿפֿאַסונגען, וועט עס זײַן די בעסטע באַלוינונג.

די געצימצומטע אײַנלײַטונג לערנט אונדז אַז אַ גוטער עסייִסט, געניטער סטיליסט, קאָן אין קאַרגע, קאָמפּאַקטע זאַצן פֿאַרלײַכטערן דעם לייענער משׂיג צו זײַן די 63 פּאָעטישע שאַפֿונגען און אַפֿילו דעם אויטאָרס מעדיטאַטיווע התרוממות־הרוחדיקע קאָמענטאָרן.

אין מײַנע „אימפּרעסיאָניסטישע שמועסן" וועגן אַ. פּאָדריאַטשיקס

בוך „שמועסן מיט אַנדערע און מיט זיך", האָב איך דערציילט מײַן פֿאָטערס אַרײַנלערנען אין מיר די חומשדיקע וואָך־פּרשיות. ער פֿלעגט, אָפֿט איבערחזרן: דער גרויסער חכם שלמה המלך האָט אין „קהלת" געשריבן: 'אין כל חדש תחת השמש', אַפֿילו די אויפֿטועריששטע, חריפֿותדיקסטע, מליצותדיקע חיבורים זענען פֿון דור צו דור איבערגעחזרט געוואָרן. יעדער מחבר, אין אַלע צײַטן, האָט געמיינט, אַז ער אַנטפּלעקט חידושים. אָבער זיי האָבן בלויז באַנײַט ניסוחים. דאָס איז דער סוד פֿון גילגול־נשמות. קומט עס מיר אויפֿן זינען איצט בעת איך לערן און לייען א. פּאָדראַטשיקס ספֿר: „ליד און תּפֿילה", אין וועלכן ס'איז ערודיציעאַרטיק אויפֿגעקלערט זײַן אַטאַוויסטישע קאָנצעפּציע. און דאָס איז דאָך געווען דער דרך פֿון מײַן טאַטן ר' ירחמיאל יוסף ז"ל, וואָס פֿלעג אין פּראַסטיק־ווינטערדיקע שבתים אין מיר אַרײַנניגונען די פּאָעטישע תּהילים־קאַפּיטלעך: „ברכי נפֿשי" און די שיר המעלותן. נישט אַלץ האָט מײַן יונג מוחל תּופֿס געווען. כ'געדענק בלויז די אַזויפֿילמאָל איבערגעחזרטע ווערטער: „דער בעל הזוהר שרײַבט: 'כל מה שאדם לומד' — אַלץ, וואָס דער מענטש לערנט אין זײַן לעבן, איז נישט מער ווי אַ ווידערדיק לערנען אין גן־עדן. דעם עובר אין מאַמעס בויך לערנט מען די גאַנצע תּורה. פֿאַרן געבוירן טוט אים דער מלאך אַ פּיק אונטער דער נאָז און ער פֿאַרגעסט אַלץ. פֿון דעם איז צו דרינגען, אַז ס'רוב גײַסטיקע יצירות זענען איבערחזרונגען". אָבער אויך דער בעל הזוהר איז נישט געווען דער ערשטער אַטאַוויסטישער אַנט־פּלעקער, דער רעטראָספּעקטיווער באַגריף „גילגול־נשמות" איז גאָר, גאָר אַלט.

לאָמיר מיניאַטוראַרטיק ציטירן שורות פֿונעם בוך: „ליד און תּפֿילה". אפֿשר וועלן זיי אַסאָציאירן באַגריפֿן, באַקענען מיטן מחברס אַרט לערנען ליטעראַטור־טעקסטן.

ב. תּפֿילה אין ליד

שוין דאָס איבערדרוקן גאַנצע 63 לידער פֿון 12 עליטישסטע פּאָעטן אין רוסלאַנד, דערמעגלעכן אויפֿפּאַסן דעם מחברס אַטאַוויסטישע קאָנ־צעפּציע, וואָס איז, אַגב אַזוי אינהאַלטפֿול דערקלערט אין די 7 עסייען־קאַפּיטלעך, תּנ'כיש פּראָזשעקטירט. לאָמיר פֿאַרצייכענען אייניקע אסמכ־תּאות:

דער „יחידישער דיכטער" ליפּע רעזניק, וואָס האָט געשאַפֿן „אַרכי־טעקטאָניש־פֿאַרגאַנצטע ווערק" איז פֿון מחבר באַטיטלט ווי דער „כּהן־גדול פֿון דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור". וואָס האָט אין איר דער ערשטער אַרײַנגעבראַכט דעם שם המפֿורש. אין זײַנע לידער זינגט ער נישט וועגן גאָט, ער דינט אים". ליפּע רעזניקס לידער זענען מבחינת עקסטאַטישע געזאַנגען, גײַסטיק־אַרטיק איבערגעשאַפֿן" (ז' 117).

דוד האָפֿשטיין זינגט עקסטאַטיש: „מײַן גײַסט זיך בייגט / און קניט, / צו אײַך, צו אײַך / איצט גלי איך, / גלי אין תּפֿילה־ליד". און דער מחבר פֿאַרטײַטשט: „תּהילים־אימאַזשן האָט ער אָרגאַניש אַרײַנגעוועבט אין אינערלעכן קינסטלערישן געוועב פֿון זײַנע ווערק". די קאָסמישע וועלטשפּירונגען פֿון תּנ"ך האָבן געווירקט אויף זײַן דיכטערישן גײַסט: — „כ'האָב געוועגדעט זיך צו ביימער: / יום ליום יביע אומר"... (ז' 120, 121).

אשר שוואַרצמאַן, האַלט דער מחבר, בויט זײַנע סטראָפֿעס, גראַמען אין העברעיִשע ריטמען, מיט אַ תּנ"כישער לעקסיק: „ס'קלינגט אַ מילדע פֿייגל־שירה; / און מיר דאַכט: איך שוועב אויף פֿליגל / און זאָג אָן דער וועלט אַ בשׂורה" (ז' 108).

זאָגט דער מחבר: דער עקספּרעסיאָניסטישער, פּאַטעטישער פֿענאָמען, מאַרטירער פּרץ מאַרקיש איז געווען „די קראַפֿטיקע פֿאַרקערפּערונג פֿון דעם סאַמע פֿרוכפּערדיקסטן צווײַג אין דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור". די צענטראַלע אידעען פֿון זײַנע ווערק זענען: נאַציאָנאַלער המשך און דער קווינטעסענץ פֿון דעם ייִדיש־היסטאָרישן גורל. שטאַרק איז געווען זײַן גלויבן אין 'נצח ישׂראל לא ישקר' (ז' 138). האָט נישט געשילדערט דעם אײַנרײַס צווישן דורות. נישט זייער אַנטאַגאָניזם, נאָר וואָס איינער ירשנט פֿון צווייטן. דער „דור־אויס און דער דור־איין" דערשײַנען נישט־צעשיידטע, נאָר ווי איין אייִנהײַטלעכע גאָלדענע קייט פֿון דעם ייִדישן גאַנג אין דער געשיכטע" (ז' 139). האַרמאָניש, ריטמיש, מוזיקאַליש זענען זײַנע לידער, וואָס באַאײַנפֿלוסן די מעדיטאַציע־געפֿילן, און נשמה־אויפֿ־ברויזן. פֿאַראַן בײַ מאַרקישן ביבלישע אימאַזשן, וואָס גייען אים נאָך ווי אַ פֿאַטום. אין זײַן פֿאַרביטערטער פּאָעמע: „די קופּע" (1922) הויערט ממש דער גײַסט פֿון יחזקאלס נביאות: (ז' 141). א. פּאָדריאַטשיק רעזו־מירט: „גאָט איז בײַ פּרץ מאַרקיש די אייביקע סטיכיע פֿון שאַפֿן, רעוואָ־

לוציע — די סטיכיע פֿון צעשטערונג. שאַפֿונג און צעשטערונג, זענען לויט אים אייביקע קאַטעגאָריעס. זיי גייען שטענדיק בײַנאַנד; זענען דעטערמינירט פֿון זעלבן גרונטגעזעץ: ׳אלהים בונה עולמות ומחריבם׳ (ז׳ 146). דער־אָ באַגריף איז אין זוהר אַ ביסעלע אַנדערשדיק: „פּתח רבי יחיא ואמר: ביז גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט האָט ער געשאַפֿן וועלטן און זיי צעשטערט. אַלע וועלט־מנהיגים, נשמות פֿון מענטשן זענען אין הימל שוין געווען אין זעלבן געשטאַלט ווי אויף דער וועלט״ (פּרקי זוהר א׳, עמ׳ 46).

דער המשכדיקער וועקסלונג־פּראָצעס פֿון ווערן, זײַן, פֿאַרגיין, ווידער־קערונג, האָבן אַ סך קדמונישע חכמים פֿעסטגעשטעלט: בלויז די מאַטע־ריעלע גופֿים זענען פֿאַרבײַגייענדיקע. דער נאַטירלעכער קיום־כּוח איז אייביק. ס׳זעלבע בײַ מענטשן: ווערן געבוירן, לעבן, שטאַרבן און אַנדערע ווערן געבוירן. בלויז דער גופֿישער קערפּער איז פֿאַרבײַגייענדיק. דער גײַסט איז גילגול־נשמותדיק: „דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת״ (קהלת א׳, 3).

דעם דיכטער לייב קוויטקאָ, פֿאַרטײַטשט דער מחבר ווי אייגעם ווּעמען ס׳האָט געצויגן צום שם המפֿורש, ער זאָל אים אויסלייזן פֿון ערדישע לײַדן, אַרויסהייבן פֿון דער גרויער ווירקלעכקייט אין העכערע, לויטערע ספֿערן (ז׳ 119). „דאָרט רוט דער שם / דער גרויסער שם / וואָס באַשאַפֿט מיט אים / דעם ערדפֿאַרנעם / הימל געוועב״.

שמואל האַלקינס לידער זענען כּולו ורובו אין בילד, גײַסט, ביבליש, העברעיִש (ז׳ 102): „ווען איך וואָלט ניט האָבן פֿאַר וועמען צו פֿאַלן / אין תּפֿילה, אין פּײַן / די גאַנצע וועלט וואָלט אויף מיר געפֿאַלן / און איך וואָלט מער ניט זײַן״. (ז׳ 44).

איזי כאַריק האָט געזונגען: „און דער קנויט קען שוין ציִען, ציִען און ציִען. / איז די תּפֿילה געגאַנגען מיט רויִקן טראָט / ביז — — — / עינינו בשובך לציון — — —״ (ז׳ 120).

עזרא פֿײַנבערגס נטיות צו היפּערבאָליק, אַלעגאָריע, זײַן פֿײַערלעכער עקסטאַטישער טאָן, זאָגט פּאַדריאַטשיק, דערמאָנט אין סטיל און אין פּאַטאָס פֿון די נביאים (ז׳ 149). „ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט די אַטאַוויסטישע געפֿילן אײַנגעהילט אין אַ ביבלישער שפּראַך. אויך צו אים

האָט זיך אַנטפּלעקט גאָט אין אַ כמאַרע: „אין אָנפאַנג איז געווען אַ כמאַרע / ביים הימלזוים, נאָך האַלבן טאָג, יום־כיפור. — — / — — — — / איבער שוועלן, איבער הויפן, איבער שטאָט / איז מיט כמאַרע פינצטערער געגאַנ־גען גאָט. — —" (ז' 120).

איציק פעפערס ראָמאַנטיש־העראָיִשע פּאָעמע: „שאָטנס פון וואַרשע־ווער געטאָ" איז דורכגעדרונגען מיט ביבלישער סימבאָליק. אויף דער פראַגע, וואָס ס'האָט געמוטיקט? ווער האָט באַפליגלט דעם ייִנגל פון געטאָ צו זיין גייסטיקער, פיזישער גבורה? פאַרמאָגן מיר צוויי א. פעפערס ענטפערס: נוסח מאָסקווע, — די שטאָלצע ירושה / פון זיידן דעם שוסטער, דעם וואַרשעווער ייִדן, / וואָס האָט זיין חריפות אין שטריקן געשליפן" און נוסח ניו־יאָרק: 'ווער האָט באַפליגלט, דאָס ייִנגל פון געטאָ — / די טויב נאָכן מבול? / צי אפשר געשענקט האָט אים פליגל דער מלאך, / וואָס איז צו אַברהם אבינו געקומען / און האָט אים געבענטשט פאַר זיין שטענדיקער ברייטקייט? / צי אפשר געהערן די פליגל צו יענעם, / וואָס האָט אין זיין גנעדיקייט משה רבינו / געלינדערט דעם טויט מיט אַ קוש, מיט אַ שטילן? (ז' 168). א. פּאָדריאַטשיק דיפערענצירט בײדע ענט־פערס, דער ערשטער איז פאָלקלאָריסטיש, אין צווייטן הערט זיך אָן עכאָ פון דורות. פאַראַן אין אים מיסטיש־רעליגיעזע רמזים און איז אין גאַנצן איינגעהילט אין אַן אוראַלטער תנ"כישער בילדערישקייט (ז' 9—168).

און אונדזער מחבר סכהכלט: „די ביבלישע אימאַזשן זענען ביי די דיכטערס נישט געווען קיין דעקאָראַטיווע אַפּליקאַציעס, נאָר אַן אָרגאַ־נישער באַשטאַנדטייל אין דער ביבלישער געדאַנקלעכקייט פון זייער שאַפן". פּאָדריאַטשיק דערמאָנט: „דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור־קריטיקער שלום גאָרדאָן באַטראַכט דעם אַנטוויקלונגס־וועג פון דער גאַנצער ייִדישער מאָדערנער ליטעראַטור: מענדעלע איז געווען געזאַלבט מיטן ביבלוואָרט, וואָס איז ביי אים יום־טובדיק געשטימט. אַנטפּלעקט זיך אין אַ כהן־גדול־שער געשטאַלט. שמעקט מיט בשׂמים. שלום עליכם האָט מיט אַ פּסוק, וואָרט פון תנ"ך איינגעוווינט, געמעסיקט דעם היציקן טומל פון זיינע העלדן. ביי שלום אַש אַנטפּלעקט זיך ס'ביבל־וואָרט אין ליריש־עסטע־טישע פאָרמען. ביי י. ל. פרץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט ס'ביבל־וואָרט אין זיינע קינסטלערישע זוונגען, און דערגרייכט צו אַ מדרגה פון אַן אוניווער־סאַל־פילאָסאָפישער קאַטעגאָריע". (ז"ז 4—161).

ג. ליד און תּפֿילה

כ׳בין זיך מודה ומתוודה: הנני העני ממעש. נרעש ונפֿחד מפּחד פֿון די יודעי־ספֿר, מיט זייער „הלכות״ פּאָעזיע, פּראָזע, עסייִיסטיק, ווי אַזוי צו פֿאַרפֿאַסן קינסטלערישע ווערק. ספֿק איך טאַקע צי אין קורצע באַמערקונגען וועט מיר געלינגען סכּהכּולדיק אינטערפּרעטירן די אַזויפֿיל באַהאַנדלטע טעמעס אין דעם קריטיש־ווערטיק, קינסטלעריש געטעקסט, אויפֿקלערעריש ספֿר: „ליד און תּפֿילה״. בלויז דאָס קאָמענטירן ס׳קורצע פֿילבאַדײַטנדיקע הקדמהלע איז נישט קיין לײַכטע הלכה. איצט אַרומנעמען און באַהאַנדלען די 63 עקסטאַזפֿולע, האַרציק־געתּפֿילהטע לידער פֿון 12 ייִדישע, עליטישסטע פּאָעטן אין ראַטנרוסלאַנד, פֿאַדערט גרונטלעכע קאָמענטאַציעס פֿון קינסטלעריש באַגאַבטע, מומחהדיקע קריטיקערס. די 7 עסייִסטישע פּרקים, אין וועלכע ס׳איז אַזוי ערודיציע־אַרטיק באַהאַנדלט דער אַטאַוויסטישער פּראָצעס, וואָס האָט במשך דורות באַאײַנפֿלוסט ייִדישע און העברעיִשע שרײַבערס, נייטיקן זיך אין אויספֿירלעכע, ליטעראַטורלומדיקע, עגזאַקטע אַנאַליטישע קאָמענטאַרן, וואָס זאָלן גרונטיק אויסטײַטשן א. פּאַדריאַטשיקס רעצידיוויסטישע הנחות אין זײַנע תּנ״כישפּראָזשעקטאָריש־באַשײַנענדיקע אינטערפּרעטאַציעס. זענען דערפֿאַר מײַנע דאָ אַרויסגעזאָגטע מײַנונגען בלויז איבערגעלעבטע פֿון אַ לייענער, אַ פֿאַרליבטער אין דער ייִדישער ליטעראַטור. לית מאַן דפּליג אַז „ליד און תּפֿילה״ זענען ״אַן אויסדרוק פֿון עקסטאַטישער־נשמה־דערהויבנקייט״ (ז׳ 7). דאָך זענען זיי זיניק־אונטערשיידנדיק־באַגרײַפֿלעך: ליד אַסאָציאירט: שיר, געזאַנג. פֿערזן מוזן ווערן פֿאַרפֿאַסט פּראָזאָדיש־פּיקנטלעך, פֿיגוראַטיוו, ריטמיש, מעטאַפֿאָריש, מוזיקאַליש. לידער באַזינגען „טויטע״ נאַטור־אָביעקטן, פֿרויענשיינקייט, ליבע, נשמה־אויפֿברויזן. זענען זיי נישט רעליגיעז געקודשט. תּפֿילה איז עיקרדיק: גאָט־בענטשונג. לויטן זוהר איז תּפֿילה עבֿודת הרוח. אין איר זענען פֿאַראַן זעקס מצוות: גאָטספֿאָרכטיקייט, גאָטליבע, בענטשן דעם שם (גאָטס נעבנגאָמען), מתייחד זײַן זיך מיטן שם, כּוהנים־רענטלונג, מסירות הנפֿש״ (פּרקי־זוהר, עמ׳ 85) און: „די האַרציקע תּפֿילה־עבֿודה איז אַן אינערלעכע ספּיריטואַליסטישע ריכטונג צו אַ געפֿיל־פֿאַרבינדונג, אַן אָנערקענונג מיט רוחניותדיקן, קאָסמישן קיום״ (דאָרט ז׳ 81).

דיכטעווען תּפֿילות איז נישט קיין נײַעס. אין דער ייִדישער קולטור־געשיכטע פֿאַרנעמען אַ גאָר חשובע פּאָזיציע די רעליגיעזע פּייט־נים אין מצרים, שפּאַניע, פֿראַנקרײַך, דײַטשלאַנד: אליעזר הקליר, רב סעדיה גאון, שלמה אבן גבירול, אברהם אבן עזרא. (זע „תולדות ספֿרות ישׂראל" פֿון ד"ר י. צינבערג). די אַ גאוניש־לומדישע, פֿילאָסאָפֿישע, באַ־גאַבטע קינסטלערס האָבן טאַלאַנטפֿול פּאָעטיזירט אַ סך תּפֿילות. אָבער נישט אַלע פּייטנים איז געלונגען די געלידלטע געבעטן האַרמאָניש צו פֿאַרפֿאַסן. וואָרעם אויך תּפֿילה קאָן האָמעווען קינסטלערישע פֿערזן. געציילטע תּפֿילה־שורות קרעפּטיקן קינסטלעריש די פּאָעטישע שאַפֿונגען. זיי זענען אויפֿברויזנדיק, עזאָטעריש־ווירקנדיק. אין אַלגעמיין זענען כּל־לים נישט חל אויף דיכטערישע, צי פּראָזאַישע ווערק.

אָבער די 63 אויסגעקליבענע געתּפֿילהטע לידער פֿון 12 אין ראַנג־פֿאַרבאַנד פֿאַרפֿאָלגטע, דערמאָרדעטע טאַלאַנטרײַכע דיכטערס, די באַ־הויכטע מיט אויפֿוועקנדיקע רעליגיעזע געפֿילן, אין זיי זענען די תּפֿילה־דיקייט און פּאָעטישקייט האַרמאָניזירט קינסטלעריש. די תּפֿילות זענען געזיווגט מיט פֿערזן און די לידער פּאַסיק פֿאַרהאָפֿטן מיט שוווּנגנדיקע נשמה־אויפֿברויזנדיקע שורות.

אליעזר פּאָדריאַטשיקן איז מיטן לידער־אָפּקלייב געלונגען צו באַ־שטעטיקן די אַטאַוויסטישע אײַנפֿלוסן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ער איז מיט דעם אַליין עונג־רוחניותדיק באַלוינט.

פֿאַר זײַן חסד־של־אמתדיקער האָרעוואַניע בעתן פֿאַרפֿאַסן דעם אײַנ־האַלטרײַכן, קינסטלעריש־געטעקסטן בוך „ליד און תּפֿילה" איז ער ראוי צו ווערן לויבנדיק אָפּגעשאַצט. אַלע דרײַ בוכטיילן זענען אַ באַלערנדיקע לעקטור אויף צו ווערן אונטערריכט אין מיטל־און אין הויכשולן.

בליציקע אויטאָנאָמיע־שײַן און איר בלוטיקער פּאַרגיי

א. אומקום

ישראל קאַפּלאַן איז באַקאַנט ווי אַ לומדיש־תּלמודיש־נוסחדיקער פּראָזאַיקער; התמדהדיקער גביות־עדות־זאַמלער פֿון לעצטן (הלוואי!) ייִדנאומקום אין אייראָפּע, אין די יאָרן 1945—1939. נאָך דער — אין מענטשלעכער היסטאָריע — פֿאַר ייִדן באַרבאַרישסטער, צווייטער וועלט־מלחמה. ער איז אַ גאָר פּאָפּולערער שואה־שרײַבער. זײַנע ליטעראַריש־היסטאָרישע, ייִדיש־שפּראַכלעכע אַרבעטן האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אין די ייִדישע דיפּי־לאַגערן, באַזונדערש אין זשורנאַל „פֿון לעצטן חורבן" (1949—1946), אין „היסטאָרישע העפֿטן" א. נ. „אין דער טאָג־טעגלעכער היסטאָרישער אַרבעט" (מינכען, 1947) און „דאָס פֿאָלקסמויל אין נאַציקלעם" (מינכען, 1949), און האָבן זוכה געווען צו דערפֿאָלגרײַכע טיראַזשן. אַדאַנק זײַן אַחריותדיק באַהאַנדלען און באַאַרבעטן די דאָקומענטן, דראַמאַטיש־דערציילעריש, אין אַ גערעדטער פֿאָלקסשפּראַך, זענען די געשיכטלעכע צײַטשריפֿטן פֿון ייִדישן נויטלעבן, פֿון די ליקווידאַציע־אַקציעס א.ד.גל. שפּאַנענדיק געלייענט געוואָרן פֿון רוב שארית־הפליטה־ייִדן, די צײַט־ווײַליק אײַנגעאָרדנטע אין דיפּי־לאַגערן. אָפֿט האָט מען באַמערקט מענער און פֿרויען־גרופּן זיצן אויף בענק אין לאַגער־געדטנדלעך, צי אויף צו־נויפֿגערוקטע שטולן אין פֿאַרזאַמלונג־זאַלן, ווו עמעץ האָט פֿון אַ „לעצטן חורבן"־העפֿטל פֿאַרגעלייענט גרוילעך־מערדערלעכע גביות־עדותן, דער־ציילטע פֿון דורך נסים־געראַטעוועטע קאַצעטלערס, פּאַרטיזאַנער, אויס־באַהאַלטענע אין וועלדער, אין חורבות. מען האָט געהערט זיפֿצערײַען, העשען, כליפּען. דער שרײַבער פֿון אָט די שורות האָט אַליין אָנטייל גענו־מען אין אַזעלכע טרעפֿונגען.

איינמאָל האָט, אינמיטן פֿאַרלייענען וועגן אַן אָנפֿאַל אויף דײַטשן אין וואַרשאַווער געטאָ, זיך ראַפּטעם אויפֿגעשטעלט אַ דאַר יונגערמאַנ־טשיקל. זײַנע פֿאַרוויטלטע, טרערן־פֿאַרנעצטע אויגן געווישט מיטן לינקן,

בײַנערדיקן דלאַניעלע, און שלוכצנדיק געזאָגט: „יאָך בין פֿון קראָק־מאָלנע גאַס. כ׳בין אַ לעבעדיקער עדות דערפֿון... און צוגעגעבן צום געלייענטן כּהנה וכהנה... האָט ישראל קאַפּלאַן געזאַמלט און גענוי קאָנט־ראָלירט די אויטענטישקייט פֿון די געשעענישן. זענען זײַנע געזאַמלטע דאָקומענטן באַטײַטנדיקע מאַטעריאַלן פֿאַר היסטאָריקערס, שואה־פֿאָר־שערס.

זינט 1949 לעבט י. קאַפּלאַן אין ישראל. זײַן צײַט, זײַן ענערגיע, און טאַלאַנט ווידמעט ער דאָס פֿאָרשן די סיבות פֿון ייִדנפֿײַנטשאַפֿט. דאָס אויפֿפֿאַסן טראַגישע צײַטן, באַגאַטעלישע פֿאַרויסזעונגען פֿון דערנענטערנ־דיקע חורבנס. אַפֿילו אין זײַנע אין ישראל־אַרויסגעגעבענע ביכער אין וועלכע ער שילדערט ס׳ייִדישע שטייגערלעבן אין ליטע, זענען די טעקסטן טענדענציעז געצילט צו דערציילן די עקאָנאָמישע באַגרענעצטקייטן, פֿאַר־פֿאָלגונגען, אָפּטע פּאָגראָמען. קאַפּלאַן דערמאָנט און דערציילט, אַז טראָץ דעם וואָס ייִדן האָבן נישט משפּיע געווען אויפֿן פּאָליטישן לעבן, נישט אָנטייל גענומען אין אויפֿשטאַנדן קעגן רעזשימען, נישט באַדראָט קיין שום מאַכט, נישט געשטערט גויִמס לעבנסאַרט, זענען, זיי דאָך געוואָרן בײַזווויליק באַשולדיקט אין שאַדענען, אַטראַפּירן די גויִמס קיום.

אין קאַפּלאַנס בוך: „לעצטער פֿרילינג״ איז קינסטלעריש געשילדערט ס׳ייִדישע לעבן אין ליטע פֿון 1918 ביז 1941. דאָס בוך האָט אויסער זײַן קינסטלערישן ווערט אויך אַ צוגאָבלעכן באַשולדיקונגס־דאָקומענט קעגן גערמאַנישן פֿאָלק, די פּלאַנירערס, אָרגאַניזירערס, מיט די סלאַווישע קריס־טנס הילף, אויספֿירערס פֿונעם אויסרויבן ייִדיש פֿאַרמעגן, אויסהונגערן און מערדערלעך זיי טייטן.

ב. לעצטער פֿרילינג

נישט פּערמאַנענט זענען ייִדן פֿון די קריסטלעכע לאַנדהערשערס געוואָרן עקאָנאָמיש פֿאַרפֿאָלגט, פֿון די יעזוס־גלייביקע פּאָגראָמירט, באַרויבט, געמאָרדעט. מאַסן ייִדן אַרויסגעטריבן פֿון היימען. ניין. אין טייל לענדער זענען געווען לאַנג־יאָריקע, רויִקע פּעריאָדן. לאַיאַלע מלוכה־פֿירערס האָבן די ייִדישע מינדערהײַטן דערמעגלעכט צו ווערן געשיצט פֿון מדינה־געזעצן, פֿאַרהעלטענישמעסיק לעבן מנוחהדיק. אָבער אומעטום האָבן קריסטלעכע גײַסטלעכע געווירקט, אַז די אָביסל גלײַכבאַרעכטי־

קנדיקע „פֿרילינג"־צײַטן זאָלן נישט זײַן צו לאַנג־דויערנדיק, עטלעכע ספּעציפֿיש־אויטאָנאָמיש „פֿרילינג"־יאָרן האָבן ייִדן גענאָסן אויך אין ליטע. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1918 איז ליטע געוואָרן זעלבסטשטענדיק. די ליטווישע רעגירונג האָט — צוליב אירע נאַציאָנאַלע אינטערעסן — געשענקט די ייִדן אויטאָנאָמיע. נאָמינירט אַ ייִדישן מיניס־טער צו לעזן ייִדישע פּראָבלעמען. אָבער אָט דער „פֿרילינג" האָט סך־הכּול געדויערט עטלעכע יאָר. אין מערץ 1926 איז אין ליטע שוין נישט געווען קיין ייִדישער מיניסטער. דער נאַציאָנאַלראַט איז געוואָרן פֿאַרמאַכט. די קהילות־טעטיקייט, די ייִדישע גלייכבאַרעכטיקונגען זענען געוואָרן פֿאַר־קלענערט, פֿאַרשמעלערט. און אָט דאָס ייִדישע לעבן פֿאַר דער אַ קורצער פֿרילינג־עפּאָכע איז פּראָזאַיִש־היסטאָריש דערציילט אין י. קאַפּלאַנס בוך, דאָס פֿיפֿטע אין ישׂראל, „לעצטער פֿרילינג", דערשינען אין פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך", אין 1985.

און ס'איז נישט דער שטייגער פֿון אַן אָפּהאַנדלונג־שרײַבער צו ווערן אַן איבערדערציילער, אַ נאָכדערציילער פֿון דעם דורך אים באַהאַנדלטן בוך. אָבער פּטור ללא כּלום קאָן מען דאָך אויך נישט, ווילט זיך דאָ ברענ־גען בלויז עטלעכע כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן פֿון אָט דעם בוך, און זאָלן זיי רעדן פֿאַר זיך:

דער ראש הקהל פֿון זאַמעט, דער כּלל־טוער, דער גבאי רפֿאל לוקניק, איז אַרײַן צום שטאָט־רבֿ, רבֿ אביגדור, אים מיטגעטיילט, אַז דײַטשלאַנד האָט פֿאַרשפּילט די מלחמה. „זייער קיסר ווילהעלם איז אַרונטער פֿון כּיסא המלכות". דער רבֿ הערט. שטעלט אויף „די גאָדיכטע ברעמען. קנייטשן טיפֿן זיך איבערן הויכן שטערן. עס קומט אַ שאָקל, אַ צושטימיקער פֿון גרויסן, גרויען קאָפּ. באַלד ווידער אין ספֿר פֿאַר אים". דעם רבֿס הסכּמה וווּנדערט לוקניקן. אַמײַן בעתן אויסברוך פֿון קריג אין 1914, האָט דאָך דער זעלבער רבֿ געפּוּנען אַן אימרא אין דער גמרא: גרממיה של אדום שאלמלא הן יוצאין, מחריבין כּל העולם כּולו", הייסטעך עס, אַז דײַטשלאַנד איז די זיגערין, ווי זשע קומט עס וואָס דער זעלבער רבֿ איז איצט „מסכּים" מיט דײַטשלאַנדס מפּלה. שטעלט זיך אָוועק, לויטן מחבר, אונדזער רבֿ און זאָגט: „אין פֿלוג איז דײַטשלאַנדס פֿאַרשפּילן די מלחמה אין סתּירה מיט דער גמרא. אָבער דער מאמר, גרממיה של אדום לאָזט זיך אײַנזעצן. פּשוט, אין מאמר איז נישט געזאָגט „מנצחין" נאָר „מחריבין". הייסט עס: די

מדינה איז בכּוח חרוב צו מאַכן די וועלט. האָבן דאָך די דײַטשן אין דער מלחמה חרוב געמאַכט שטעט און לענדער גאַנצע״...

נאָכן קריג האָבן זיך ייִדן געפּרייט: „די וועלט ווידער אַ וועלט״. און ס׳זענען פֿאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס. בלוטרויטע פֿענער האָבן געכ־וואַליעט אין ווינט. רבנישע קינדער, טעכטער פֿון כּלל־טוערס, פֿון גבאים, זענען געוואָרן רעוואָלוציאָנערן. גייענדיק אין בית־המדרש הערט לוקניק אויסרופֿן: „רעליגיע איז אָפּיום פֿאַר די מאַסן״. אויך אין שול הערט ער מ׳וועט אויפֿדעקן דעם פּרצוף פֿון דער קהילה, גבאים, עסקנים. הערט וועגן דעמאָקראַטיש אויסוויילן אַ נײַע קהילה. ייִדן לעבן פֿרײַער. האָפֿן: „אין ליטע וועט אונדז זײַן גוט״, און דאָ — „פֿרילינג 1919. די שוין־דערלעבטע רויִקע טעג אָטעמען ברייט, טיף. בלוי צעגאָסן איז דער הימל. זון ברייטערט זיך און שטראַלט אַדורך די הויכע גרינע סאָסנעס. בײַ די ראַנדן וועג שלאָגט אַ לויכטיקע פֿרייד פֿון דעם מאָך. פֿרילינג שטראַלט, לאַכט״ אָבער דער מחבר גיט צו: „אָטעמט קאַלט...״

*

ייִדן פֿאָרן מיט דער באַן קיין קאָוונע, די הויפּט־שטאָט פֿון ליטע, צו דער לאַנד־קאָנפֿערענץ אויסצוקלײַבן נײַע קהילות. מ׳צערעדט זיך וועגן גירוש, וואָס האָט זיי אויף יאָרן פֿונאַנדערגעטיילט. מ׳דערמאָנט די ווילדע בילבולים אויף ייִדן. מיט אַ קללה ווערט אַרויסגעבראַכט דער נאָמען ניקאָ־לאַי ניקאָלאַיעוויטש, דער צאַרישער גענעראַל וואָס האָט אין יאָר 1915 באַפֿוילן דעם גירוש קאָוונע. גאָר פֿלאַמיק ווערט באַגריסט די נײַע ליטווישע רעגירונג, וואָס ברענגט אַ גראַנדיעזן פֿרילינג פֿאַרן לאַנד און פֿאַר אירע ייִדישע בירגער און... אין מאַרץ 1926 איז אין ליטע שוין ניט געווען קיין ייִדישער מיניסטער. עס זענען פֿאַרמאַכט געוואָרן די ייִדישע קהילות און אין אַ פֿרילינג־חודש איז פֿאָרגעקומען די לעצטע זיצונג פֿון דער קאָוונער קהילה.

און דאָ קומט דער איכהדיקער עפּילאָג פֿון דעם באַלערנדיקן „פּראָ־זאַישן״ ספֿר „לעצטער פֿרילינג״ און דערציילט אונדז:

„אַ קראַך און אַ בראַזג פֿון דרויסן גיבן אַ הייב מיט שרעק די מענטשן פֿון די בעטן. די ייִדן שלאָפֿן ניט רויִק פֿון נעכטן, 24סטן יוני 1941, ווי אין קאָוונע האָבן אַרײַנמאַרשירט די דײַטשן. יונגע ליטווינער מיט העק,

מעסערס, געווער, מאָרדן, רויבן ייִדן. ס׳ערשטע הויז אין קאָוונעס פֿאַר־שטאָט סלאָבאָדקע ווערט אויפֿגעבראָכן. ס׳דערהערן זיך גרויליקע קולות פֿון די ייִדן אינעווייניק. נאָך עטלעכע טעג ווערן פֿון קאָוונע אַריינגעיאָגט אַ גרופּע צונויפֿגעכאַפּטע ייִדן קיין סלאָבאָדקע. זיי ווערן באַפֿוילן באַגראָבן די הרוגים. אין דער ערשטער שטוב נעבן דער בריק וואַרפֿט אַ מיטל־יעריקער ייִד אַרונטער ס׳טיכל פֿון אַן אָפּגעריסענעם קאָפּ. „יאַטקונסקי מרדכי!״ שרייט ער. דערינערט זיך און זעט דעם יונגן יאַטקונסקי בײַ דער עפֿענונג פֿון נאַציאָנאַלראַט — — — אַ יונגערמאַן צעשאָקלט זיך איבערן קאָפּ אין פֿאַרגליווערטן בלוט: „חתן־בראשית. אַ חתן־דמים פֿון אַזאַ בראשית. השם ישמרנו ויצילנו״. און נישט געווען איז קיין שומר און קיין שום רעטער. — — —

דאַרפֿן מיר דען, מעגן מיר דען איבערדערציילן וואָס עס איז מיט די קאָוונער ייִדן געשען נאָכן דײַטשישן אַרײַנמאַרש? האָט דען י. קאַפּלאַן געקאָנט שילדערן, מאָלן, משלען יענע שוואַרצע געשעענישן אַנדערש ווי אין אַנדערע ייִדישע קהילות? זענען דען אין קאָוונע די גורלות פֿון די ייִדישע קינדער געווען אַנדערש ווי אין אַנדערע עמק־הבכאס?

קאָן אין „לעצטער פֿרילינג״ אונדז בלויז דער מחבר דערציילן פֿון איינעם אַ רב קאַרלעבאַך וואָס זעט דאָס אַלץ אין די לעצטע מינוטן. בעת זײַן מוח איז פֿאַרלאָפֿן מיט תּחית־המתים. אין האַנט ס׳תנכ״ל וואָס ער טראָגט תּמיד מיט זיך. ער מישט. די בר־מצווה־ייִנגלעך ער ווייזט: „אין דער הפֿטורה וואָס איר האָט געלערנט זאָגט דער לעצטער נביא, מלאכי, אין זײַן לעצטן פסוק: ׳והשיב לב אבות על בנים, ולב בנים על אבותם׳ קינדער און עלטערן וועלן זיך קערן איינע צו די אַנדערע... און — די ערשטע שטראַלן פֿון זונאויפֿגאַנג אין דעם מאָרגן, פֿאַרטראָגן אים אין די פֿרילינגס פֿון זײַנע יאָרן און ער ציט זיך מיטן מאַרש, דער חתן. אין זײַן לעצטן פֿרילינג לאָזט אים נישט אָפּ דער בשורה־פּסוק פֿון אַ נביא, אַ לעצטן. און ער רײַסט פֿון זיך טרייסט פֿאַר קינדער לעצטע״...

ג. פּראָזעדיקע געשיכטע

אַנדערש איז דער בעלעטריסטישער שאַפֿונג־פּראָצעס פֿון שרײַבן היסטאָריע. דער אימפּעראַטיוו־קינסטלערישער בראשיתדיקער „ויאמר״ ווערט בײַם פּראָזאַיִקער — אייביק־וועזנדיקער, דינאַמישער „ויהי״־רעאַ־

ליטעט. דער געשיכטע־שרײַבער פֿאַרצייכנט געוועזענע, פֿאַרגאַנגענע גע־שעענישן, מבחינת ווידערדיקע, סופֿיקע „ואלה הדברים אשר דיבר". איז טאַקע אומגעהויער שווער צו שרײַבן פּראָזעדיקע היסטאָריע. אָפֿט קומט דער טעקסט אַרויס כּלאָימדיק, שעטנזדיק: „אָסור להרכיב מין שאינו מינו" פּסקנט רבי יוסף קארו אין „שולחן־ערוך". מוז טאַקע דער היסטאָרישער פּראָזאַיִקער אומגעהויער זיך גײַסטיק אָנשטרענגען ס'פֿאַנטאַסטיש־בילד־לעכע זאָל נישט איבערטרײַבן די רעאַלע דערשײַנונגען. אויך די געשיכט־לעכע פֿאַקטן זאָלן נישט האַמעווען, שוואַכן ס'פֿרײַע, אילוזאָרישע שוועבן פֿון קינסטלערס האַרצפֿליגל.

אין ישׂראל קאַפּלאַנס שעפֿעריש־אינטעלעקטועלן געמיט ראַנגלען זיך צוויי גײַסטיקע כּוחות: קינסטלער און היסטאָריקער. זײַנע פּראָזאַיִש־געשיכטלעכע טעקסטן עדותן, אַז ער איז ביכולת גובר צו זײַן, הערשן איבערביידע אין אים שרײַבערישע פּאָטענצן. ער סטימולירט דעם כּוח הדמיון, דראַמאַטיזירט געוועזענע געשעענישן. אונדזערע געצײלטע, אויבנ־דיקע ציטאַטן באַשטעטיקן די אַ פֿעסשטעלונג: ער צוימט ביידע שרײַבע־רישע אימפּולסן, האַרמאַניזירט זיי אין זײַן קינסטלעריש־היסטאָרישן בוך „לעצטער פֿרילינג" און אין אַ סך אַנדערע חיבורים זײַנע.

ווי אַזוי האָט דער פּראָזאַיִקער, שואה־פֿאָרשער, ישׂראל קאַפּלאַן, אין זײַן ראַציאָנעל־תּלמודישן, עזאָטעריש־קינסטלערישן מוח און האַרץ־לאַ־באָראַטאָריעס די אַ אַלע גײַסטיקע פּאָטענצן גוט־מײַסטעריש כעמישיזירט אַז ביידע, ס'פּראָזאַיִשע און געשיכטלעכע, זאָלן אַזוי האַרמאַניש אַרויס־קומען אין שפּאַנענדיק־דערציילערישן בוך „לעצטער פֿרילינג"? וועגן דעם מוז מען אָנשרײַבן אַ גרעסערע, אַרומנעמענדיקע פֿאָרש־אַרבעט.

פֿאַר היסטאָריקערס וועט דאָס בוך דינען ווי אַ שלל אידענטישע דאָ־קומענטן פֿון ייִדישן לעבן אין ליטע אין די יאָרן 1918—1941. פֿאַר ליטעראַטור־ליבהאָבערס איז דאָס קינסטלערישע בוך „לעצטער פֿרילינג" באַלערנדיק, פֿאַרכאַפּנדיק לייען־מאַטעריאַל.

„פון זיך צו זיך"

א

דער דיכטער יוסף קערלער האָט אין זײַן זיבנט בוך: „געקליבענע פּראָזע" — דערשינען אין פֿאַרלאַג „ירושלימער אַלמאַנאַך" אין 1991 — פֿאַרעפֿנטלעכט 33 ליטעראַטור־קריטישע, דיכטעריש־פּראָזאַישע עסייען. אין זיי אינטערפּרעטירט די שאַפֿונגען פֿון 17 פּראָמינענטע ייִדישע פּאָעטן, טעאַטראַל־טאַלאַנטירטע סטאַרן (ס׳רוב געלעבטע אין געוועזענעם ראַטנ־פֿאַרבאַנד), באַדײַטנדיקע ליטעראַטור־פֿאַרשערס און היסטאָריש־ווערטיקע מעמואַרן־ביכער.

בכדי אָנצושרײַבן אַן אויספֿירלעכע, אַרומנעמענדיקע קאָמענטיר־שטודיע וועגן די אַלע אין בוך באַהאַנדלטע קאַפּיטלעך, גייט זיך פֿאַרפֿאַסן די זעלבע צאָל חקירה־ודרישהדיקע ליטעראַטור־עדוקאַציעס. דאָס איז נישט קיין לײַכטע מלאָכה. וועלן מיר זיך באַגניגענען מיט פֿאַרצייכענען בלויז עטלעכע מיינונגען וועגן אַ טייל פּרקים אין ערשטן טייל: „אין ליכט פֿון זכּרון". איבערהויפּט אונטערשטרײַכן י. קערלערס יראת־הכּבודיקע, סענסיטיווע אויסטײַטשונגען, די שאַפֿונגען פֿון אייניקע באַדײַטנדיקע פּאָעטן, פֿון ווירטואָזישע בינע־קינסטלערס אין אַמאָליק־קאָמוניסטישן, „גן־עדן"־דיקן רוסלאַנד.

דאָרט האָבן אַנטי־ייִדישע, מאַכטלײַט ליקווידירט די ייִדישע קולטור: אַרעסטירט, געשפּלט, געמאָרדעט די ווערטפֿולסטע ייִדישע פּאָעטן, פּראָזאַיקערס, עסייִסטן, בינע־קינסטלערס. האָבן געשלאָסן ייִדישע שולן. פֿון ייִדישע ביבליאָטעקן אַרויסגעשלײַדערט די ביכער. זיי אויף לאַסט־אויטאָס אָװעקטראַנספּאָרטירט אויף מאַקולאַטור. ייִדישע קולטור־טוערס פֿאַרשיקט אין קאַטאָרגע־לאַגערס, ווו זיי האָבן שווער געהאָרעוועט, געהונגערט, געקרענקט און אַ טייל דאָרט אויסגעשטאָרבן.

אין „ליכט פֿון זכּרון"־טייל, האָט יוסף קערלער פּראָזאַיש־דיכטעריש מזכּיר־נשמותט די פֿאָלגנדיקע וואָרט־קינסטלערס: דוד האָפֿשטיין, פּרץ מאַרקיש, אהרון קושניראָוו, לייב קוויטקאָ, שמואל האַלקין, שלמה מיכאָ־

עלס, בנימין זוסקין, דער נסתּר, זײַן לערער עליע פֿאַלקאָוויטש. אַ טײל פֿון זײ, באַמערקט דער מחבר, שטאַמען „פֿון אַן אײַנגעוואָרצלטער ייִדישער סביבה. כּמעט אַלע האָבן באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע, ייִדישע דערציִונג — פֿון חומש און גמרא" (ז' 15), זענען אַוועק פֿון זײערע ייִדיש־שורש־דיקע, נאַציאָנאַלע זיכס, און געוואָרן אידעיִש־קאָמוניסטיש פֿאַרכאַפּט. „האָבן אויפֿגענומען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע מיט אָפֿענע און פֿאַרגלײבטע הערצער, מיט לויב־בענטשונג" (ז' 18). „האָבן דורשטיק־פֿאַרגלײבטע אַלץ העכער זיך געטראָגן אויף באַגײַסטערטע פֿליגל צו דער זון פֿון אָקטאָבער". זײ זענען אַוועק פֿון „אײַגעוואָרצלטער ייִדישער סביבה", פֿון טראַדיציאָנעלער ייִדישער דערציִונג: „פֿון זיך" — אויטענטישן זיך.

— אָבער פֿאַר זײערע „חברים", די גויִש־מאַטעריאַליסטישע „קונסט־קריטיקערס" זענען זײ געווען פֿרעמד, נישט אויפֿפּאַסנדיק די ייִדיש־נשמהדיקע, סענסיטיווע עמאָציאָנעלע, עקספּרעסיאָניסטישע שאַפֿונגען. אין זײ אײַנגעזען אַ שטערערישע, שאַדנדיקע, באַדראָענדיקע פֿאַר דער סאָציאַלער איבערקערעניש, און האָבן קעגן די ייִדישע שרײַבערס, און קולטור־טוערס געפֿירט אַ גיפֿטיק־שׂנאהדיקע העץ־קאַמפּאַניע, זײ אַרויסגעשטויסן פֿון מלוכהשע קולטור־אַמטן, אויפֿגעהערט פֿאַרעפֿנטלעכן ייִדישע ווערק. ווײטאָגדיק איז געווען זײערע געהרמטע איזאָלירטקײט. די פֿאַריאושטע קינסטלערס האָבן געזוכט צוריקוועגן צו דעם ייִדיש־קאָנווענציאָנעלן, נאַציאָנאַל־שורשדיקן — „צו זיך". יסורימפֿול, פֿאַרצווײפֿלט איז געווען זײער אַראָפּ־צוריקשטײַג. אָבער אַמשוידעלעכסטן זענען געווען זײערע אַרעסטן, בײלבולדיק־פֿײַנעדיקע אויספֿאָרשונגען, אַכזריותדיקע טויט־אורטײלן.

טראָץ דאָס פֿאַרעפֿנטלעכן מעמואַרן־ביכער וועגן דער שפֿלותדיקער, אַנטי־ייִדישער תּקופֿה, איז נאָך אַלץ נישט פּרטימדיק־געגוי באַקאַנט די מיתות־משונות פֿון די ייִדישע שרײַבערס, אַרטיסטן, וואָס האָבן זײערע לעבנס, טאַלאַנטן מקריב געווען, לויבנדיק באַזונגען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע. ס'איז נאָך ווײניק באַשריבן זײער פֿאַרצווײפֿלטקײט, אַנטוישט־אײַנזען די זינלאָזיקײט פֿון זײער אײַנגעבילדעטקײט, גלײביקײט אין אינטערנאַציאָנאַלע „ברודערלעכקײט", „חברישקײט" — זײערע אַנטוישונגען, אַז די איבערקערעניש וועט אויך לײזן די ייִדיש־נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע פּראָבלעמען.

אויפן קאָמוניסטישן מזבח איז געווען דער ערשטער קרבן דער אויך „ערשטער אין דער פּראַקטיקער ריי פון דער טריומפולער, קרבנותפולער ייִדיש־סאָוועטישער פּאָעזיע, דוד האָפשטיין״ (ז׳ 15). זײַן יאוש דריקט זיך אויס: „ערשט געלערנט זיך זוכן און שעפן די פריד / אין די פּאַנען פון פלעצער — / איצט זע איך געשאָכטענע שעפסן, / איצט הער איך נאָר אנגסטלעכע קרעכצן...״ (ז׳ 22).

ב

לאָמיר זיך קורץ באַקענען מיט יוסף קערלערס פּיעטעטנדיק, צערפול פאָרשטעלן אייניקע ייִדישע דיכטערס, שוישפּילער־שטערן, די נאָכאָקטאָ־בערישע פלעיאַדע, וואָס האָט אַזוי פרעכטיק זיך צעשײַנט אין רוסיש, אין געוועזענעם קאָמוניסטישן לאַנד, און פון ייִדנפײַנטלעכע, רעוואָלוציאָנערע „אידעאָלאָגן״ בייזווילִיק פאַרלאָשן געוואָרן:

דער פּאָעט דוד האָפשטיין, אונטערשטרײַכט י. קערלער, האָט זיך „אַנטפּלעקט״ אַלס „איינער פון די גרעסטע ליריקערס אין דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע״ (ז׳ 16). „האָט כמעט מיט רעליגיעזן עקסטאַז באַגעגנט, באַזונגען די רעוואָלוציאָנערע ׳פּראָצעסיע׳ און דעם ׳אָקטאָבער׳: „נאָר ס׳האָט קיינמאָל אַזוי גלייביק / ניט געהויבן זיך קיין האַנט!...״ (ז׳ 18). ער איז אָוועק פון ייִדיש־שורשדיקן „זיך״. און ס׳איז געקומען זײַן אַנטוי־שונג. זײַן „ביאָלאָגיש־צוגעבונדקייט צום שטאַם״ האָט אין אים דערוועקט, אײַנגעזען „ווי שרעקלעך איז געווען דער בראָך: די ייִדישע מאַסן־שחיטות אין אוקראַינעס פּרצוף געוואָרפן: „ביסט דורות לאַנג / געווען אַ מקלט־פּלאַץ / פאַר אויסוואורפן / פון גרויסן, גרויען לאַנד... / אויף אַלע, אַלע שטרעקעס דײַנע / שאַטנט זיך דײַן שאַנד, / אוקראַינע!״ (ז׳ 24). בעתן צוריקגיין צו זײַן ייִדיש, פאַלקיש־אײַנגעוואָרצלטן „זיך״ איז ער געוואָרן אַרויסגעשטויסן פון דער רעוואָלוציאָנערער, „אינטערנאַציאָנאַלער געזעל־שאַפט״. די ייִדיש־שונאימדיקע קולטור־פאַרניכטערס האָבן אים אויסגע־קליבן אַלס ערשטן קרבן. — אים דערשאָסן.

דער פּאָעט פּרץ מאַרקיש, שרײַבט יוסף קערלער, „איז געווען איינער פון די סאַמע באַגײַסטערטע באַזינגערס פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע״ (ז׳ 42). „ער פלעגט באַהערשן אונדזערע צעטומלטע הערצער מיט בליץ און דונער פון זײַנע דרײַסטע, שטורמישע איבערפלייצונגען פון בילדער,

האָבן צו מאָל געבראַכן אַלע צוימען פֿון ריטעם און פֿאָרעם" (ז' 38). דער אַ גרויסער וואָרט־מײַסטער, קאָמוניסטישער פּאַטריאָט, האָט דערזען „די טרויעריקע וואָר": ער דיכטעט: „פֿאַר יעדן טראָפּן פֿרייד, וואָס ערגעץ בלויז מיר דאַכט זיך, / זאָל איך זיי צאָלן זיבן מאָל אַזוי פֿיל פּײַן. // איז ניט דען נײַן מאָל נאַכט / אויף איין געדאַכטענעם באַגינען?" (ז' 38). קריכנדיק זײַנע ערשטע צוריקטריט צום ייִדיש־אייביקן, טראַגישן „צו זיך", זענען, אין אָנהייב 1948, בײַגנאַכט צו אים געקומען סטאַלינס ק.ג.ב־שלי־חים. אים פֿאַרשלעפּט צו פּײַנענדיקע, בילבולדיקע פֿאַרשונגען און אינק־וויזיטאָרישן טויט־אורטייל.

ווייטאָגדיק, שעצנדיק באַהאַנדלט יוסף קערלער די שאַפֿונגען פֿון דיכטער לייב קוויטקאָ. פֿאַררעכנט אים אַלס איינעם פֿון די גרעסטע קינדער־דיכטער, נישט נאָר בײַ ייִדן, אויך בײַ אַלע פֿעלקער פֿון דער סאָוועטישער אימפּעריע" (ז' 47). איז אַוועק פֿון „זיך" — זינגט: „מיר צעקריגטע שוין מיט טאַטעס, / מיר פֿאַרברענען אַלטע שמאַטעס" (ז' 48). אָבער „מוטיק, פֿאַרעקשנט האָט ער דורכגעמאַכט זײַן האַרטנעקיקן צוריקגאַנג צום שורש „צו די טאַטעס, מיט וועלכע ער האָט זיך אַזוי שקציש צעקריגט" (ז' 52). און בעת זײַן צוריקגיין געוואָרן אַרעסטירט.

יוסף קערלער ציטירט יאַשע בראָנשטיינס פֿאַרגלײַכן אהרון קושני־ראָוון מיט האָפּשטיין, אַלס „דער פּעיִקסטער נאָוואַטאָר פֿון דער ייִדישער ליריק" (ז' 61). אויך אַן אַנגעלאָגלטער מיט ייִדישער קולטור־ירושה איז קושניראָוו אַוועק פֿון ייִדיש־פֿאַרוואָרצלטן „זיך" — געוואָרן אַ קאָמוניסט. אין די 1939—1940־ער „אידעאַליזירט ער די שטורמישע רעוואָלוציאָנערע פֿאַרגאַנגענהייט פֿון איינעם אַ... יונגן יוסף דזשוגאַשווילי (סטאַלין)". יוסף קערלער באַמערקט: זײַן אידעאַליזירן די שטורמיש־רעוואָלוציאָנערע פֿאַר־גאַנגענהייט איז „אויס מורא פֿאַר דער בלוטיקער האַק פֿון דזשוגאַשווילי. והא ראיה: זײַן ליד: „די סאָסנע", וואָס שרעקט זיך פֿאַרן זיך דערנענ־טערנדיקן מענטש מיט אַ האַק..." (ז' 65). די אַ מורא פֿאַר דער האַק, האָט אים באַגלייט ביזן טויט. אַפֿילו געלעבט אַנגסטיק, פֿאַרוואָס מ'קומט אַלץ נישט נאָך אים. אויף זײַן צוריקוועג צו דעם ייִדישן „זיך" האָט ער געדיכ־טעט: „אויף העלן רוף פֿון דײַנע פֿאָנען האָב איך מיט לײַב און האַרץ געוואָגט, / נאָר האָסט געצלמט מײַן עקשנות / מיט צאַרטע פֿינגער פֿון אַ האַק..." (ז' 60).

יוסף קערלער פֿאַרגלײַכט שמואל האַלקינס פּאָעטישע יצירות, „ווי גאָלדענע כּוסות מיט שטאַרקן שוימיקן ווײַן, איבערפֿולטע מיט לעבנס־חכמה" (ז׳ 78). האַלקינען איז „ליב, טײַער די רעוואָלוציע. נאָר אים שרעקט אָן אײַנגערעדט געשפּענסט פֿון נאַציאָנאַלן אומקום". (א. כּאַשין — ש. האַלקין, אַלמאַנאַך „סאָוועטיש", נומ׳ 4) (ז׳ 72). האַלקינס פֿאַר־זיכטיקע טריט „פֿון זיך" און צוריקגיין „צו זיך" זענען נישט זיכערע. ער האָט באַזונגען, באַרעכטיקט די נײַע סאָוועטישע ווירקלעכקייט" און אויך געדיכטעט: „אַז אונדזער פֿרײַד איז טויזנט מאָל אַן אַנדערע פֿון אַלע — / אַז אונדזער פֿרייד איז קאַלטער גלאַנץ אויף אָפּגעשלײַפֿטן חלף, (דאָרט). און אינמיטן זײַן צווײַפֿלדיקן הין און אַהער, זיגזאַגיש שפּאַנען „פֿון זיך צו זיך" — זײַן אימפּרעסיוו־ייִדישן „זיך" צו דעם מאַטעריאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד, פֿאַר וועלכער ער איז גרייט אַפֿילו דעם קאָפּ צו שענקען (ז׳ 71). און ווידער בענקענדיק צו דעם ייִדיש־טראַדיציאָנעלן „זיך": ס׳זאָל פֿאַרבלײַבן אַ זכר פֿון שבת" (דאָרט). און ווידער בלאָנקען פֿון זײַן נאַציאָנאַל־דיכטערישן „זיך", באַפֿרוכפּערט מיט תנ"ך־אימאַזשן, אגדה־חכמה פֿון אַלטע מוסר־ספֿרים" (ז׳ 82) און „שליסן אַ קאָנטאַקט מיט דער סאָוועטנלענדישער ווירקלעכקייט (ז׳ 77), איז ער געוואָרן אַרעסטירט, פֿאַרשיקט אין אַ קאַטאָרגע־לאַגער. דאָרט האָט מען פֿאַרן אָריגינעלן פּאָע־זיע־מײַסטער, עסטעט, נישט געפֿונען קיין אַנדערע באַשעפֿטיקונג ווי... רייניקן קלאָזעטן (ז׳ 85). נאָך צוויי שווערע האַרצאַטאַקן, האָט אַ קאָ־מיסיע אים, אַלס ניצלאָזער אינוואַליד, באַפֿרײַט. האָט זיך על פּי נס אַרויס־געגליטשט פֿון אונטער דער מערדערישער האַנט" (ז׳ 86).

דער באַוווסטער רעזשיסער, בינע־מײַסטער, אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי האָט אַנטפּלעקט דעם טעאַטער־טאַלאַנטירטן שלמה וואָפֿסי־מיכאָעלס. געווען דאָן אַ צײַט פֿון האָפֿענונג: „סאָציאַלן יושר, פֿעלקער־ברודער־לעכקייט" (ז׳ 92). געווען אויך אַ פּאָריע פֿון אַוועקגייער פֿון ייִדיש־טראַדיציאָנעל־פֿאַרוואָרצלטן „זיך". אין די ערשטע טעג פֿון ייִדישן טעאַ־טער, איז פֿון דער בינע־ראַמפּע פּראָקלאַמירט געוואָרן: „דער אַלטער ייִדישער טעאַטער איז געשטאָרבן, ברוך דיין אמת" (ז׳ 94). דער אַ אַוועק וועג איז געווען אַ קורצער. מיכאָעלס און זײַן טעאַטער זענען געווען שעפֿעריש אין אַ „טראַגיש־אַנטשיידנדיקסטער עפּאָכע אינעם גורל פֿון ייִדישן פֿאָלק", צוליבן טרייסטן דאָס פֿאָלק איז געווען אויסגערעכנט דער

טעאַטער־רעפּערטואַר: „שולמית", „בר־כּוכבא", „טוביה דער מיליכי־קער". האָבן די קאָמוניסטישע העגקערס באַשטימט אָנהייבן די הריגה איבער דער יידישער ליטעראַטור, קולטור, מיטן מאָרד פון געניאַלן שויש־פּילער, שלמה מיכאָעלס, דעם פּלאַם־פייערדיקן אָראַטאָר, אומדערמידלעכן אַנטי־פאַשיסט, דעם ערשטן רופער צו אייניקייט פון גאַנצן יידישן פאָלק (ז' 97). יוסף קערלער שטעלט ריכטיק פעסט: „דאָס דערמאָרדן מיכאָעלסן איז געווען אַ המשך פון דער היטלעריסטישער ענדלייזונג־פּאָליטיק" (ז' 100).

ג

פון יוסף קערלערס עסייען דרינגט:

די מאַרקסיסטיש־מאַטעריאַליסטישע ליטעראַטור־„לערערס" זענען אַפּכּא מסתבראדיק פון דער יידיש־אינטראָספּעקטיווער מענטאַליטעט, וואָס אינספּירירט, סטימולירט די יידישע קינסטלערס. דער יידישער התרוממות הרוח, וואָס רעגט אָן צו שאַפן לידער. שילדערן יידיש שטייגער־לעבן איז אונטערשיידנדיק פון די קאָמוניסטיש־ליטעראַרישע „טעאָריעס". פאַר די רוסישע רעוואָלוציאָנערע אינטעלעקטואַלן איז גייסטיק־פרעמד די יידישע סענסיטיוויקייט. די דאַמאָלס יידישע, קאָמוניסטיש־אידעאַליסטישע שרייבערס, וואָס האָבן די רעוואָלוציע אויפגענומען מיט האַרציקער עקזאַל־טאַציע, האָבן זיך קעגנדיק אַנגעשטויסן מיט די בלויז מוחישע רוסישע ליטעראַטור־קריטיקערס. די אומפאַרשטענדלעכקייט, פרעמדקייט, האָבן גע־גורמט אומצוטרוי, פאַרדאַכט. האָבן זיי די יידישע שרייבערס באַשולדיקט, אַז זיי שאַפן טראַדיציאָנעל־יידישלעך, נאַציאָנאַל־ווירקנדיק, שאַדנדיק פאַר דער רעוואָלוציע. די יידישע שרייבערס באַזייטיקט פון קולטור־אַמטן. רוב פון זיי פיזיש ליקווידירט.

די אויבנדיקע, פון בוך־ציטירטע פערזן פון די טאַלאַנטפולסטע וואָרט־קינסטלערס אין געוועזענעם ראַטנרוסלאַנד, באַשטעטיקן די אַ עווענטועלע היפּאָטעזע.

אין שעפעריש־אינספּירירטע רגעס האָבן יידישע דיכטערס באַזונגען די רעוואָלוציע, עקסטאַזנדיק געלויבט אירע פירערס, רעגירערס, און אַזוי זענען אינטערפּרעטירט זייערע לידער.

יוסף קערלער, אַליין אַ געפּייניקטער אין קאַטאָרגע־לאַגערן, שרייבט

פּלאָמיק־צאָרנדיק קעגן די ייִדישע קולטור־ליקווידאַטאָרן און פּאַטאָסדיק וועגן זייַנע אומגעקומענע קאָלעגן.

„געקליבענע פּראָזע" איז אַ געלונגען ליטעראַריש־קריטיש, היסטאָריש, באַדייַטנדיק בוך. דער מחבר איז נישט בלויז אַן עסטעטישער פּראָזע־קלייַבער נאָר אויך אַן אויסגעמלעך־גוטער פּאָעזיע־סעלעקטאָר. „געקליבענע פּראָזע" לערנט אויך: דאָס בייזוויליקע בילבולען, אַז די ייִדישע פּענמענטשן זענען קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן איז בלויז געווען דערפֿאַר, ווייַל זיי זענען ייִדן. „געקליבענע פּראָזע" איז אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די סטאַליניסטישע ייִדנפֿייַנטלעכע פֿאַרלוימדערס, ריכטערס, ק.ג.ב־משרתים, אורטייל־אויספֿירערס. אַזוי ווי היטלעריש־דייַטשישע ייִדנמערדער, זענען געוואָרן געמשפּט, דאַרפֿן אויך זיי ווערן אַרעסטירט, פֿאַראורטיילט, אָט די אַנטיסעמיטישע קאָמוניסטן, פֿאַר מאָרדן די ייִדישע וואָרט־קינסטלערס און קולטור־טוערס אין אַמאָליקן סאָוועטנרוסלאַנד.

אומקום און אויפֿקום

א

לויטן בעל המקרא איז גאָט, צוליב מענטשלעכער פֿאַרדאָרבנקייט, געווען דער ערשטער, טאָטאַלער, מבולדיקער אומקום־אויספֿירער, און בלויז געראַטעוועט נחס משפּחה, אייניקע בהמות, עופֿות. נאָכן אומברענגען די מענטשן, לעבעדיקע ברואים, ערדישע געוויקסן, האָט נח פֿאַר זײַן רעטער געבויט אַ מזבח. אויף אים מקריב געווען בהמות, עופֿות. בעת דער אַל־קנאַדיקער וועלט־שעפֿער האָט אײַנגעאָטעמט די אים אָנגענעמע, פֿלייש־פּרעגלענדיקע, ריח־ניחוחדיקע קרבנות־גערוכן האָבן זיך זײַנע אײַפֿעריקע געפֿילן געקילט, אײַנגעשטילט. חרטהדיק האָט באַשלאָסן מער נישט פֿאַרניכטן ס׳ערדישע לעבן, לאַנדווירטשאַפֿט, צוליב ווידערשפּעניקע אָדמס, וועמענס הערצער זענען פֿון געבוירן ביזן טויט שלעכט־יצרדיק געאייגנט. האָט געבענטשט די בני נוח: „פּרוכפּערט, מערט זיך״. מיט זיי גאָר געשלאָסן אַן אָפּמאַך: מער נישט פֿאַרניכטנדיק פֿאַרמבולען די וועלט. זיי צוגעזאָגט אַ צוקונפֿטיקן, שפֿעדיקן קיום.

אויך אין די ווײַטערדיקע חומש־פּרשיות זענען באַשריבן גאָטס נוטרדיקע שטראָפֿדראָונגען און פֿאַרווירקלעכן קלײַנמאַסשטאַביקע אומקומעלעך. און אויך נאָכדעם האָבן די בני־ישראל גענאָסן פֿון ברכהדיקע אויפֿקומס.

און אויך אין דער ייִדיש־אויסנעמלעכער געשיכטע איז פֿאַרשריבן אַ סך פּיזיש־רוצחישע, בלוטיקע ייִדנפֿאַרפֿאָלגונגען, גײַסטיקע אונטערדריקונגען און וועקסלענדיק־קורצדויערנדיקע, קליינפּעריאָדישע עקאָנאָמיש־פֿאַרגיטנדיקע עמאַנציפּאַציעלעך, קולטור־פֿרײַערע אויפֿלעבונגען, געשענקטע פֿון אינטערעסנדיקע, לאָיאַלע, קריסטלעכע הערשערס.

אָבער גאָר, גאָר אויסנעמלעך־לײַדנדיק, אויסערגעוויינטלעך־פּײַנפֿול אין דער אַלגעמיין־מענטשלעכער וועלט־געשיכטע איז דער באַרבאַרישסטער, טאָטאַלסטער ייִדנאומקום אין אייראָפּע, אין דער צווייטער וועלט

מלחמה — 1939—1945. — די גזלהשע מאָרד־„געזעצן״ פֿון דער דײַטשישער „הערנפֿאָלקישער״ רעגירונג אין דריטן רײַך, האָבן פֿרײַ דערמעגלעכט די דײַטשן און די סלאַווישע יידנפֿײַנט הפֿקרדיק אויסצו־רויבן יידיש פֿאַרמעגן, שטראָפֿלאָז, פּײַניקן, סאַדיסטיש רצחענען קינדער, פֿרויען, מענער, געהעריקע צום יידישן אָפּשטאַם. אין קיין שום לאַנד, אין קיין שום עפּאָכע האָט נאָך נישט פּאַסירט אַזאַ גרויספֿאַרנעמיקער, מלוכהשער רויב און מאַסנמאָרד, ווי די אַ צעפֿלאַקערטע שׂנאה צו יידן. אויך די אין אונ״א קאָמפּענסירנדיקע אָנערקענונג דעם יידיש־מלוכהשן אויפֿקום אין ישׂראל, איז בלויז אַן אויסעראָנטלעכע, היסטאָרישע, רע־טעניש־פּאַסירונג.

וועגן פֿולקומער יידנפֿאַרניכטונג אין אייראָפּע און דעם נאָך אַלץ נישט געזיכערטן, נאַציאָנאַלן ווידעראויפֿלעב אין פּיצלדיקן ישׂראל־לענ־דעלע זענען שוין דערשינען אַ סך פּאָרש און קינסטלערישע ביכער. רוב מחברים באַטראַכטן די סיבות וואָס האָבן געגורמט דעם מלוכהשן אויפֿלעב אין ישׂראל צוליב: א) דער שואה. ב) דער שלעכט־עקאָנאָמישער מצב פֿון די רעשטלעך לעבנגעבליבענע, היימאויסגעוואָרצלטע דעפּי־יידן אין אונרראַ־אייראָ־לאַגערן אין מערב־דײַטשלאַנד און אין עסטרײַך. ג) די אין ארץ־ישׂראל בונטאַרישע אַקציעס קעגן ענגלישן אָקופּאַנט, קעגן אַראַבישע טעראָריסטן. די און נאָך פּאַקטאָרן האָבן עטוואָס דערוועקט געוויסנס בײַ אייניקע קריסטלעכע, וועלט־הערשערישע מלוכהלײַט, וואָס האָבן זיך באַצויגן פּאַסיוו, מיט גאָרנישט געוואָלט שטערן דעם עפּנט־לעכן רויב און מאָרד. האָבן געוואָלט עטוואָס פֿאַרגיטיקן די היימלאָזע שארית־הפּליטה־יידן און בארויקן ס׳אויפֿגעצאָרנטע, פֿאַראַבלטע וועלט־יידנטום, וואָס באַאײַנפֿלוסט אונ״א־מיטגלידער צו שטיצן, צו שטימען פֿאַר גרינדן אַ יידיש־נאַציאָנאַל היימעלע אין ארץ־ישׂראל.

אומקום און אויפֿקום־פּראָבלעמען זענען די הויפּט־טעמעס, די מאָ־טיוון פֿון ס׳רוב יידיש־לשונדיקע שרײַבערס. צו דער שואה און וועגן מדיניש־ווידעראויפֿלעבנדיקן ווערק, האָט די שרײַבערין רבקה קוויאַט־קאָווסקי פּינחסיק בײַגעשטייערט אַזש 12 ביכער מיט עלעגישע תחינה־תּפֿילה־לידער, רעפּאָרטאַזשן, בילדער, דערציילונגען. פֿון זיי: 6 ביכער איבערזעצט אין עברית פֿון פּאָעט יעקב אורלאַנד. יוסף אחאי, ש. קשב, י. בן אליעזר, יונה שחר לוי. זענען מיר זיך דאָך נוהג אין יעדער אָפּהאַנד־

לונג וועגן שרײַבערס נוסחס און תּוכנס צו ציטירן שטעלן פֿון ווערק, כּדי צו באַגרינדן אונדזערע מיינונגען, וועלן מיר אויך דאָסמאָל, עטוואָס באַקאַנען די לייענערס מיט רבקה קוויאַטקאָווסקיס ספּעציפֿישן אַרט שרײַבן לידער, און דערציילונגען.

ב

אין אירע לידער־ביכער זענען אײַנגעזאַמלט תּחינה־קלאַנגדיקע איכה׳ס פֿון ייִדיש שטעטלדיקן נויטלעבן, גרויזאַם פּײַנפֿולע פֿאַרניכטונגען אין געטאָ לאָדזש, קאַטאַרגעס אין שטראָפֿלאַגערן, אכזריותדיקע טויטן אין אומקום־קאַצעטן און באַגײַסטערנדיקע ליבע־לידער פֿאַרן מלוכהשן אויפֿקום אין ארץ־ישׂראלדיקן אָבות־לאַנד : —

אין בוך : „די לעצטע — די ערשטע ווערן״, אין ערשטן ציקל, „געטאָ לאָדזש״ תּחינהעט זי פּראָסט און פּשוט : „מײַן האַרץ איז צעריסן און לער, / איך האָב קיין תּפֿילות מער. / הער אויס מײַן איינציק געבעט / און נעם פֿון מיר צו / פֿון מענטש דעם נאָמען. // און פֿאַרוואַנדל מיך, גאָט, / אין אַן אָקס, אין אַ פֿערד, און אַ הונט ! // איך וויל זײַן אַן אָקס, אָדער אַ פֿערד, / אין שפּאַן אַקערן די ערד, / און האָבן אַ ווערט, / אַ ווערט ! // איך וויל זײַן אַ הונט, / דײַנע שׂונאים צערײַסן, צעבײַסן / מיט / ציין, / נישט לאָזן קיין אבר, / קיין ביין. // פֿאַרוואַנדל מיך אין אַ שטיין — / נאָר אַ מענטש, / אַ מענטש קאָן איך מער נישט זײַן״ (ז״ז 9—10).

אין זעלבן בוך, אין ציקל : „ארץ ישׂראל־לידער״ שרײַבט זי : „אַ דאַנק־געבעט״ : נאָך יאָרן פּיין און טרויער, / אימה פֿאַרן אונטערגאַנג / איז אַ טרייסט דער הימל בלויער / אין מײַן אייגן לאַנד. // יעדעס פֿעלד אין אַקער / זינגט מיר פֿון ברויט און זעט. / פֿאַר שטילע אַרבעטס־פֿרייד־ / טראָג איך מײַן דאַנק־געבעט״ (דאָרט ז׳ 108).

און אין איר לעצט בוך „דער אויפֿקום־בוים״, (דערשינען אין „ישׂראל־בוך״־פֿאַרלאַג, 1990), זענען אירע אַלע מאָטיוון אומקום און אויפֿקום : „די גאולה איז געקומען / נאָך אַ לאַנגער נאַכט פֿון שמאַכטן, / פֿאַר די אָן אַ היים, אָן אַ נאָמען, אין טויט־לאַגערס פֿאַרמאַכטע. // איינער פֿון אַ שטאָט, / איינער פֿון אַ שטאָט, / אויף גאָטס רחמים און באַראָט. /

געלאָזט איבערן שטורמישן ים, // צו דער תנ״כישער ערד, צעגליטן זאַמד. / נאָך דורות אומגעקערט, / צום אייגענעם, ייִדישן לאַנד. // די גאולה האָט אַ פֿאַקל אָנגעצונדן, / לענג אויס דעם לאַנד ישׂראל״ (ז״ז 14—15).

פֿרייד, אַנטוישונגען, אַבסאָרבציע־שוועריקייטן פֿון עולים אין דער ערשטער מלוכה־צײַט איז רעפּאָרטאַזשאַרטיק, טשיקאַווע, אָפֿט בעלעט־ריסטיש דערציילט אויך אין אַ פֿאָלקיש־גערעדטער שפּראַך, ווי אין איר בוך „צווישן כרמל און ים״, (פֿאַרלאַג „אַליין״, 1975). מאַמעש־האַרציק, ליבנדיק, זאָרגעוודיק שילדערט זי די שׂמחה פֿון די שארית הפּליטה־ייִדן בעת די שיף האָט געריסט פֿון פּאָרט מאַרסיי. זייערע אויגן זענען געווען פֿריידיק צעצונדן, די פּנימער גלאָריעפֿול צעשטראַלט האָבן ספּאָנטאַניש טרײַומפֿירט: „מ׳פֿאָרט אין אַן אייגן לאַנד. און מ׳פֿאָרט נאָר אַליין״. אָבער די טרויער־זכרונות האָבן פֿאַרטושט די באַגײַסטערונג, די פֿײַערלעכקייט פֿון די נסים־געראַטעוועטע, יתומימדיקע משפּחות, שטעט־רעשטלעך. פֿון די ברוטאַל־אומגעבראַכטע אין קאָנצענטראַציע און טויט־לאַגערן, ווו דער דײַטשישער, רוצחישער חיה־„מענטש״ האָט דריטרײַכיש־„געזעצלעך״ סאַדיסטיש־פּײַנפֿול אומגעבראַכט. די מחברין תחינהטן דערציילעריש־אַר־טיק: „אָ, ים! זײַ מיר אַ היילונג און נעם פֿון מיר אַראָפּ דעם באַרג אַש, וואָס ליגט אויף מײַן האַרץ. דעם באַרג אַש נאָך מײַנע טײַערסטע, ליבסטע. „די כוואַליעס רוישן און זינגען זייער אייביק, אָן־סופֿיק ליד, שוימען זיך אין שנייאיקע בערג, צעגייען זיך אין שטילע, גרינע וואַסערן. שווימט זיי נאָך אַ קלאָרער, רויִקער הימל, ווי זײַן שטילע טרייסט געטראָגן צו די נע־ונדע, אויסגעוואָרצלטע״ (זז׳ 11—12).

אין דעם אָ בוך איז רעאַליסטיש געשילדערט ס׳שווערע לעבן אין בית־עולים אין פּרדס־חנה. גרויסע משפּחות מיט זויגקינדערלעך, זקנים, קראַנקע, וווינען אין ביידלעך. גליקלעכע, פּראָטעקציאָנירטע בלויז, האָבן מעגלעכקייטן איבערצוגיין אין האָלצערנע באַראַקן. אויך דאָרט איז די ענגשאַפֿט, סאַניטאַרלאָזיקייט אומדערטרעגלעך. אויף שטרויזעק, אויפֿן באָדן שלאָפֿט מען. מ׳לעבט אין מיט קאָצן־סעפּערירטע „צימערלעך״. אומעטום זעט מען פּנימער ווײַסע, ברוינע, טונקל־אַליווע, שוואַרצע. מ׳הערט פֿאַרשידענע שפּראַכן. אַלע קוקן זיך אָן פֿרעמדע. פֿאַר אַלע איז אָבער פֿאַרשטענדלעך דאָס באַגריסונג־וואָרט: שלום.

מיט ליבע דערציילט רבקה דעם דינאַמישן אויפֿבוי פֿון חיפֿה, די אַרומיקע שכונות. ווי אַ מאַמע פֿאָלגט זי נאָך די אַנטוויקלונג פֿון אירע וואַקסנדיקע קינדער, זי איז אויך פֿריידיק איבערראַשט פֿון שנעלן, אימ־פּולסיוון בוי. גאַסן ווערן פֿאַרגרעסערט. הײַזער וואַקסן, ווי שוואָמען נאָך רעגנס. פֿאַבריקלעך, פּראָדוציר־אונטערנעמונגען, געשעפֿטן, קיאָסקן ווערן געעפֿנט. איבער יעדער איניציאַטיוו, שעפֿערישער געשעעניש, די פֿאַר־שידנאַרטיקע לעבנס־שטײַגערס דערציילט זי שטוינענדיק מיט באַוווּנ־דערנדיקער גוטמוטיקייט. אַלץ. אַלץ איז פֿאַר איר בראשית־שעפֿעריש־בויעריש און דאָס אַלץ מיט יידישן דראַנג, יידישע קעפּ, יידישע הענט. ווי אַ שטייגער:

ר׳ מאיר, זײַן פֿרוי דינה, צוויי קינדער, עולים פֿון יאָהאַנעסבורג, וווינען אין אַ קליינטשיק, הילצערן הײַזל אין פּרדס־חנה. אין אָט דער אָרטשאַפֿט לעבן טויזנטער נאָך־נישט אײַנגעאָרדנטע עולים פֿון פֿאַר־שידענע וועלט־טיילן. ר׳ מאיר לעבט פֿרײַנטלעך מיט יעדן. ער פֿרייט זיך מיט די מענטשן, גלײַך ער וואָלט געפֿונען טיילן פֿון זײַן אומגעבראַכטער משפּחה. האָרכט אויס אויפֿמערקזאַם זייערע אַבסאָרבציע־פּראָבלעמען, אַנ־טוישונגען. יעדן באַרויִקט ער: „און קורצן וועלן ווערן אויסגעפֿאַרטיקט אַ סך דירות, מ׳בויט נײַע פֿאַבריקן, מ׳וועט עפֿענען נײַע וווערקשטאַטן. ס׳וועט סטײַען אַרבעט פֿאַר יעדן. מ׳וועט זיך אײַנאָרדענען ווי די וותיקים, וואָס האָבן אויך אין די ערשטע צײַטן פֿון זייער קומען אין לאַנד געליטן. די באַזאָרגטע גייען פֿון אים אַוועק באַרויִקטע, געטרייסטע, האָפֿענונגפֿול־געשטאַרקטע. זײַנע שטילע, האַרציקע, מענטשלעך־פֿרײַנטלעכע רייד באַ־אײַנפֿלוסן צו גלייבן זײַנע קלוגע ווערטער. אין די מלחמה־טעג, אין דער סיני־אַקציע, באַזוכט ער פֿאַרזאָרגטע טאַטע־מאַמעס. ער מוטיקט: „גראָד דער אָ קאַמף וועט זיכערן אַ רויִק, פּרנסהדיקע עקסיסטענץ פֿאַר דירה־לאָזע, אַרבעטלאָזע. אויך דאָסמאָל וועט די השגחה זיך נישט אָפּקערן פֿון אונדז״ און הערנדיק די שאַלנדיקע תּקיעות, בשעת דעראָבערן די כּותל המערבֿי, אין דער זעקס טאָגיקער מלחמה, אין יאָר 1967, איז ער אַנטציקט פֿון הרבֿ גורנס מיטטײַלונג, אַז ירושלים איז באַפֿרײַט. טרערן שטיקן אים אין האַלדז, רינען איבער זײַן פּנים. דער נס באַגײַסטערט אים. ער תּפֿילהט: „געלויבט זײַן ליבער נאָמען, וואָס האָט פֿון אונדזערע שונאים אָפּגענומען די מאַכט״.

ג

רבקה קוויאַטקאָווסקיס לידער, דערציילונגען, רעפּאָרטאַזשן לייענען זיך ווי די טרויעריקע און טרייסטנדיקע תּחינות וואָס אונדזערע פֿרומע מאַמעס האָבן צעבראָכן־האַרציק בעטנדיק וויינענדיק, האָפֿענונגפֿול געזאָגט פֿאַר אָנגעצונדענע שבת־קודש־ליכט, וועלכע האָבן באַלויכטן, באַשײַנט אויפֿגערוימטע, אָרעמע שטיבלעך. אין זייערע פֿאַרדאַגהטע געמיטער האָבן די תּחינות אמונהדיק געמוטיקט, ייִדן וועלן ווערן אויסגעלייזט פֿון גלותדיקן, בידנעם לעבן. וועלן נאָך זוכה זײַן צו האָבן לײַכטע פּרנסות טובות, ישועות ונחמות. אמן סלה.

דער פּאָעט יעקב אורלנד, אין אַרײַנפֿיר צו זײַן איבערזעצט בוך רבקהעס לידער: „אחרונים שהיו... ראשונים להיות" („עקד", 1948) שרײַבט: „רבקה קוויאַטקאָווסקיס לידער דאַרף מען לייענען מיט איינמאָל ביזן סוף. בלויז דאַן איז מעגלעך צו באַגרײַפֿן די עקזאַלטיווע שטויסקראַפֿטן צו איר נשמהדיקער אויפֿוואַכונג. אוממעגלעך, מ'טאָר זיך נישט באַציִען צו אירע שאַפֿונגען לויט אָנגענומענע ליטעראַרישע טראַדיציעס. ווער ס'טוט דאָס טרעפֿט נישט אין ציל. אַ מענטש, וואָס האָט געלעבט דעם טויט, ווי ס'איר באַשערט געווען צו לעבן. מיט אייגענע אויגן זען דעם גרויזאַמען אומקום; אַ מענטש אין וועמענס קליידער ס'האָט געגליווערט גרוילעך בלוט, קאָנען נישט זײַנע וואָרט־שאַפֿונגען ווערן געמאָסטן מיט אַקאַדעמישע און געלערנטע, שרײַבערישע געבאָטן" (דאָרט ז' 6).

אויך די מחברין שרײַבט ווידווידיק: „זינג איך מײַן ליד פֿאַר זיך / אין רגעס פֿון צער און טרויער, / אין טעג פֿון אַנטרינען / פֿון דער טאָגטעגלעכקייט, / דער גרויער. // וואָרט איך נישט אויף די לויבן / פֿון חריפֿים, מבינים, / וואָס צענעמען, צעשטויבן, / יעדעס וואָרט און קלאַנג, / און זאָגן טרוקן, קאַלט, / דאָס איז נישט קיין געזאַנג. // אַ פֿויגל זינגט נישט לויט נאָטן, / זײַן ניגון, זײַנע טרעלן, / זוכט נישט די געבאָטן / ווי יעדן צו געפֿעלן" („אויפֿקום־בוים", ז' 124).

און אַזוי, פֿויגלאַרטיק־פֿריי, זינגט זי אויס אירע פּײַנפֿולע, קלאָגנדיקע אומקום־איבערלעבונגען. מיט אייגענע אויגן געזען „אַ דור צום אומקום איז אַוועק". תּמיד הערט זי: דעם „רעדער־טראַסק פֿון לעצטן צוג", וואָס

„וועט מיר אייביק רוישן אין די אויערן". זי יאָמערט: „טויזנט יאָר ייִדיש־לעבן, / אָן אַ קבר־שטיין געבליבן" (דאָרט ז׳ 9). י. אורלנד באַמערקט טאַקע ריכטיק: „אַ מענטש אין וועמענס קליידער ס'האָט געגליווערט רוצחיש־פֿאַרגאָסן בלוט, קאָנען נישט זײַנע וואָרט־שאַפֿונגען געמאָסטן ווערן מיט אַקאַדעמיש־געלערנטע, שרײַבערישע געבאָטן". אין אַלגעמיין פֿרעגט זיך: ווי זענען דאָס פֿאַראַן אַלגעמיין־אָנגענומענע, אַקאַדעמיש־געלערנטע געבאָטן קינסטלעריש צו שרײַבן? זענען דען פֿאַראַן אַקאַדעמיש־גענויע מאָסן, וואָגן צו וואָרט־יצירות? ווו זענען די „פֿעסטגעשטעלטע קאָדעקסן", אַז בלויז מעטאַפֿאָרישע, אימאַזש־פֿאַרהוילענע, פֿאַר מאַסן־לייענערס נישט באַגרײַפֿלעכע לידער, פֿאַרפֿאַסטע לויט פּונקטלעכע פּראָסאָדישע „הלכות", האָבן אַרײַנגאַנג־דערלויבענישן אין פּאָעטישע דעפּאַרטאַמענטן?

רבקה קוויאַטקאָווסקיס שטיל־קלאָגנדיקע, עלעגישע, אומקום־איכה'ס און טריומפֿירנדיקע געשאַלן צום ווידערדיקן ייִדישן מלוכה־אויפֿקום, זענען אמתדיקע, אויפֿריכטיקע, אין איר געמיט־אויפֿברויזנדיקע איבערלעבונגען. און פֿאַרפֿאַסטע אין ייִדישער מאַמע־לשונדיקער פּשוטער, זיניקער, גערעדטער שפּראַך. לייענען זיי זיך טאַקע לײַכט־פֿאַרשטענדלעך. אײַ עס זענען פֿאַראַן טאַלאַנטפֿולע ייִדישע וואָרט־קינסטלערס, וואָס האָבן אויך איבערגעלעבט אומקום־קאָשמאַרן, און דיכטן לויט אַלע טראַדיציאָנעלע און אַקאַדעמיש־אָנגענומענע ליטעראַרישע „געבאָטן"? אויף דעם איז דאָ אַ באַשייד: „לא כּל אדם זוכה לשני שולחנות". רבקהס לידער, וועלכע קומען נישט לויט „נאָטן" זענען אָבער גלייבנדיקע, איבערצײַגנדיקע, מיטפֿילנדיקע מיט אירע פֿײַנפֿולע איבערלעבונגען.

אין אירע שפּאַנענדיקע, רעאַל דערציילטע, רעשיק געשילדערטע לידער וועגן דער דינאַמישער אַנטוויקלונג אין חיפה און אומגעבונג: „צווישן כּרמל און ים" אַנט מען איר פֿרייד פֿון די שאַפֿונג־פּראָצעסן. מ'פֿילט אַן אָנגענעמע פֿרויאישע אינטימיקייט, מאַמע־ליבע צו דעם אויפֿגייענדיקן, פּראָדוקטיוון ייִדישן לעבן. פֿון איר פֿרויאישע, עמאָציאָנעלע הארצשורות פֿילט זיך אַ בעל־בתישע רחבותדיקייט, אשת־חילדיקייט, אַ לײַכט, הנאָהדיקע־געמיטלעכקייט. די שילדערונגען אין בוך „צווישן כּרמל און ים" לייענען זיך טשיקאַווע. ווי למשל: „אין האַרצן ווי אַ ליכטיקער שטערן אויף אַ פֿינצטערן הימל, ציטערט אַ פֿונק פֿון האָפֿענונג צו אַ נײַ לעבן" (ז׳ 10).

אָדער אַזעלכע באַלזאַם־היילנדיקע ווערטער: „און קיינמאָל פֿאַרגעסט, / אַז יעדעס פֿאַרגיין — / איז דער אָנהייב פֿון זײַן" (דאָרט, ז' 9).

און אַט: „עס קומען אָן נײַע טעג, / זאָגט אָן די אַלטע שלום־טויב. / אין וואָר פֿון בלויען חלום, / תּמיד גלויב" („אויפֿקום־בוים", ז' 69).

איז לאָמיר מיט דער שרײַבערין מיט תּפֿילה'ן: הלוואי מיר זאָלן נאָך זוכה זײַן צו אַ רויִק, פֿרידנדיק לעבן אין ישׂראל־לאַנד. — ייִדישע ליטע־ראַטור זאָל ווערן גלײַכבאַרעכטיקט ווי די העברעיִשע און ייִדישע שרײַ־בערס זאָלן זיך נישט נייטיקן צו פֿירן אַן עקשנותדיקן קיום־געראַנגל.

קעגן גורל

א

דער שרײַבער ישעיהו רעכטער האָט אין זײַן מנײַנדיק בוך: „אין דער האַנט פֿון גורל" („ישׂראל־בוך", 1990) פֿאַרעפֿנטלעכט אַ שפּאַנענדיק־סענסאַציאָנעלע דערציילונג: „וואָס אַ מענטש קאָן דורכמאַכן", און זעקס פֿאַרצייכענונגען, באַוועלקעס. די דערציילטע, סורפּריזנדיקע טעקסטן זענען אַנדערשדיקע ווי דער בוך־טיטל. פֿון זיי דרינגט גאָר, אַז דווקא ריזיקאַלישע מענטשן, וואָס שטעלן זיך קעגן פֿאַטאַלע גורלס, מײַדן אויס דורכפֿאַלן, אומגליקן. טיילמאָל זענען אַפֿילו זוכה צו אומגעהויערע דערפֿאָלגן, ווײַל זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון גורלס הענט. דאָס אַזויפֿיל באַניצטע, פֿיראותיותדיקע וואָרט גורל איז אַ סך־באַדײַטנדיק, היקף־באַגרײַפֿנדיק, ס'איז אָבער נאָך אַלץ נישט לאָגיש־קלאָר פֿעסטגעשטעלט געוואָרן זײַן איינאונאײנציקן באַדײַט. דערווײַל איז גורל: באַשערטקייט, אומבאַשטימטע גזירות און פֿאָרפֿאַלן.

וועגן גיהנומדיקן פּײַנפֿולן גורל פֿון אייראָפּעיִשן ייִדנטום אין די צווייטע וועלט־מלחמה־יאָרן, איז שוין קוואַנטיטאַטיוו אַ סך, אָבער נאָך אַלץ נישט אויסשעפּנדיק געשריבן געוואָרן. שארית הפּליטה־ייִדן, צופֿעליקע און נסימדיק־געראַטעוועטע פֿון הונדערטער, דערווײַל נישט אַלע אַנטפּלעקטע מדורי־גהינומס אין געטאָס, מאַסן־אויסמאָרדונגען אין יסורימדיק פֿאַרניכטנדיקע טויט־לאַגערן, האָבן דערציילט אין יזכּור־ביכער קאַניבאַליסטיש שפֿיכות הדמימדיקע גבֿיותעדותן פֿון דעם תּופֿת־פּלאַנעט. פּאָעטן האָבן אויסגעזונגען האַרצרײַסנדיקע איכה־לידער, פּאָעמעס פֿון העלדישע קאַמפֿן קעגן די פּײַניקערס; פּראָזאַיִקערס האָבן פֿאַרפֿאַסט עקספּרימענטאַל־קינסטלערישע, קאָשמאַרע עדות־דערציילונגען, און היסטאָריקער, פּסיכאָלאָגן, שואָה־פֿאָרשערס האָבן, און זענען ממשיך צו שרײַבן וויסנשאַפֿטלעך־אַנאַליטישע שטודיעס פֿון דער אויסנאַמלעך־גרויזאַמער היטלער־דערשײַנונג, וואָס האָט כּישופֿדיק באַאײַנפֿלוסט מיליאָנען דײַטשן אויסצופֿירן די ייִדנפֿאַרניכטנדיקע אַקציעס.

די אָ מחברים גאַרן זיך דערגרונטעווען צו שטיצפּונקטן, וואָס האָבן געגורמט אויפצוּוועקן ס׳חיהשע אין דײַטשן, אין גרויסע טיילן פון סלאָוון, וואָס האָבן אָן שום טענהדיקע סיבות בעסטיאַליש, בלוטדאָרשטיק גע־מאָרדעט אומשולדיקע קינדער, פרויען, זקנים. מ׳וויל עפּעס וואָס אַנט־פּלעקן, עפּעס וואָס אויפקלערן, באַשיידן, ווי אַזוי פון קולטור־טראַדיציאַ־נעלן דײַטשישן פאָלק זענען גרויסע טיילן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רויבערס, גזלנים, סאַדיסטן, מערדערס. מ׳גאַרט פעסטצושטעלן די פּאַראַ־ליזירטע ווילנס, די פּאַסיווקייט פון מיליאָנען יידן, צווישן זיי יונגע רע־וואָלוציאָנערע קעמפּערס, סאָציאַליסטישע, ציוניסטישע אידעאַליסטן, אויס־געשולטע סאָלדאַטן אין דער פּוילישער, סאָוועטישער אַרמיי וואָס האָבן אונטערטעניק, שפּלדיק זיך געלאָזט אויסגזלען זייערע פאַרמעגנס, פּאַסיוו געלאָזט שענדן, אויסהונגערן, כּמעט אָן ווידערשטאַנד געלאָזט בעסטיאַליש פּײַניקן, און ווי בהמות צו שחיטות זיך געלאָזט פירן אויך צו ווערן געמאָרדעט. וועט מען די אָ פראַגן קאָנען גרינטלעך אויספאָרשן ? באַ־שיידן ?

הלל הזקן האָט געזאָגט (לויט פּרקי־אָבות) : „אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו״. איז טאַקע אָ ספק צי די שרײַבערס וואָס זענען נישט געווען אין פאַרמאַכטע געטאָס, האָבן נישט געגראָבן קיין אייגענע מאַסן־קברים, נישט ווידוי־שעפּטשנדיק געוואַרט אויף זייערע רייען צו ווערן דערשאָסן, אַרײַנגעשליידערט צו ווערן אין די גריבער, קאָנען באַגרײַפלעך באַשרײַבן די איבערלעבונגען פון די אויבנדיקע קרבנות. ס׳איז צווייפלהאַפט צי שרײַבערס, וואָס זענען נישט אונטער מערדערלעכע קלעפּ, געוואָרן אַרײַנגעשליידערט אין בהמה־פאַרעיפּושטע טראַנספּאָרט־וואַגאָנען ; דאָרט טעג און נעכט געהונגערט, געליטן דאָרשט, נישט געהאַט קיין מעגלעכ־קייט פאַר מענטשלעכע געברויכן, זאָלן קאָנען שרײַבן און באַשרײַבן אַזעלכע לײַדן. ס׳איז גאָר און גאָר סקעפּטיש צי שרײַבערס, וואָס זענען נישט געווען אין קאַצעטן, נישט אָנטייל גענומען אין סעלעקציעס, זענען נישט געוואָרן אַרײַנגעיאָגט אין גאַז־קאַמערן, זענען נישט געוואָרן ברוטאַל בלוטיק צעשטאָכן פון באַנדיטישע דעמיאַניוקס, זאָלן קאָנען שילדערן די אָ לײַדנדיקע, ספּעציעל אין זייערע לעצטע דערשטיקנדיק־ווערנדיקע רגעס. די וואָס זענען „אין טרעבלינקע נישט געווען״ זענען נישט גײַסטיק ביכולת צו דערציילן, וויסנשאַפטלעך אויפקלערן די צעשטרײַטע, אַנגס־

טיקע געמיטער און געפֿילן פֿון די אַזוי טראַגישע מענטשן־יידן. אפֿשר וועלן גרויסע קינסטלערס אַמאָל, אויסנמשלען די אַ היסטאָריש־אומבאַ־גרײַפֿלעכע, געהיימניספֿולע טראַגעדיע. דערווײַל איז די צעבושעוועטע יידן־שׂנאה מענטשלעך־מוחיש אומבאַגרײַפֿלעך. באַגנוגענען מיר זיך מיט ביז איצט פֿאַרעפֿנטלעכע גביות־עדותן, פֿון פֿאַרשידנערליי אויספֿאָרשונגען, קינסטלערישע דערציילונגען, וואָס זענען ממש ווי אַ טראָפּן אין גרויסן ים צרות, אויסערגעוויינטלעכע מענטשלעכע לײַדן.

דער שרײַבער ישעיהו רעכטער שרײַבט: „ווען איך וואָלט געזעסן גאַנצע טעג און נעכט, וואָלטן זיך אַלץ נישט אויסגעשעפּט מײַנע נישט־פֿאַרגעסענע איבערלעבונגען, וועלכע כ׳האָב דורכגעלעבט אין דער היטלער־תקופֿה. יאָ, זאָגט ער, מ׳שרײַבט, מ׳פֿאָרשט. מענטשן וואָס קאָנען האַלטן אַ פֿעדער אין האַנט שרײַבן. ס׳איז אָבער קיין ברוכטייל פֿון דער וויסטער היטלער־תקופֿה נאָך נישט אויסגעפֿאָרשט געוואָרן...״ (ז׳ 12.)

און גאָר ריכטיק, פּאַסיק האָט אַמאָל דער בעל־אקדמות, ר׳ מאיר בן יצחק נהוראי, געדיכטעט:

„ווען אַלע הימלען זאָלן ווערן פּאַרמעטן,
ווען אַלע וועלדער זאָלן ווערן פּענען,
ווען טינט זאָלן ווערן אַלע טײַכן, ימען,
און אַלע מענטשן פֿון דער וועלט צוזאַמען
זאָלן ווערן גרויסע שרײַבער און פּאָעטן,
וועט מען אויך נישט באַשרײַבן קאָנען״.

(פֿון אַראַמעיש איבערזעצט פֿון שרײַבער אברהם בעקער)

מיר דערנענטערן זיך צום יובל יאָרן זינט דער אומקום פֿון אַ דריטל פֿאָלק אונדזערס און טראָץ די אַזויפֿיל אָנגעשריבענע ביכער אויף דער שואה־טעמע, ווערט נאָך אַלץ נײַגעריק, גאַרנדיק אויפֿגענומען יעדער נײַע, נאָך נישט אַנטפּלעקטע גביות־עדות, שואה־פֿאָרשערישע שטודיע, קינסט־לערישע געדיכטן, עדות־דערציילונגען. מ׳וויל נאָך מיט עפּעס־וואָס משׂיג זײַן די פֿינצטערע אומקום־תקופֿה.

זענען טאַקע ישעיה רעכטערס זיבן שפּאַנענדיקע דערציילונגען אין אָט דעם בוך געוואָרן אויפֿגענומען מיט נייגער, געוואָרן פּאָזיטיוו געשאַצט

ווי עס שרײַבט אין נאָכוואָרט דער פּאָעט יעקב צבי שאַרגעל: „ס׳געלינגט אונדזער שרײַבער צו פֿאַרנעמען אין איר אַן אייגן אָרט, אַן אייגן ווינקל, אַדאַנק דער אַנדערשקייט זײַנער. מיר געפֿינען דאָ רעאַלע, דורכגעלעבטע אומגלויבלעכקייטן. מיר טרעפֿן זיך דאָ אַן אויף מענטשן, וועמען די האַנט פֿונעם גורל פֿירט איבער אָן־אַ־שיעור דאַנטישע גיהנומס, צוזאַמען מיט אויסגעחלומטע, ליכטיקע שטעגן און וועגן. וועט אים דאָס אַלץ צוגעשריבן ווערן לזכותו ולטובתו״.

לאָזט זיך צושרײַבן: די טעקסטן זענען געשריבן אין אַ פֿאָלקס־געוועדטער שפּראַך. אויף זײַט 32 שרײַבט דער מחבר: „דאָס שרײַבן מײַנס אין דעם אָ העפֿט, אין אַ פּשוטן ייִדיש, אָן שום קונצן פֿון צוגעטראַכטע און אויסגעטראַכטע געדאַנקען, ווײַל זײַן דאָס אמתע, דאָס אויפֿריכטיקסטע וואָס כ׳קאָן דערציילן״. דערפֿאַר טאַקע זענען גלייבלעך, אינטערעסאַנט זײַנע סענסאַציאָנעלע איבערלעבונגען אין דער ערשטער, גרעסערער דערציילונג א. נ. „וואָס אַ מענטש קאָן דורכמאַכן״ און די דראַמאַטישע איבערלעבונגען פֿון די היימאויסגעוואָרצלטע אויף וועגן, אומוועגן צו דערגרייכן די ישׂראל־ברעגן און זייערע אַבסאָרבציע־שוועריקייטן.

אין ערשטן אַרײַנפֿיר־זאַץ צו דער דערציילונג „וואָס אַ מענטש קאָן דורכמאַכן״ לייענען מיר: „דאָס לעבן, זאָגט מען, קאָן באַשרײַבן די סענסאַציאָנעלסטע באַשרײַבונגען. והראיה — ״ זענען טאַקע דעם מחברס רעדנערס: שמואל בערגמאַן, יעקב גרינבערג, מאַקס זאַלצבערג, וואָס דערציילן זייערע לײַדנדיקע איבערלעבונגען אין געטאָס, וועלדער, אויס־באַהאַלטענע בײַ פּויערטעס, פּויערן; וואַנדערונגען אין האָלאַנד, אַרגענטינע און — אַדאַנק דאָס קעגנשטעלן זיך דעם פֿאַטאַלן אומקום־גורל, זיך געראַטעוועט פֿון אומקום און אַ דאַנק געוואַגטקייט אויפֿגעשטעלט נײַע משפּחות, דערגרייכט אַפֿילו רײַכטום...

ב

לייענענדיק ישעיהו רעכטערס שפּאַנענדיק־אינטערעסאַנטע דערציילונגען האָב איך זיך דערמאָנט: אין די ערשטע נאָוועמבער־טעג, אין 1939, האָבן דײַטשיש־באַרבאַרישע פּילאָטן סאַדיסטיש באָמבאַדירט ייִדישע קוואַרטאַלן אין וואַרשע. אין צענדליקער מינוטן זענען גאַנצע ייִדישע גאַסן געוואָרן

גענצלעך צעחורבה׳ט, פֿאַרשׂרפֿהעט. פֿון מײַן גאַנץ, פֿון יאָרן אָנגעטשי־ליעט פֿאַרמעגן, איז געבליבן אַש און פּאַרך. בין מאָמענטאַל געוואָרן אַן אביון, אַפֿילו אָן געלט־מעגלעכקייטן צו קויפֿן די מינימאַלסטע לעבנגיי־טיקע פּראָדוקטן. מײַן שווער, אברהם ז״ל, וועמענס געביין איז נישט באַוווּסט, האָט מיר מיטגעטיילט, אַז אין שטעטל גריצע איז ממש אַ „גן עדן". דײַטשן לעבן גוט מיט ייִדן, פּראָדוקטן זענען פֿאַראַן בשפֿע. מיך מיט דער שוין שוואַנגערער אַכצניעריקער פֿרוי הניה, זײַן טאָכטער, געהייסן קומען צו זיי אַהיים און וועגן גאָרנישט זאָרגן...

בלויז זײַענדיק אין שטעטל אייניקע טעג, האָבן מיר אין אַ שבת פֿאַר־נאַכט געהערט ווילדע קוויטשערײַען: „יודן ראוס"!!! מיט מײַן שווער בין איך אַרויס פֿון שטוב. באַלד אויף די שטיגן האָט מען אונדז בלוטיק צעשלאָגן. ווילד־שרײַענדיק אונדז צוגעטריבן צו אַ זאַמלפּונקט פֿאַרן שטאָטישן גאָרטן. דאָרט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַן אײַנוווינער פֿון הויף, האָט געהאַט יאָרצײַט און פֿאַרבעטן אַ מנין צו דאַוונען מנחה ומעריב און זאָגן קדיש. דער הויף־סטרוזש איז אַוועק צו דער געשטאַפּאָ און געמסרט, אַז ייִדן פֿאַרזאַמלען זיך צו באַהאַנדלען ווי אַזוי זיך קעגנ־שטעלן די דײַטשישע אײַנפֿירונגען. ביזן הײַנטיקן טאָג ווייס איך נישט, ווי אַזוי מיר איז געלונגען זיך אַרויסצודרייען פֿון די רייען אויסגע־שטעלטע געכאַפּטע ייִדן און אַ צעיאָכמערטער געקומען אַהיים.

די ייִדנרדיפֿות האָבן זיך געמערט, געשאַרפֿט. האָב איך באַשלאָסן אַנטלויפֿן קיין ביאַליסטאָק, אָקופּירט פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי. מײַן משפּחה, דער פֿרויס עלטערן, האָבן זיך קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט מײַן „פֿאַנטאַסטישן פּלאַן". „חדשים נאָך דער חתונה ווילסטו אַנטלויפֿן פֿון דײַן יונגער, שוואַנגעריקער פֿרוי?" באַלעבאַטישע מענטשן פֿירן זיך נישט אויף אַזוי הפֿקרדיק". מײַן פֿרומער פֿאָטער, ירחמיאל יוסף ז״ל (אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ), האָט אין מיר אַרײַנגעטענהט: „מ׳קאָן נישט אַנטלויפֿן פֿון גורל. יאָך זעסטי גלייב אין השגחה פּרטיות. וואָס אייבעם איז באַשערט פֿין הימל, עט עס געשען אימעטים. אָסער דעם, זעסטי מאַן קינד, גלייב עך ניש, אַז היטלער איז מסיגיל אָסצי־הרגענען אַלע ייִדן אין פּוילן. ווי אַזוי קען ער דאָס אָספֿירן? דאָס זענען בזדורעס. קאָמיניסטן האָבן דאָס אָפּגעקלערט בכדי ייִדן זאָלן אַנטלויפֿן קאַ ריסלאַנד". איך האָב אים אויפֿגעקלערט: „טאַטע. איך גלייב יאָ

יעדעס וואָרט היטלערס. כ'האָב מורא דאָ צו פֿאַרבלײַבן. כ'זע די דײַטשן כאַפּן בלויז מענער צו אַרבעטן. איך גלייב נישט אין נסים. טאַטע, דו ווייסט דאָך בעסער דער גמראס וואָרענונג: „אין סומכים על הנס". איך וועל אַנטלויפֿן".

און בין אַנטלאָפֿן קיין ביאַליסטאָק. דאָרט זיך אײַנגעאָרדנט אויף אַרבעט אין אַ ברעטער־סקלאַד און אין אַ וווינונג בײַ אַ רײַכן ייִד, וואָס האָט מיך אַרײַנגענומען, בכדי די אַרטיקע שטאָט־מאַכט זאָל אים נישט נייטן אַרײַננעמען גווישע פליטים. פֿון דאָרט האָב איך געשיקט אַלאַרמ־דיקע בריוו צו מײַן שווער און שוויגער, ז"ל, זיי זאָלן דערמעגלעכן זייער טאָכטער, מײַן פֿרוי, זאָל זיך ראַטעווען פֿון דײַטשישע שיקאַנעס און מיט אַ פשעוואָדניק־גרענעצפֿירער זי שיקן קיין ביאַליסטאָק. מײַן דעצידירט־קייט האָט זיי איבערצײַגט, און אין אַ געוויסן טאָג איז מײַן פֿרוי געקומען אין ברעטער־סקלאַד. מיר האָבן זיך אײַנגעאָרדנט. טראָץ די שווערע לעבנס־באַדינגונגען אין פֿאַרשיקטע אַרבעטס־לאַגערן אַלס „ספּעציעל איבערגעזידלטע", צוליב נישט וועלן אָננעמען סאָוועטישע בירגערשאַפֿט, האָבן מיר געלעבט רויק, דערלעבט היטלערס מפּלה. מײַנע און מײַן פֿרויס עלטערן, וואָס האָבן געגלייבט אין באַשערטקייט, זענען אומגעקומען. ביז הײַנטיקן טאָג וויסן מיר נישט קיין שום שפּור פֿון זייער לעבן און אומקום.

ווי אַזוי טייל ייִדן זענען געבליבן לעבן, דאָס זעט מען אין ישעיהו רעכטערס דערציילונגען: שמואל בערגמאַן, מאַקס זאַלצבערג, יעקב גרינ־בערג האָבן פֿאַרשריבן און דערציילט זייערע איבערלעבונגען. שמואלס ווײַב האָט בײַ קיין שום פֿאַל נישט געוואָלט איבערלאָזן די שטוב מיטן געשעפֿט און מיטלויפֿן מיטן שטראָם עוואַקויִרטע אין די סאָוועטישע זאָנעס און שמואל האָט אויך דעצידירט צו אַנטלויפֿן. האָט ער איבערגעלאָזט זײַן פֿרוי מיטן קינד און געלאָפֿן. ריזיקאַליש איז געווען זײַן אַריבערגיין דעם בוג — די גרענעץ צווישן דײַטשלאַנד און רוסלאַנד. צוליב שווערי־קייטן איז ער צוריקגעגאַנגען קיין קראָקע. באַלד אויף דער גרענעץ האָבן אים געסטאַפּאָ־לײַט פֿאַרהאַלטן. אין זייער געשטאַפּאָ־קאָמאַנדעטור איז ער פיינעדיק געוואָרן געפּאַרשט אַלס קאָמוניסטישער שפּיאָן. אָבער אויך פֿון דאָרט איז אים געלונגען זיך אַרויסצודרייען. אַנטלאָפֿן אין וועלדער. צוויי פּויערטעס דערזעען אים. רופֿן אים אין זייער כאַטע. דאָרט אָרדנט ער זיך אײַן. נאָך אַ געוויסער צייט, פֿרעגן זיי אים, ווער ער איז. זאָגנדיק

אַז ר׳איז אַ ייִד, ווערן זיי דערשטוינט. דאָך זענען זיי מסכּים ער זאָל בלײַבן בײַ זיי, מיטן באַדינג ער זאָל זיך שמדן און חתונה האָבן מיט דער יונגער שיקסע, אין קעגנפֿאַל מוז ער זאָפֿאָרט פֿאַרלאָזן זייער הויז. שמואל ענטפֿערט קאַטעגאָריש נעגאַטיוו און פֿאַרלאָזט זייער כאַטקע. ער איז שוין ווידער אין קאַלטן, פֿינצטערן דרויסן. אויך דאָסמאָל באַגעגנט אים אַ פּויער אויף אַ פֿאָרנדיקן וואָגן. ער נעמט אים אַרײַן אין זײַן פֿאָלוואַרק, און ס׳חזרט זיך איבער די זעלבע מעשה פֿון שמדן און חתונה האָבן מיטן פּויערס טאָכטער וואָס וווינט אין פּאַריז. אויך פֿון דער גוטער געלעגנ־הייט זאָגט ער זיך אָפּ. ער אַנטלויפֿט. קומט קיין פּאַריז. דאָרט באַ־געגנט ער יעקב גרינבערגן, וואָס פֿאַרבעט אים צו זיך אין שטוב. שמואל דערוויסט זיך אַז עס זענען דאָ מעגלעכקייטן פֿון פּאַריז צו פֿאָרן קיין אַרגענטינע. גרינבערג באַזאָרגט אים פּאַפּירן. פֿליט קיין אַרגענטינע. אויפֿן עראָדראָם באַגעגנט ער אַ ייִד, וואָס פֿאַרבעט אים צו זיך אין שטוב. דאָרט באַקענט ער דעם מאַנס פֿרוי און זייער איידעלע, חנפֿולע, יונגע טאָכטער. צווישן שמואלן און דער פֿרײַלין „איז געוואַקסן די נאָענטקייט און מיט דער צײַט שטעלט מען אַ חופּה. ס׳ווערט געבוירן אַ מיידעלע. דאָס קינד לערנט גוט, דערגרייכט הויכע בילדונג, ווערט אַ קינדער־דאָקטערין. זענען עולה קיין ישׂראל. דער דערציילער באַקומט אַן אײַנ־לאַדונג פֿון זײַן פֿרײַנד ש. בערגמאַן צו זײַן טאָכטערס חתונה אין האָטעל „הילטאָן״. און ווידער האָט דער גורל „געוואָלט, אַז זייענדיק אויף דער חתונה, זאָל ער אומגעריכט טרעפֿן זײַנס אַן אַמאָליקן שכן אין קראָקע, מאַקס זאַלצבערג, אַ טוריסט פֿון אַמעריקע. און ס׳געשעט: „עס ווײַזט זיך אַרויס אַז די מוטער פֿון חתן איז געווען זײַן ערשטע פֿרוי, און דער חתן איז זײַן אייניקער זון. מאַקס פֿאַרלאָזט דעם האָטעל, פֿאָרט קריק קיין אַמעריקע און אין אַ צײַט אַרום שיקט ער צו אונדזער מחבר אַ העפֿט מיטן גאַנצן סענסאַציאָנעלן אינהאַלט: ווען ר׳איז אַרויס פֿון די קאַטאָרגע און טויט־לאַגערן האָט ער אין זבאָנשין באַקענט אַ פֿרוי, וואָס איז געפֿאָרן קיין האָלאַנד. ער פֿאָרט מיט איר מיט. קומענדיק קיין האָלאַנד האָבן זיי חתונה. מאַקס ווערט פֿאַרבעטן צו אַ פֿרײַנד, זײַן שותף. דאָרט באַקענט ער אַ יונגע פֿרוי. די דאָזיקע פֿרוי ווירקט כּישופֿדיק אויף אים, זאָגט אים צו „גאָלדענע גליקן״ און בײדע באַשליסן אָפּצופֿאָרן קיין אַמעריקע. באַלד צומאָרגנס דערציילט ער זײַן פֿרוי, אַז ער מוז פֿאָרן געשעפֿטלעך קיין

אַמעריקע. רחל איז באַזאָרגט צו בלײַבן מיט זײַער קינד מיכאל.

רחל וויינט, קלאָגט אויפֿן פֿאַרלוירענעם מאַן און נאָך אַ צײַט באַקומט זי אַ גט פֿון מאַקסן. רחל באַרויִקט זיך. באַקענט אַ מאַן וואָס איז מסכּים מיט איר זיך פֿאַרבינדן, זאָגט צו, ער וועט זאָרגן אויך פֿאַרן קינד. האָבן חתונה. דאָס קינד איז מצליח אין די לערעס. ביידע באַשליסן, ווי נאָר מיכאַל וועט באַקומען דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם פֿאָרן זיי קיין ישׂראל. און נאָכן באַקומען דעם דיפּלאָם אַלס דאָקטאָר איז רחל מיטן מאַן, משה האָר־וויץ, און זון מיכאַל האָרוויץ, עולה קיין ישׂראל. משה איז גאָר מצליח אין די געשעפֿטן, געוואָרן אַ שותּף צו אַ באַנק. אויך זייער זון, ד״ר מיכאל האָרוויץ איז מצליח אין זײַן מעדיציניש׳ער פֿאָרש־אַרבעט. און אָט איז ער דאָס דער חתן פֿון שמואל בערגמאַנס טאָכטער פֿון אַרגענטינע, איינמאָל קלינגט מאַקס צום מחבר. בעט אים זיך פֿאַרבינדן מיט דער משפּחה האָרוויץ און זייער זון, וואָס איז פֿאַקטיש זײַן זון. דריקט אויס חרטה, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן.

אַ טאָגצײַטונג פֿאַרעפֿנטלעכט אַ נעקראָלאָג, אַז משה האָרוויץ איז פּלוצעם געשטאָרבן. שמואל בערגמאַן קלינגט צו אונדזער דערציילער, אַז זײַן טאָכטער האָט געבוירן אַ זון און פֿאַרבעט אים אויפֿן ברית. און אין שול בײַם „קידוש״ באַווײַזט זיך דער אַמעריקאַנער מאַקס זאַלצבערג. די מוטער פֿון בעל־ברית חלשט. דער גאַסט שטעלט זיך אויף. רופֿט אויס: „מזל־טוב, מײַן זון! אונדזער צוזאַמענטרעף זאָל זײַן אין אַ מזלדיקער שעה״. גייט אויך צו צו דער מוטער. זאָגט: „מיט דיר, מײַן טײַערע, האָב איך אַ באַזונדערן ענין. גאָט פֿירט די וועלט. כ׳פֿאָר צוריק קיין אַמע־ריקע. וועל דאָ ברענגען מײַן פֿאַרמעגן. מאַקס אָרדנט איין דעם ברית אויף זײַן חשבון אין האָטעל „הילטאָן״. איז צופֿרידן ר׳האָט געפֿונען זײַן פֿרוי מיטן איינציקן זון. אויף צומאָרגנס נאָכן ברית, האָט מאַקס זיך אָרײַנגע־צויגן צו זײַן פֿרוי אין הויז. ביידע זענען אַוועק אין ראַבינאַט, געשטעלט אַ חופּה. דער מחבר ענדיקט די מעשׂה: „דורך טרעפֿעניש, באַגעגענישן און דורך זײַן צו מיר צוגעשיקטן העפֿטל איז מיר געלונגען צו דערציילן די אַ מאָדנע געשיכטע פֿון מענטשן, וואָס זענען געלעגן אויפֿן דנאָ פֿון דער נאַצי־מלחמה און דאָס מזל האָט זיי צוגעשפּילט, האָבן דערגרייכט אין ישׂראל די העכסטע דערגרייכונג״ (ז׳ 68). מפֿרש זײַן די אַ מאָדנע מעשׂה? עס איז איבעריק.

ג

דאָס דערציילן און דערציילן רעאַלע דערשײַנונגען מאַכן די דער־ציילטע עפּיזאָדן גלייבנדיקער, אָנצײַגעדיקער. און די האַנדלונגען אין ישעיהו רעכטערס בוך: „אין דער האַנט פֿון גורל" פֿאַרמאָגן אַזוי אַרום אַלע דערצייל־אַטריבוטן. פֿאַנגען זיי דעם לייענער, מאַכן אים נײַגעריק צו די ווײַטערדיקע געשעענישן. לייענט מען זיי ווידער און ווידער.

ישעיהו רעכטער ווי שוין געזאָגט דערציילט פּראָסט און פּשוט. דאָס דערמעגלעכט אַלע פֿאַלקסטיילן זאָלן קאָנען גײַסטיק געניסן פֿון זײַן שײַן, אינטערסאַנט, אמתדיק דערציילן וועגן מענטשלעכע גורלס, יידישע גורלס אין די אויסערגעוויינטלעכע צווייטע מלחמה־יאָרן.

וואָס לערנען אונדז ישעיהו רעכטערס דערציילונגען „אין דער האַנט פֿון גורל"? אַז אין די טראַגישסטע מצבים, טאָר מען נישט ווערן פֿאַרצווייפֿלט, פּאַסיוו אָפּוואַרטן די באַשערטקייט, דעם גזר־דין. מ׳דאַרף זוכן וועגן, מיטלען צו אַנדערשן די אַלגעמיינע, אויך פּערזענלעכע פֿאַטאַל־קייט. עיקרדיק: נאָר דאָס אַנטשיידנדיקע, דאָס ענערגיש, שטאַנדהאַפֿטיק קעגנשטעלן זיך אומגליק, מיסדערפֿאָלגן, קאָנען אַמאָל געלינגען, זיך צו באַפֿרײַען פֿון גורלס רחמימלאָזע הענט. אויך אין די אומקום־יאָרן איז געלונגען צו ווערן געראַטעוועט פֿון אומקום בלויז די יעניקע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אַ דאַנק זייער שטאַנדהאַפֿטיקייט, געגאַרטקייט, אַקטיווקייט, אײַנגעגלייבטקייט אין נישט אונטערגעבן זיך. אויך סורפּריזן קאָנען אַמאָל איבערדרייען די שלאַ־מזלדיקע אָנגעצייכנטקייט, ווירקן צו דער־פֿאָלגן, אָפֿט אויך צו גליקן.

ישעיהו רעכטערס טעקסטן זענען פֿליסיקע, שטילטאָניקע, אָפֿט: זעלטן שטראָמיקע, ווי לײַכטע וואַסערפֿאַלן. מ׳האָט דעם אײַנדרוק, אַז דער מחבר האָט אַזויפֿיל צו שרײַבן פֿון דער שטורמישער אומקום־צײַט, אַז ער וויל נאָך און נאָך דערציילן.

די טעמעס אין ישעיהו רעכטערס בוך זענען ווי ימען אומאויסשעפּ־לעכע, רעטענישפֿולע און נאָך פֿאַר דורות שרײַבערס צו זינגען, שילדערן, פֿאָרשן.

און אַזוי ווי זײַנע שריפֿטן זענען פּשטותדיק געמדרגה׳ט, אַזוי אויך

איז ער פשוט און באַשיידן. געזעסן מיט אים אין בית־ליוויק. שטיל. מיט אַרײַנדרינגענדיקע אויגן געבליקט, זיך אָנגעשטרענגט צו הערן די שמועסן און — געשוויגן. אָפּט אַ לײַכט שמייכעלע האָט הסכּמהדיק אונטער־געשטיצט דעם דערציילערס אַ זאָג, אַ וויץ, אַ מיינונג. ער איז אויפֿריכטיק, פֿרײַנטלעך, סימפּאַטיש, אַ מחיהדיקער מיטשמועסער, ווי זיינע ביכער ווירקט ער גלייבלעך, אמתדיק, חבריש.

מיסטעריע און ליבע

א

דער שרײַבער מרדכי שטיינבערג איז ליטעראַריש און קולטורעל טעטיק שוין אַ יובל יאָרן. זינט 1930 ביזן צווייטן וועלטקריג האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט נאָוועלן, עסייען, רעפּאָרטאַזשן, פּובליציסטישע אַרטיקלען אין „מאָמענט״, „פֿרײַנד״ (רעדאַקטירט פֿון אַלטער קאַציזנע); געזאַמלט פֿאָלקלאָר פֿאַרן „ייִוואָ״. אין יאָר 1957 איז ער עולה געווען, און אין זײַן ווױנשטאָט חיפֿה איז ער טעטיק אין קולטור־אינסטיטוציעס, רעפֿערירט אויף ליטעראַרישע און געזעלשאַפֿטלעכע טעמעס אין ייִדיש, עברית און עספּעראַנטאָ — און פֿאַרעפֿנטלעכט עסייען, נאָוועלן, פּובליציסטישע אָפּהאַנדלונגען אין: „לעצטע נייעס״, „ייִדישע צייטונג״, „ישׂראל־שטימע״, „אונדזער וועג״, „עתון 77״, „טבע ובריאות״. עטלעכע יאָר געווען מיטרעדאַקטאָר פֿון דער ליטעראַרישער צײַטשריפֿט „גלים״. ביז איצט האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ העפֿט „על מדע ודת״, און אין ה. לייוויק־פֿאַרלאַג אַרויסגעגעבן צוויי ביכער: אַ זאַמלונג נאָוועלן „בלויע האָריזאָנטן״ אין יאָר 1983, און אין יאָר 1984 אַ באַנד עסייען „שפּיגלען״. איז אין פֿאַרלאַג „עקד״ איז דערשינען זײַנס אַ בוך נאָוועלן, אַנ. „גלגל חוזר״, איבערזעצט פֿון דעם בר־אוריין חיים זכאי. עטלעכע פּרקים דערפֿון האָט שטיינבערג אַליין פֿאַרפֿאַסט אין עברית.

אין די שפּיגלדיק־קריטישע אינטערפּרעטירונגען פֿון די ווערק פֿון 27 פּראָמינענטסטע ייִדישע וואָרט־קינסטלער, פֿילאָזאָפֿן, און וויסנשאַפֿטלער, מערקט זיך בולט דעם מחברס קרעדאָ. פֿאַרערן עטישע מענטשן, ליבשאַפֿט צום ייִדישן פֿאָלק, פֿאַרהערלעכן מדינת ישׂראל, און דאָס אַרויסהייבן אוניווערסאַלע ווערטן. אָבער הויפּטזאַכלעך — יראת־הכּבֿודיק באַהאַנדלען די ווערק פֿון ייִדישע שרײַבערס אין ישׂראללאַנד. עס מערקט זיך אָבער דעם מחברס סקעפּטיציזם אין מענטשנס מוח־מעגלעכקייטן פּינקטלעך־ראַציאָנעל אויסצוטײַטשן קונסט־ווערק. די שׂכלדיקע באַגרענעצטקייט צו באַגרײַפֿן מיסטעריעזע נאַטור־דערשײַנונגען, עקזאַלטאַציע־אויפֿברויז איז און וועט נאָך בלײַבן פֿאַרהוילן פֿאַר שאַרפֿשׂכלדיקסטע,

גאונישסטע דענקערס. זיי האָבן זיך, און וועלן זיך אינטעלעקטועל „דער־הייבן, אָבער נישט לייזן אירע סודות" („שפּיגלען", ז׳ 21).

ס׳איז גוט באַוווסט: די פֿאַרשידנפֿאַרצווײַגטע וויסנשאַפֿטן, מאָדערנע טעכנאָלאָגישע דערפֿינדונגען, האָבן אומגעהייער פֿאַרדינסטפֿולע דער־גרייכונגען. געניאַלע פֿאַרשערס האָבן, נאָך מיפֿולע שטודיעס, אַנטפּלעקט אַ סך ערדישע, אַטמאָספֿערישע, הימלישע אייגנשאַפֿטן. אָבער די מערסטע נאַטור־סודות, קאָמפּליצירטע נשמות־פֿאַרהוילנקייט שטייגט נאָך אַלץ פֿיל־פֿאַכיק איבער די אַלערליי דערפֿאָלגרײַכע אַנטפּלעקונגען. — „דער וואָס דענקט, אַז דווקא וויסנשאַפֿטלײַט זענען געווען די ערשטע צו דערקענען די טיפֿע סודות אין דער נאַטור — איז זיך במחילה טועה" (דאָרט, ז׳ 22).

מיר ווייסן: די וויסנשאַפֿטלעכע דערפֿינדונגען האָבן דעם מענטשס פֿיזיש לעבן פֿאַרלײַכטערט, פֿאַרלענגערט, געמאַכט געניסנדיקער, אָבער גײַסטיק נאָך אַלץ נישט געשלימותט. וואָס איין מענטש, עדה, פֿאָלק, טוט, מיינענדיק און גלייבנדיק אַז ס׳איז גוט, רעכטפֿאַרטיק, איז פֿאַר אַנדערע גאָר שלעכט, פֿאַרבאָטנדיק. אויך קאָסמישע קאָנסטעלאַציעס, מענטשלעך־אינדיווידועלע אייגנשאַפֿטן; זייערע אַנטיפּאָדישע האַנדלונגען: ליבע־האַס, קנאָה־נקמה, מסירות הנפֿש, סענסיטיווקייט זענען, און וועלן פֿאַרבלײַבן נאָך דורות לאַנג נסתּרדיקע פֿאַרשטעמעס פֿאַר אינטעלעקטואַלן. און אַזוי איז אין ספֿר „בראשית", אויבנאויפֿיק פשוט באַשריבן: דער אײַפֿערזיכטיקער בורא־עולם האָט באַגערט, אַז דעם מענטשס בעל־כּורחו־לעבן זאָל תּמיד זײַן פֿאַרן בשׂר־ודם פֿאַרהוילן. צוליב דעם האָט ער דעם ערשטן מענטשפּאָרל פֿאַרבאָטן צו עסן די עץ־הדעת־פֿרוכטן. ער האָט נישט געוואָלט אַז דער מענטש זאָל זײַן צון אים ענלעך, זאָל זײַן יכולותדיק אַלץ משׂיג צו זײַן, פֿאַרויסזען גוטס און שלעכטס, הצלחות און טראַגישקייט. פֿאַרן עובר זײַן דעם באַפֿעל, און בלויז תּופֿס זײַן זייער קערפּערלעכע נאַקעטקייט, זיי פֿאַרמשפּט צו אַ מאַטערדיק לעבן ביזן זיך צוריקקערן צו ערדישער אייבי־קייט (בראשית ג׳). דאָך, זינט אדם האָט טועם געווען פֿון עץ־הדעת, און געוואָרן שכלדיק־באַגרײַפֿנדיק, לערנט ער כּסדר, פֿאָרשט די נאַטור, אירע פֿיזישע און גײַסטיקע אייגנשאַפֿטן. אָבער דאָך זענען די צענדליקטויזנ־טיעריקע, מאַטערנדיקע באַמיִונגען פֿון די געלערנטע, זייערע אָנשטרענ־גונגען, געבליבן דערפֿאָלגלאָזע צו לעזן עזאָטערישע, מיסטישע געהיי־מענישן.

גאַר אַנדערשדיק זענען באַשעפֿטיקט די פֿאַרב, מוזיק און וואָרטקינסט־לערס. אַנענדיק די באַגרענעצטע מעגלעכקייטן טרעפֿלעך צו אַנטפּלעקן די רזי־עולם, זיי זענען אַליין און זייערע יצירות אינטעגראַלע טיילן פֿון דער מיסטעריע — אַנשטאָט הצלחהלאָז פֿאָרשן פֿיזישע, און גײַסטיקע פֿאַרבאָר־גענישן, שאַפֿן זיי מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס, מאָלן זיי נאַטור־שיינקייטן, פֿאָרטרעטירן זיי מענטשן אין פֿאַרשידענע סיטואַציעס און שטימונגען, דיכטן זיי ריטמיש־געפֿאָרעמטע, פֿאַבלדיקע פֿערזן, באַשרײַבן מענטש־לעך־אויסנעמלעכע נשמה־דערהייבונגען, איכישראַנגלענדיקע איבערלעבונ־גען, קאָנפֿליקטנדיקע, דראַמאַטישע צוזאַמענשטויסונגען מיט קיום־שטע־רערס אין זייער קורץ לעבן.

אויך דער שרײַבער מרדכי שטיינבערג פּירט אויס זײַן מיסיע געטרײַ, ערלעך. איז לאָמיר זיך, מיניאַטוראַרטיק, באַקענען מיט אַ טייל פֿון זײַנע נאָוועלן, בילדער און עסייען.

ב

אין דער נאָוועלע „אַלטע זאַכן" איז געשילדערט דער איינזאַמער, אַלטער דאָקטאָר, האַנס ווערטהײַמער. יעדן פֿרימאָרגן שפּאַצירט ער צווישן די שכונה־הײַזער. מיט אַ ציטערדיק קול רופֿט ער אויס: „אַלטע זאַכן!" די איינציקע וואָס האָט רעכט צו קומען צו זײַן פּריוואַטקייט איז די בײַ אים צוראַמערקע, זהרה, די תּמינערין. זינט ער האָט זי דערזען איז אין אים פֿאַרגעקומען אַ פֿאַרענדערונג. „זהרהעס טונקעלער בליק מיט די לענגלעכע וויעס, האָבן אָפּגעקראַצט דעם שימל פֿון זײַן געדעכניש. אַ טיפֿע, סודותדיקע וווּנד האָט זיך צעעפֿנט אין זײַן נשמה" (בלויע האָרי־זאָנטן, ז' 9).

אין דער דערציילונג „בלויע האָריזאָנטן" טרוימט אינזשיניער אודי קריגער צו רעאַליזירן פֿאַנטאַסטישע פּראָיעקטן. אין זיי דערזעט ער דאָס צוקונפֿטיקע געשטאַלט פֿון דער מדינה. ער לעבט אין אַ וועלט פֿון מאָדערנער מיסטיק, ווו די ווירקלעכקייט קייטלט זיך מיט דער פֿאַנטאַזיע דורך מאַטעמאַטיש־פֿאַרוויקלטע אויסרעכענונגען וועגן דער אויסגעהאַלטנ־קייט פֿון דער מאַטעריע". ווען ער דערבליקט די יונגע, שיינע, צעשוי־בערטע נילי מיט איר לײַכטן, קלוגן בליק, דערפֿילט ער, אַז אין זײַן פֿאַנ־טאַסטישער וועלט פֿון ציפֿערן, פּראָיעקטן, האָט זיך אַרײַנגעקייטלט אַ

פֿרישער עלעמענט. אודי מיט נילי באַשליסן צו לעבן אין אַ קיבוץ. ער אַרבעט אויף אַ טראַקטאָר. „פֿילט די לופֿט, וואָס שטראָמט אין זײַנע לונגען, שמעקט מיט צעדרויבלטער פֿרישער ערד. צום ערשטן מאָל פֿילט ער זיך נענטער צו דער ערד, גלײַך ער וואָלט געווען אַרײַנגעוואַקסן אין איר מיטביידע פֿיס. אַ נײַע וועלט האָט זיך פֿאַר אים אַנטפּלעקט. אַ וועלט, וואָס הייבט זיך אָן בײַ אים אין האַרץ, ציט זיך ערגעצוו אין דער ווײַט־קייט מיט פֿאַרביקייט, ליכט איבער ברייטע האָריזאָנטן". (דאָרט ז' 22).

די דערציילונג „קאַרטנוואַרפֿערין" הייבט זיך אָן: „פֿאַראַן אין לעבן דערשײַנונגען וועלכע בלײַבן פֿאַרהוילן פֿאַרן מענטשלעכן שׂכל. לעבעדיקע מענטשלעכע וועזנס ווערן געוואָרפֿן ווי קינדערשפּילעכלעך אויף די פֿאַלדן פֿונעם גורל. שטאַרקע כאַראַקטערן מיט פּרינציפּן ווערן צעשפּאָלטן ווי גלאָז" (ז' 44).

די מיניאַטור „ים" הייבט זיך אָן: „דער ים, וויפֿל ברייטקייט, פּראַכט, קראַפֿט. אַז ער צעוויגט זיך זעט ער אויס מיסטעריעז" (ז' 86). און ס'בילדל „פֿרילינג" איז: „נײַ, פֿריש, ווידערבאַנײַונג. דער מענטש גלייבט, אַז אין פֿרילינג ווערט ער אויך באַנײַט. פֿון גראָז, ביימער שפּאַרט מיט סוד פֿון נײַלעבן, דערוואַכונג" (ז' 89).

און וואָס לייענט מען אין זיינע עסייען?

אין קאַפּיטל „די מיסטעריע פֿון לעבן" דערציילט דער מחבר, לייע־נענדיק דאָס בוך: „החיים המסתוריים של הצמחים" איז ער זיך פֿאַר־גאַנגען אין אַ מין פּאָעטישער קאָנטעמפּלאַציע: ...אין דער ברייטקייט פֿונעם פֿעלד האָבן פֿייגעלעך אויסגעטאַנצט אַ פֿייגלטאַנץ. שפּרינגענדיק פֿון איין קוסט אויפֿן אַנדערן, פֿריידיק צעשפּאָלטן די קערנער מיט די שנאָבעלעך. די לופֿט איז געווען פֿול מיט טויזנטער זילבערנע קלאַנגען, צוויטשערײַען. אַלץ האָט געאָטעמט מיט פֿרישקייט, בלי, צײַטיקייט. — „פּיטער טאָמ־קינס, דער האַרוואַרדער פּראָפֿעסאָר און קריסטאָפֿער בירד, ביאָלאָג־אַנט־ראָפּאָלאָג האָבן אין זייער בוך: „דאָס מיסטעריעזע לעבן פֿון פֿלאַנצן" פֿעסטגעשטעלט אַז פֿלאַנצן פֿאַרמאָגן איבערחושימדיקע אויפֿנעמלעכקייט. זיי קאָנען לייענען דײַנע געדאַנקען, זענען אויך מוזיקאַליש, פֿילן אָפּ אַ שׂונא און אַ פֿרײַנד. און: „זיי קאָנען הערן, זען, פֿילן אויף זייער אופֿן, אויסדריקנדיק זייער צופֿרידנקייט, אומווילן, אַפּאַטיע. אונטערן אײַנדרוק פֿון מוזיק, ווײַזן געוויסע פֿלאַנצן אַרויס קאָלאָסאַלן אויפֿוווקס. אונטערן

איינפּלוס פֿון ליבע, צערטלעכקייט, קאָן אַפֿילו אַן איינצלנער בלאַט, אַן אָפּגעריסענער פֿונעם בוימגוף פֿאַרבלײַבן פֿריש, לעבעדיק. דער יסודות־דיקער כּוח וואָס שאַפֿט דעם קיום איז — ליבע" (ז' 22—26).

און וועגן שרײַבער? —

וועגן פּובליציסט, און פּראָזאַיקער מ. צאַנין שרײַבט ער: ער איז געבענטשט מיט עטלעכע מוזעס. פֿאַרמאָגט וווּנדערבאַרן אויסדרוק. זײַן שאַפֿן איז עקספּרעסיוו, אַדורכגעשפּינט מיט לײַכטן סורעאַליזם. זײַן שרײַבערישער מעטאָד איז עכט קלאַסיש" (ז"ז 34—42).

„די פּאָעזיע פֿון גאָט־געבענטשטן משורר יעקב צבי שאַרגעל „הויכט אויפֿן לייענער מיט ווונדערלעכער פּאָעטישער סימבאָליק. ער וואָלט אַלע י. צ. שאַרגעלס פּאָזיציעס פֿאַראייניקט אין איין אַלגעמיינער מוזיקאַלישער קאָמפּאָזיציע, ווען ניט ס'וואָלט ... די פּאָעזיע פֿון נאַטור און דערהויבנקייט". און: „די אונטערבאַוווּסטזיניקע 'שערי־רחמים' האָבן אין שאַרגעלס קאָנטעמפּלאַציע באַקומען דעם ריכטיקן עקוויוואַלענט אין יידיש. י. צ. שאַרגעלס טעמאַטיק איז רײַך, פֿאַרשידנאַרטיק. פֿאַר־גאַנגענהייט און קעגנוואַרט פּאָרן זיך, פֿלעכטן זיך צונויף אין איין פֿאַר־ביקן געוועב וואָס הייסט: יידישקייט".

אין אַ שמועס מיט אבא גאָרדין — „דער מענטש פֿון כּולו רוחניות" — זאָגט גאָרדין צון אים: „במילא קאָן דער מענטש נישט אַלץ באַגרײַפֿן. מען קאָן גאָרנישט אויפֿקלערן" און „דער סוד וואָס רינגלט אַרום די בריאה פֿונעם ערשטן באַשאַף, וועט אייביק בלײַבן פֿאַרהוילן. (ז"ז 55—66).

אין בוך זענען אויך פֿאַרעפֿנטלעכט עסייען וועגן: ברוך שפּינאָזאַ, ש. קאַנץ, י. לודען, מ. יונגמאַן, רבקה קאָפּע, רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנח־סיק, פּערל האַלטער, לייב רובינליכט, י. בערקמאַן, חיים מאַלטינסקי, משה גראָסמאַן, לייבל חיין־שמעוני. מ. זינגער. אַ קריב, פּראָפֿ' אדיר כהן, נח פּניאל, מאַלער א. ישכיל. א.א.

ג

דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אין די פּראָזע־און עסיי־טעקסטן איז מ. שטיינבערג קורצדרכדיק. די שילדערונגען, דיאַלאָגן, אינטערפּרעטאַציעס זענען שפּראַכלעך געצימצומט. בעתן לייענען ווערט מען אָפּט באַאײַנד־רוקט, אַז מיר פּאָרן מיטן מחבר אין אַ שנעלצוג. ווי נאָר ער באַמערקט

פֿאַרביקע נאַטור־בילדער, מיסטעריעזע דערשײַנונגען, ווײַזט ער אַרויס פֿאַרווונדערונג, דעפֿינירט זיי מיט קורצע דערקלערונגען, אָפֿטמאָל בלויז מיט איינצלנע אָנדײַטונגען, בכדי די לייענערס אָנרעגן זיך צו פֿאַרטראַכטן...

מרדכי שטיינבערג איז נישט בלויז אַ נאה דורש, ער איז אויך אַ נאה מקיים. זײַן לאַנגיאָריקע קולטור־און ליטעראַטור־טעטיקייט פֿירט ער מיט געטרײַקייט צו זײַנע עטישע, וועגעטאַריערישע אָנשויונגען. זײַנע ווערק דערגאַנצן אים, און ער — זיי.

די דערציילערין הינדע דעמבאַלעצקי

א

אין רייגלופּטיקן, ציכטיקן, קולטורעלן נגב־שטעטל ערד, וווינט די שרײַבעריש־שעפּערישע קנאַפּ־באַוווּסטע, באַשיידענע, נישט־אײַנגעביל־דעטע אין יחידי־סגולהדיקייט, ווייניק־פֿאַרלאַנגנדיקע, טאַלאַנטירטע דער־ציילערין הינדע דעמבאַלעצקי.

אין אירע פֿאַרצייכנטע, זעלטן־פֿריידיקע, אָפּט־לײַדנדיקע יוגנט־איבער־לעבונגען אינעם בוך: „שפּליטערס פֿון צײַטן" (י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג, 1981), דערציילט זי: „אפשר בין איך דעמאָלט אַלט געווען אַכט יאָר. פֿון דעמאָלט אָן האָב איך אַ טבע צו באַשרײַבן זאַכן אויף פּאַפּירלעך. כ׳פֿלעג זיי דערנאָך צערייסן. זײַט אַ קורצע צײַט שרײַב איך אין קאַיעטן אַרײַן — און בלויז אַ טייל כ׳צערייס" (ז׳ 60). פֿאַר איר קוזינקע פּערלען „דער־ציילט מעשׂהלעך פֿון חומש. אויך אַ סך אויסגעטראַכטע מעשׂיות. בײַם דערציילן, זיי קומען פֿון זיך אַליין" (דאָרט, ז׳ 24). די מעשׂיות אין העפֿטן, „וואָס וועלן ווערן אַ בוך". מאַכן איר „גליקלעך", באַהאַלט זיי הינטערן אויוון בײַ איר שוועגערין שׂרה מרים (וואָס). „האָט געחלומט שרײַבן אַ בוך" (ז׳ 68), און אירע טרוימען זענען געוואָרן פֿאַרווירקלעכט: פֿון די „באַשריבענע פּאַפּירלעך" האָט דער י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג אַרויסגעגעבן אַזש דרײַ ביכער: „דער וועג צו זיך", ראָמאַן, 1975; „שפּליטערס פֿון צײַטן", 1981 „נאָענט און ווײַט", דערציילונגען, 1984. און פֿון דעמאָלט אָן איז הינדע דעמבאַלעצקי שרײַבעריש טעטיק אָבער בלויז פֿאַרן שופֿלאָד...

לייענענדיק די דרײַ ביכער מערקט זיך, אַז אַלע טעקסטן זענען ענ־לעכע — פֿאַרעמדיק, אינהאַלטלעך, שפּראַכלעך און מוסר־השׂכּלדיק. דאָס בוך „שפּליטערס פֿון צײַטן" איז נישט פּראָזאַיִש־רײַפֿער פֿון די דערציי־לונגען אין בוך „נאָענט און ווײַט". דער ראָמאַן „דער וועג צו זיך" איז נישט בעלעטריסטיש שוואַכער פֿון די געלונגענע, אויפֿריכטיק־פֿאַרצייכנטע יוגנט־איבערלעבונגען אין בוך: „שפּליטערס פֿון צײַטן", וואָס האָט נושׂא־חן געווען און רעצענזירט געוואָרן פֿון פּראָזאַיִקער־עסעיִסט שלמה וואָר־זאַגער און פֿון פּענמענטש משה זאַלצמאַן.

אין זײַן בוך עסייען: „אַזוי צו זאָגן" (ז"ז 310—311), שטעלט פּעסט שלמה וואָרזאָגער: „ווײַל די מחברטע דערציילט אַלץ אָפּן, פרײַ, אָן ליטע־ראַרישע באַפּוצונגען, פּרעטענציעס — איז עס עכטע פּראָזע. אין אַט דער אָפענקייט ליגט געוואַגטקייט פון אַ קינסטלערישער נשמה". / „אַ וואַרעמער, האַרציקער אָטעם, ווי אַ ליכטיקער מאָרגן־נעפּל גייט אויף פון די בלעטער פּראָזע. אַזאַ קאַלירפול און קלאַנגפול אידיאָמאַטיש לשון. פאָלקסווערטלעך און לעבנס־חכמה; ליבשאַפט. רחמים. אַ מכפר־געפיל אויף אַלץ וואָס איז געשען, אַלץ וואָס איז געווען און נישטאָ מער. אַ סטאָיִש געפיל און אַ פּיקחותדיקער קוק איבער אַלץ און אַלעמען פון אַ גוט אויג און קלוג האַרץ". שלמה וואָרזאָגער שאַצט אָפּ הינדע דעמבאַ־לעקצים פּראָזאַיִש שאַפן ערלעך, אָביעקטיוו, אָפנהאַרציק, געלייענט מיט אַ גוט אויג.

אויך משה זאַלצמאַן אין זײַן אַרײַנפיר־וואָרט צום בוך „שפּליטערס פון צײַטן", שאַצט אָפּ גאָר פּאָזיטיוו־לויבנדיק הינדע דעמבאַלעצקיס שרײַ־בערישן טאַלאַנט: „מיט אירע טיפן פון שטעטל, ר' דוד, בערנאַרד, דעם קצבס חטא, דער בעל־תּפילה איז הינדע דעמבאַלעצקי מחיה־מתים אַ שטעטל מיט יידן. די אַכט דערציילונגען, לויט זייער אינהאַלט, און סטיל זענען הויך־קינסטלערישע ווערק, וואָס זאָגן עדות אויפן זעלטן־רייפן טאַלאַנט פון דער אויטאָרין. זיי פאַלן גאָרנישט אָפּ פון די פּערל פון דער יידישער קלאַסיק. ר' דוד איז אַ מין תּהלים־ייד בזעיר־אנפּין. אַזוי אויך דער בעל־תּפילה, דעם קצבס חטא".

צו אַזעלכע באַגײַסטערנדיקע רעצענזיע־שורות האָבן ווייניק מחברים זוכה געווען. זענען זיי איבערגעטריבן? ניין! הינדע דעמבאַלעצקי איז אַ טאַלאַנטירט־געבוירענע שרײַבערין. פירט זיך אויף עניוותדיק. לעבט אין איר שיכון־וווינונג אין אַן ערדער זײַטיק געסל, אָבער אַ שרײַבערין, אַ פאַרדינטפולע, איז זי דאָך.

באַזוכנדיק די שרײַבערין האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַ טייל פון אירע „באַשריבענע פּאַפּירלעך" פּלאַנירט זי אַרויסצוגעבן אין בוכפאָרעם. אָבער אירע פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן דערלויבן דאָס נישט צו רעאַלי־זירן... דערוויל באַגניגנט זי זיך, פון צײַט צו צײַט, אירע „זאַכן" פאַר־צולייענען פאַר פּענסיאָנערן אין גאָר־טעטיקן אָרטיקן ארגון הגימלאים. די קולטור־טוערינס: ליבהאָבערינס פון יידישער קולטור און ליטעראַ־

טור אסתר אפרת און בעטי, אָרגאַניזירן די אַ ליטעראַטור־אָוונטן. הינדעס פּיַין פּאַרלייענען אַמאָליקע און אויך איצטיקע אַקטועלע טיפּן, פון שטעטל־דיקן און ישׂראלדיקן לעבנס־שטייגער, האָט דערפֿאָלג. זי לייענט מיט אַ זיכערקייט. זשעסטיקולירט, אַקצענטירט די דיאַלאָגן. בליקט אָפּט צופֿרידנ־דיק אויפן עולם מיט אירע אַרײַנדרינגלעכע אויגן.

ב

זייער חכמהדיק איז דער אייביק־ווערטיקער, אַקטועלער תלמודישער עפּיגראַם: „מכלל לאו אתה שומע הן". דער אַ אַפּאָריזם איז פֿול באַדײַטנ־דיק: גוטמוטיקע, רעכטפֿאַרטיקע בית־הלל־חסידים זוכן די לאון פֿון לעבן, און געפֿינען לײַטזעליקייט, אידעאַלע הן'ען. שלעכטהאַרציקע בית־שמאי־ניקעס זעען דעם גאַנצן כּלל לאַוו'נדיק. זיי קריטיקירן, נעגירן, פֿאַרניינען. איז דאָס שטענדיק לשם שמים דאָס ווען אויסבעסערן די אַנטפּלעקטע עטישע אָפּנייגונגען? צו גאָר ווילן דערמיט די רוב לאַווניקעס מרמז זײַן בלויז אויף יצר־לב־אדם רע? אויך צווישן שרײַבערס איז די זעלבע דער־שײַנונג: גוטהאַרציקע, פֿאַרגינערישע בית־הלל־געאייגנטע וואָרט־קינסט־לערס באַזינגען, דערציילן, ברענגען אַרויס ס'פּאָזיטיווע, שיינע, דערהויב־בענע. דערקעגן זענען פֿאַראַן פֿון דער נאַטור בייזוויליקע, מעגלעך געלי־טענע, בית־שמאיניקעס, וואָס קלײַבן אויס פֿון לעבן ס'פּעלערהאַפֿטע, נע־גאַטיווע אָפּפֿאַלעכץ. אויך עסעיסטן־רעצענזענטן זענען געטיילט אויף די אויבנדיקע קאַטעגאָריעס. טייל זוכן אין ביכער קינסטלערישע פֿעלערן, ליטעראַטור־תּורותדיקע אָפּנייגונגען. אויסער עטלעכע פֿון אַלעמען גוט־באַקאַנטע קינסטלערס, פֿאַרגיינען זיי געווינט טאַלאַנטירטע כאַטש, נישט־פּאָפּולערע, אמתע שרײַבערס און אַ טייל קריטיקערס זוכן אין ביכער, גראָד פֿון קנאַפּ־באַקאַנטע אויטאָרס, דאָס פּאָזיטיווע, דאָס שיינע, דאָס צדקדיק השׂכּלהשע.

דער מחבר פֿון אָט צו שורות, איז באַקאַנט ווי אַ הן־זאָגער, זוכנדיק אין לידער, דערציילונגען, עסייען דאָס פּאָזיטיווע. האָב איך אין הינדע דעמבאָלעצקיס שרײַבן געפֿונען פּראָזאַישע קינסטלערישקייט, בית־הילל־דיקע גוטסקייט, פּסיכאָלאָגישקייט, בילדערישקייט און נאָך אַ סך ליטע־ראַרישע אַטריבוטן. האָב געלייענט אירע דרײַ ביכער. געלייענט צופֿרידן די אָביעקטיווע, עכט־קאָלעגיאַלישע, פּאָזיטיווע אָפּשאַצונגען פֿון הינדעס

שרײַב־טאַלאַנט, ווי שוין אויבן דערמאָנט. זענען די צוויי פּאָזיטיוו־אָפּשאַצנדיקע עסייען געגוגנדיק? לויט דער תורהדיקער אַקסיאָמע אין פּרשת „שופטים״: „על פּי שני עדים או על פּי שלושה יקום דבר״, און ש. ל. גאָרדאָן פּאַרטײַטשט עס אין זײַן „ביאור״: „יקום״ — „חתוך, גמור, מוחלט״ — ענטגילטיק. דאָס הייסט וואָרזאָגערס און זאַלצמאַנס פּעסטשטעלונגען זענען באַרעכטיקטע, ליטעראַריש פּסק־הלכהדיקע. ס׳איז פּאַראַן אָבער אַן אָבער: דער ענין קונסט־ביכער איז אַ גאַר ספּעציפֿישער. די עכטקייט, קוואַליטאַטיווקײַט, ווערטיקייט פֿון קינסטלערישע יצירות זענען אויך געמשפּט, געאורטיילט פֿון קינסטלערישע קאָנסומענטן. ביכער ווערן געלייענט פֿון פֿאַרשידנאַרטיקע מענטשן. זיי און נאָר זיי דעצידירן דעם לעבנס־דויער פֿון ביכער. איז טאָקע — לויט אונדזער מנהג — נייטיק צו ציטירן אייניקע שטעלן פֿון דעמבאַלעקציס דרײַ ביכער, כּדי די ציטאַטן זאָלן באַשטעטיקן די אויבנדיקע שבחימדיקע רעצענזיעס, דערמעגלעכן לייענערס זאָלן זיך באַקענען מיט איר אַרט דערציילערישן נוסח און אויך אָנטשיידן זייערע מיינונגען:

אין ראָמאַן „דער וועג צו זיך״ (ז׳ 65), באַשרײַבט הינדע איר באַזוך אין אַ קיבוץ: „אַ בלאָער הימל, אַ צעשײַנטער טאָג. בלומענבייטן בײַ די שטובן. גרינע אַלעען. קינדערלעך בײַ הוידלקעס האָבן מיר לײַכט געמאַכט מײַנע טריט, ווי כ׳וואָלט געשפּרײַזט אויף גרינע אויסגעשפּרייטע טעפּעכער״. און אויף זײַט 69 לייענען מיר: „יום ששי. // אַלץ איז יום־טובדיק. די געבראָטענע עופות פֿאַרשמעקן דעם חדר האוכל. / דער קבלת־שבת בײַ ווײַס־געדעקטע טישן. מ׳זיצט משפּחהווײַז. אַ חברה צינדט ליכט. דער ציבור ענטפֿערט איר מיט אַ „שבת־שלום״, זי לייענט אַ קאַפּיטל פֿון תנ״ך. אַ חבר שפּילט אויף אַן אַקאָרדעאָן. עמעצער לייענט לידער״. אויף זײַט 91: „דער טאָג שטייט־אויף אַן אויסגעבאָדענער אין די ערשטע ליכט־שטראַלן. דורך די שפּאַלטן פֿון לאָדנס רײַסט זיך אַרײַן די זון. דאָס געזאַנג פֿון פֿייגל. / די זון גאָלדיקט שוין אויף די דעכער פֿון די נידעריקע הײַזער, די בלעטער פֿון די בײַמער. וואַסער־פֿאָנטאַנען באַגיסן די גרינע, גראָזטעפּעכער. שלענגלען זיך. דרייען זיך אַהין, אַהער. אין דרויסן אַ ריח פֿון צעאַקערטער ערד מיט פֿריש געשניטן גראָז״.

די אַ שורות ווי מיר זעען געשריבן לאַגיש־קלאָר, בילדעריש־רײַך, געפּילפּול. נישט איבערטרײַבעריש איז געשילדערט ס׳נאַטירלעכע לעבן

פֿון די ייִדישע חלוצים־פּויערים, וואָס מיט זייער פֿראָסט, באַשיידן לעבן מוסטערן זיי ווי אַזוי צו בויען די גאַנץ אַלץ נישט קיום־געזיכערטע ישׂראל־היים.

אין בוך „שפּליטערס פֿון צײַטן" (ז' 87), איז הנאָהדיק צו לייענען ווי די מחבּרין זיצט אויף אַ שטיין, דערפֿילט אַ שטאָך אין פֿוס. דערזעט אַ ווערעמל אויפֿן פֿוס. מיט דער האַנט שאַרט זי עס אַראָפּ. ס'לויפֿט. וויל זיך ראַטעווען. ס'פֿאַרשווינדט. אפֿשר זיך באַהאַלטן? זי דערזעט ס'ווערעמל ליגט ווי טויט. רירט זי עס מיטן שטעקעלע און עס באַוועגט זיך נישט. זי גייט אַוועק און דאָס ווערעמל לעבט. לויפֿט זי אַוועק. „אַזאַ פּיצעלע און ראַנגלט זיך פֿאַרן לעבן..."

אויף זײַט 94 שרײַבט זי: „ס'איז פֿרילינג. כ'האָרך זיך אײַן אין דער נאַטור אַרום. דערנאָך אין זיך. מיר פֿאַרשטייען זיך. פֿאַראַן האַרמאָניע צווישן אונדז. כ'האָב ליב דעם פֿרילינג. // און ווען מ'הערט מוזיק צווישן דעם צעבליטן אַרום — איז גוט אויף דער נשמה. אַלץ איז שיין, צעהעלט. אויך דאָס געמיט איז רויִק. עס ווילט זיך אָנרירן ביימער, פֿלאַנצן. אײַנזאַפּן די שיינקייט. מ'פֿילט גוטסקייט און פֿאַרשטענדעניש צו אַלעמען". און אויף זײַט 151 לייענען מיר ענלעכע לירישע שורות: אייגמאָל האָט זי געהערט פֿון איר שכנה, די צדיקת פֿריידל־מירל ווי זי זאָגט: אַלע באַשעפֿענישן אויף דער וועלט זינגען שירה. אויך פֿלאַנצן, וואַסערן, אַפֿילו שטיינער. // כ'מוז זיך מודה זײַן, ס'איז אמת. כ'האָב געהערט זינגען שירה".

שבת נאָך מיטאָג איז הינדע געגאַנגען אין וואַלד אַרײַן: זיך אויסגעצויגן אויפֿן גראָז בײַם ברעג. געלייענט יוליוש סלאָוואַצקיס לידער, וואָס זענען „דורכגענומען מיט בענקשאַפֿט, טרויער. זיי דרינגען טיף אַרײַן אין דער נשמה. און דאָ איז אַזוי שיין. // די אַזיערע פֿליסטערט שטיל. די אַלכעביימער בײַם ברעג באַוועגן לײַכט מיט די צווײַגן. זיי וויגן, בוקן זיך. שאָרכן שטיל אַ תּפֿילה. די פֿייגל שפּרינגען פֿון צווײַג צו צווײַג. טשוויטשערן. די זון גלעט לײַכט. וואַרעמט. דער שאָטן קילט און אַלץ אַרום איז פֿײַערלעך צעזונגען אין אַ תּפֿילה־שירה. // אַ פֿרייד האָט מיך באַהערשט. געוואָלט זיך מיטבוקן מיטן אַרום. מיטזינגען די שירה". דאַרף מען דאָס פֿאַרטייטשן? ניין. מ'טאָר נישט שטערן די געהויבענע געפֿילן פֿון די לייענערס.

הינדע שילדערט „טיפּן פֿון שטעטל". „פֿון ר' דוד מענדעלעוויטשס פּנים, פֿון זײַנע אויגן, פֿון זײַן יעדן קער שלאָגט אַרויס גוטסקייט. יעדן אין שטעטל זאָגן, אַז דאָס שטראַלט אַזוי פֿון אים די שכינה..." (ז' 199).

אין איר פּאָרטרעט „דער בעל־תּפֿילה" באַשרײַבט זי ר' יאָסקען: „אַ יומטובדיקע דערוואַרטונג שײַנט אַראָפּ פֿון זײַן יעדן קער. הײַנט וועט ער זײַן דער אמתער יאָסקע, הײַנט איז ערב יום־כּיפּור. // דער וואָס שטייט אין קרעמל איז נישט ער. נאָר אַ פֿרעמדער, וועלכער פֿאַרשאַפֿט אים אַן אומווילן צו זײַן פֿאַרנומען מיטן קרעמל". ס'איז נעילה: „אָנגעטאָן אין קיטל. אײַנגעהילט אין טלית, זינגט ער אַרויס זײַן טרויער, בטחון, פֿרייד. זינגט מיט מתיקות, וואָס שטעקט אָן אַלע מתפּללים. ער בעט: „פּתח לנו שער... ער פֿילט נישט קיין הונגער, קיין מידקייט. ער איז אָפּגעטיילט פֿון אַלץ און אַלעמען. איז אויסגעטאָן פֿון גשמיות, פֿון חומר. ניגונדיק הויך תּפֿילהעט ער: 'אבינו מלכּנו מחוק ברחמיך הרבים כּל שטרי חובו־תינו'. // ס'ווערט לײַכטער. קהל פֿילט אַ נשמהדיקע התעוררות. און, ר' יאָסקע גרײַכט צום העכסטן. צו די טויערן פֿון הימל. ער גרײַכט צום אויס־געבענקטן... צום געגאַרטן. ער זינגט שירה מיט די מלאכים", (ז' 207).

אין בוך דערציילונגען „נאָענט און ווײַט" („אין מיטן וועג", זײַט 85), שילדערט זי לײַכטהומאָריסטיש אַ זעלטענע משפּחה: „נאָך זייער באַזעצן זיך אין דער שכונה האָבן שכנים אויף זיי געקוקט מיט חידוש, הלמאי אַזאַ גרויסע ענלעכקייט צווישן פּאָרפֿאָלק, ווי זיי וואָלטן געווען לײַבלעכע שוועסטער און ברידער. און צוזאַמען מיט זייערע עלטערע טעכטער האָבן זיי אויסגעזען ווי אַ געבוירענער פֿירלינג. אַלע פֿיר הויכע, דאַרע, מיט לאַנגע, שמאָלע פּנימער, אויגן ווי שמאָלע שפּאַלטן. נידעריקע, געקנייטשטע שטערנס, לענגלעכע, שפּיציקע נעז, ברייטע מײַלער מיט גראָבע ליפּן".

אין דער דערציילונג „אין שפּיגל", אין זעלבן בוך (זײַט 146), איז באַשריבן אַ טראַגי־קאָמיש געשטאַלט: „אַז כ'בין אַ מיאוסער, ווייס איך פֿון קינדווײַז אָן. דאָס פֿלעגן מיר זאָגן מײַנע חברים, שכנים, אַפֿילו מײַנע עלטערן. כ'זע עס אויך אין שפּיגל. כ'באַטראַכט מײַן לאַנגע, קרומע נאָז, די אָפּשטייענדיקע אויערן. דערצו בין איך אַ דאַרער, קליינער, מיט קרומע פֿיס. קינדווײַז פֿלעג איך זיך אַרויפֿשטעלן אויף אַ בענקעלע בײַם שפּיגל. פֿאַרשטעלט די שפּיץ נאָז. געמאַכט זיך אַן אילוזיע, כ'בין הויך און מײַן

נאָז איז קירצער. שפּעטער האָב איך זיך געקוקט אַ שפּיגעלע. עס גע־האַלטן ביי זיך. אין אים געקוקט. — זיך געפּיניקט.״

אָט די ציטירטע זאַצן באַרעכטיקן אונדזערע פּאָזיטיווע באַהאַנדלונ־גען, אָפּשאַצונגען פֿון הינדע דעמבאָלעצקיס פּראָזאַישע יכולת צו שילדערן טיפֿן, דערציילן אינטערסאַנטע מעשׂיות, שאַפֿן ביי לייענערס נייגעריקייט צו לייענען די זכרונות אירע, די נאָוועלן, דערציילונגען און ראָמאַן.

ג

דאָ דאַרף געזאָגט ווערן, די אויבנדיקע אויסגעקליבענע שטעלן פֿון הינדע דעמבאָלעצקיס שאַפֿונגען זענען אַפֿילו נישט קיין האַלבער פּראָ־צענט פֿון די 670 זייטן פֿון אירע ביז איצט דערשינענע דריי ביכער, אָנגע־פּראָפּטע מיט בית־היללדיקן וועלט־בליק. די מחברין צייכנט זיך אויס מיט מאָלן נאַטור־בילדער, מענטשלעכע טיפֿן. דורך עטלעכע קערפּער־שטריכן זעט מען אירע פּאַרשוינען, זייערע האַנדלונגען. מ׳אַנט זייערע טראַכטונגען, ווילנס, באַגערן, דורכפֿאַלן, דערגרייכונגען. זי דערציילט פּרטימדיק. מיט אַלע פּיטשעווקעס. טיילמאָל הייבט זי אָן אַ מעשׂה אָן אָן אָנהייב און „ענדיקט״ אָן פּאָענטעס. זי נעמט אַ טייל זידיק קאָכעדיק לעבנס־שטייגער און צאַפּלדיקערהייט, וויברירנדיק, פֿאַראייביקט זי. זעלטן ווען זי פֿאַרענדיקט אַ דערציילונג מיט אַ נאַטור־בילד, וואָס פֿאַרטייַשט דעם געמשלטן תּוכן. גוטע לייענערס גיבן שוין אַליין צו אָנהייבן און סופֿן. זי שרייַבט פֿליסיק, טעמפּעראַמענטפֿול. אירע נאָוועלן, פּאָרטרעטן, דערציילונגען זענען קינסטלעריש געמדרגהעט.

ספּעציעל ווערטפֿול זענען אירע טינט־טראָפּנס פֿון דער פֿעדער אויף די „באַשריבענע פּאַפּירלעך״ וואָס לעבן־אויף די אין בלוט־און אַש־פֿאַר־וואַנדלטע „טיפֿן פֿון שטעטל״ שעלעשין. ווער זענען זיי? פּשוטע, ערלעכע דוידס, יום ולילה תּורה־לערנערס, פֿון וועמענס פּנימער עס שטראַלט די שכינה, אַ קוואַל גוטסקייט, שלווה. ר׳ יאָסקע בעל־תּפֿילה, וואָס בלויז ערב יום כּיפּור ווערט ער דער אמתער ר׳ יאָסקע, וואָס מיט זיין דאַווענען ווירקט ער אויף די מתפּללים צו נשמהדיקע התעוררות און זינגט שירה מיט די מלאכים. די פּשוטע פֿרוי פֿריידע־מירל הערט שירה פֿון אַלע וועלט־באַשעפֿענישן. די טינט־טראָפּנס פֿון איר פּענע אויף אירע „באַשרי־בענע פּאַפּירלעך״, האָבן אויפֿגעלעבט די שעלעשינער יידישע טיפֿן: אַרבע־

טער, געוועלבניקעס, טאַנדייטערס, האַנדווערקער, לומדים, אינטעליגענטן, מענטשן ווי אַלע מענטשן, מיט פֿיזיאָלאָגישע, און גײַסטיקע געברויכן, מענטשן, וואָס האָבן געפֿירט אַ שווערע, מיזאַמע מערכה פֿאַרן קיום, האָבן קיינעם נישט געשטערט, באַעוולט, און זענען פֿון די דײַטשן געוואָרן פֿאַרהפֿקרט, אויסגערויבט, געשפּלט, פּײַנפֿול, מיט מיתות־משונות אומ־געבראַכט.

איר שרײַבן האָט נאָך אַ מעלה: די מענטשן, זייערע האַנדלונגען, דיאַלאָגן זענען נישט פֿאַלסיפֿיצירטע, נישט געגולמטע, מאַריאָנעטישע, וואָס באַוועגן זיך לויט ציִענדיקע שטריקלעך פֿון אַ אונטער־קוליסנדיקן שפּילער; וואָס „רעדן”, „זינגען” און די ליאַלקעלעך מאַכן בלויז מיט די מיילער. הינדע דעמבאָלעצקיס מענטשן זענען אמתדיקע. די דיאַלאָגן זענען פֿאַרשידנאַרטיקע, לויט די געשילדערטע טיפּן.

מעגלעך ווען די פּרנסי הליטעראַטור אין לאַנד וואָלטן הינדען געמו־טיקט, געהאָלפֿן, וואָלט זי אַרויסגעגעבן נאָך פּראָזאַיִש־ווערטיקע ביכער. קומט טאַקע אַ יישר־כוח דעם פּראָזאַיִקער, ליטעראַטור־קריטיקער שלמה וואָרזאָגער, און דעם פּענמענטש משה זאַלצמאַן, וואָס האָבן פֿאַרעפֿנט־לעכט פּאָזיטיווע נישט איבערגעטריבענע, בית־הללדיק־גוטמוטיקע, פֿאַר־גינערישע אָפּשאַצונגען. הינדע דעמבאָליצקי איז עס ווערט.

וועגן מחבר און זײַן שרײַבן

פנחס ערליך

פֿון רויִנען צו שלווה

עס ליגן פֿאַר מיר צוויי ביכער פֿון ישׂראל־בער אַלטערמאַן, אַרויס־געגעבן דורכן פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אביב, 1989 : איינס אין ייִדיש מיטן טיטל „פֿון רויִנען צו שלווה" און דאָס צווייטע אין עברית — „מחורבות לשלווה", וואָס איז אַ זייער געלונגענע איבערזעצונג פֿונעם ערשטן בוך. איך דאַרף גלײַך אונטערשטרײַכן, אַז י. ב. אַלטערמאַן איז מיט זײַנע עסייען געווען פֿאַר מיר אַן אַנגענעמע גײַסטיקע אַנטפּלעקונג, מיט זײַן קריטישן מעטאָד בײַם אַלזײַטיקן און פּרטימדיקן אַרויסברענגען דעם מהות, כאַראַקטער און קינסטלערישן ווערט פֿון יעדן באַהאַנדלטן שרײַבער. איך האָב, בשעת מײַן הנאַהפֿולן לייענען די ביכער געפֿילט, אַז דער מחבר איז אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט דער רײַכער ייִדישער ליטעראַ־טור, אַז ער קען סײַ די ליטעראַטור און סײַ די שרײַבער ; און אַז ער איז ממש מיטגעגאַנגען מיט דער אַנטוויקלונג און אויפֿשטײַג פֿון די שעפֿער וועלכע ער כאַראַקטעריזירט אין זײַנע עסייען.

מיר איז שוין געלעגנהײַטלעך אויסגעקומען צו דערמאָנען, אַז דער באַגריף „עסיי", איז אין דער ייִדישער ליטעראַטור געוואָרן באַקאַנט, זײַט זי האָט זיך אָנגעהויבן מאָדערניזירן, מיט אַ נטיה צו „אייראָפּעיִשקייט", מיט דעם דראַנג איבערצונעמען דעם שטייגער, פֿאָרמען און מיטלען פֿון די מאָדערנע ליטעראַטורן. די עסיי, וואָס איז אַן אַלט־נײַע הויך־אַנטוויקלטע ליטעראַרישע פֿאָרעם, וועלכע איז חשיבותדיק אויפֿגענומען אין אַלע אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן, איז ערשט שפּעטער אַדאַפּטירט געוואָרן דורך אונדזער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס הייסט נישט, אַז ייִדישע שרײַבער האָבן אינגאַנצן נישט געשריבן ביז איצט אין גײַסט און טאָן פֿון דער עסיי, נאָר עס מיינט, אַז ס'רוב שרײַבער, וואָס האָבן געשריבן „קריטישע אָפּ־האַנדלונגען" און סתּם „אַרטיקלען", האָבן כּאילו נישט געוווּסט, אַז עס איז פֿאַראַן אין דער ליטעראַטור אַזאַ פֿאָרעם־באַצייכענונג וואָס הייסט „עסיי"...

אומקערנדיק זיך צו אַלטערמאַנס בוך, וואָס איז, ווי איך האָב שוין

פֿריִער דערמאָנט, פֿאַר מיר אַן אַנגענעמענע אַנטפּלעקונג, מחמת דעם וואָס דער מחבר ברענגט אַרויס אין זײַנע אָפּשאַצונגען דאָס פֿולע בילד מיט אַלע פּרטים, אַלע דעטאַלן, מיט אַסך סוביעקטיווער באַציִונג, מיט אַ נאָענטער פֿאַראינטערעסירטקייט, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין אַן אינטימען חבר, דערבײַ ווײַזט ער אַרויס וויסן און באַהאַוונטקייט אין דער ייִדישער און אוניווערסאַלער ליטעראַטור. אויך ברענגט ער אַרויס זייער קלאָר די גײַסטיקע און אידעיִשע מאָמענטן, וואָס זענען ביכולת צו וואַרפֿן וואָס מער ליכט אויפֿן שרײַבער, אויף זײַן סביבה און אויף דער צײַט ווען ער האָט געשאַפֿן.

לאָמיר נעמען דאָס ערשטע קאַפּיטל פֿון בוך: „אַסיאַס שיר־השירים־דיקע לידער" (די עסייען קומען לויטן סדר פֿון א"ב פֿון די פֿאַמיליע־נעמען פֿון די שרײַבער) „אַסיאַס פּערזן זענען קאָנדענסירטע. צוויי, דרײַ ווערטער אין אַ שורה. קורצע עטלעכע ווערטערדיקטע שורות און עס איז אַן עקזאַלטירנדיק, זאַגנדיק, זינגענדיק ליד. אַסיאַ געהערט צו די אימפּאַזאַנטסטע, טאַלאַנטפֿולסטע ייִדישע פּאָעטינס אין ישׂראל און אין דער וועלט". דער מחבר קלאָגט אויף דער קהלת־פֿראַגע „למי אני עמל" בשייכות מיט דער דיכטערין אַסיאַס אויסדרוק: „מײַנע יונגע לייענער / ווי, ניטאָ, ניטאָ. / מײַנע נײַע לייענער / קאַרג איז זייער שעה". פֿאַרוועמען, צוליב וואָס האָרעווען די ייִדישע וואָרט־קינסטלערס? זיי פֿאַרמײַדן פֿון זיך עולם־הזהדיקע פֿאַרגעניגנס. פֿון אָרעמע טײַסטערס שפּאָרן זיי און גיבן אַרויס ווערטפֿולע ביכער, וועלכע מ׳מוז דערנאָך צעטיילן אומזיסט, ווײַל ס׳איז נישטאָ קיין ביכער־מאַרק... „זענען מײַנע אָפּרופֿן אויף די געלייענטע ביכער סופּערלאַטיווע?" פֿרעגט דער עסעיִסט אַלטערמאַן, און ער ענטפֿערט דאַרויף מיט אַ קאַטעגאָרישן — ניין! „די ייִדישע פּענמענטשן וואָס שאַפֿן „על מנת לא לקבל" זענען מער ווערט. זיי פֿאַרדינען כאָטש דערמוטנדיקע ווערטער פֿאַר זייער שרײַבן נצחדיק־קינסטלערישע ספֿרים, וואָס וועלן דורות־לאַנג ווערן פֿון אינטעליגענץ נײַגעריק געלייענט, און פֿון אַקאַדעמיש־געבילדעטע — שטודירט, געפֿאָרשט".

איך בין פֿולשטענדיק מסכּים מיט די אידייען און געדאַנקען פֿון דעם טאַלאַנטפֿולן י. ב. אַלטערמאַן. דאָס זענען אידייען און אויספֿירן, וועלכע דער שרײַבער פֿון די שורות האָט שוין נישט איין מאָל עפֿנטלעך אַרויסגעבראַכט: די ייִדישע פּענמענטשן, וואָס שאַפֿן „על מנת לא לקבל", זענען

מער ווערט... אויך דער אַמאַליקער ערנסטער שרײַבער, מיט זײַן פּערזענ־לעכן קלסתּר־פּנים, האָט זיך זעלטן ווען אַרויסגעשטעלט אין זײַן חיבור. דער ערלעכער שעפֿער, ווי דער נביא, האָט עוסק געווען אין זײַן מלאכת הקודש, נישט פֿאַר לוין ווענן, אלא געשריבן, מיט אַן אָפּגעהיטער פֿעדער, לדורות. ער איז געווען דער פֿאָרויסזאָגער, דער פֿאָרויסלויפֿער, — די צונג און דאָס געוויסן פֿון פֿאָלק...

י. ב. אַלטערמאַן, לויט ווי איך האָב אים דערקענט פֿון זײַן ספֿר „פֿון רוינען צו שלווה" גייט צו באַהאַנדלען און אַנאַליזירן דעם אים פֿאַר־אינטערעסירטן שרײַבער מיט פֿולער געמיטלעכקייט, מיט הארץ און מיט ליבשאַפֿט, אָבער קודם כּל מיטן כּוח פֿון וויסן און אידייאישער אָנגעלאָ־דנקייט, מיט וואַגיקייט און שווונג צו יעדן עסיי. ער דערזעט דערבײַ דאָס עיקרדיקע, דאָס שיינע און תּוכיקע, דאָס אייגנאַרטיקע בײַ יעדן איינעם פֿון די דורך אים אָפּגעשאַצטע יוצרים.

אָט זעט ער דעם דיכטער הירש אָשעראָוויטש „בײַם עץ הדעת", ווי ער אָבסערווירט די דעטערמיניסטישע נאַטירלעכע קעגנזאַצן. „אויסגעצ־בלייכטע זריחות און פֿאַרגרויטע שקיעות". „פֿון וואַנען קום איך עס אהער? וואָס טו איך דאָ? / וואָס הייסט עס — ווער בין איך, ווער?" ווערסטו מיטגעריסן, זאָגט אַלטערמאַן, מיט אָט דער דיכטערישער פֿילאָ־זאָפֿירנדיקער מעדיטאַציע, און, צוזאַמען מיטן דיכטער, גייסטו צוריק צום אָנהייב, צו „בראשית". אָדער וועגן דעם דיכטער יונה בערקמאַן (וואָס איז איצט געוואָרן אַ בן שמונים וחמש, עד מאה ועשרים!) שרײַבט ער: „זײַנע דבקותדיקע פּסוקי־דזמרא־פֿערזן", „זענען יידיש־תּוכיק, אייגנאַר־טיק, סענסיטיוו, און ריטמיש געמזמורט". אָדער ווי ער פֿירט אויס: „לאָמיר זשע שטיל מיטברומען מיטן דיכטערס מזמורדיקע פֿערזן, וואָס זענען האַרצאויסגיסערישע, אָבער דערפֿאַר, בײַם לייענען זיי באַאײַנפֿלוסן: „ליאַר־מען אין די אָדערן מיט שאַרפֿן ווײַן".

אין דעם שרײַבער פֿון „גורלות", דעם עטלעכע־זשאַנערדיקן מחבר שלמה וואָרזאָגער, זעט אַלטערמאַן — איינעם, וואָס „שאַפֿט פּסיכאָלאָגיש און קלאָרזיניק; שפּראַכלעך אייגנדיק און פֿאָלקסטימלעך". באַציענדיק זיך צו דער נאָוועלע „יוני 1941" זאָגט ער, אַז עס נישט בלויז אַן אומגעװ־וויינלעכע פּאַסירונג אין די מלחמה־יאָרן 39—1945, ס'איז אויך — אַסך מער. דאָס איז טאַקע אַ נאָוועלע אויף דער אונדז־באַקאַנטער טעמע, אלא

שלמה וואַרזאַגערס פֿאַרביקע שפּראַך, אַן אָנגעפּראָפּטע מיט געפֿילן און גערא̇נגלעכע פּסיכאָלאָגישע אַרײַנדרינגונגען, לעבעדיקע, פֿאַרביק־בילדע־רישע נאַטור־געמעלן, און דער עיקר — דאָס אוועקשטעלן ס'געטרײַ זײַן צו שווער־איבערגעלעבטע געשעענישן, אַנטקעגן אַזאַ ריזיקן קאָנקורענט — וואָס איז שטאַרקער פֿון טויט — דער ליבע. בלויז דאָס אַליין פֿאַרבליפּט און פֿאַרוווּנדערט דעם לייענער.

וועגן אליעזר פּאַדריאַטשיקס באַלערנדיקע „שמועסן", זאָגט י. ב. אַלטערמאַן, אַז זיי דערמאָנען רבישע תּורות, שאַרפֿזיניקע למדנישע שמועסן. די עסייען אין ל.פּ.ס. בוך זענען באַדײַטנדיקע ליטעראַרישע פֿאַרש־אַרבעטן. „שמועסן מיט אַנדערע און מיט זיך" זאָגט דער בעל העסייען, איז אַן עכט יידיש ווערק און דאָס — תּרתּי משמע: יידיש געלערנט און תּוכיק גע־יידישט. און וועגן מרדכי צאַנינס גרויסן ווערק „אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים": „דאָס ווערק איז אָנגעפּראָפּט מיט יידיש־קיומדיקע און אַלגעמיין מענטשלעכע פּראָבלעמען. אַלע קאַפּיטלען אין דעם היסטאָרישן ראָמאַן זענען שאַרפֿזיניק, פּסיכאָלאָגיש, שפּאַנענדיק נאַראַטיוו, רעאַליסטיש און עזאָטאַריש געשילדערט". אַנאַליזירנדיק יוסף קערלערס דיכטונג, אונטערן טיטל „ערדיש הימלשאַפֿטלעכע לידער" פֿירט אויס דער מחבר, אַז, „ווי אין אַ הייסן חמסינטאָג ס'איז אָנגענעם, אַפּפֿרישנדיק זיך צו באָדן אין אַ לײַכט־שטראָמיק ריינקוואַליק קיל טײַכל, אַזוי איז זעליש־פֿאַרגעניגנדיק צו לייענען יוסף קערלערס שטילע, שפּראַכלעך־פֿליסיקע, פּאָעטישע, ערדיש געהימלשאַפֿטלעכע לידער".

אין יעקב צבי שאַרגעלס חלומות „אויף זוניקע שוועלן" זעט דער מחבר פֿון „רויִנען צו שלווה", אַז דער בעל־חזיון, דער לירישער אימאַזש־דיכטער, האָט זײַנע אויסגעטרוימטע לידער שאַרפֿשכלדיק געפֿאָבלט. שאַר־געלס שפּראַך איז אַמביוואַלענטיש, קאָנאָטאַטיש, גאָר אָפֿט פֿאָלקיש־היימיש, ריטמיש־מעלאָדיש. שאַרגעלס פּאָעטישע ווערק, שרײַבט אַלטערמאַן, דאַרפֿן איבערזעצט ווערן אין אייראָפּעישע שפּראַכן, אָבער קודם כּל אין עברית. זיי וועלן זײַן אַ באַרײַכנדיקער בײַשטײַער צו דער מאָדערנער, העברעיִש־נאַציאָנאַלער פּאָעזיע"...

עס קומען אַרײַן אין דעם ווערק נאָך אייניקע קאַפּיטלען, וועלכע עס איז צוליב דוחק אין אָרט נישט מעגלעך צו קאָמענטירן אין איין אַרטיקל. די קאַפּיטלען זענען: וועגן מאיר גרינשפּאַן (מאיר בן ישי), מיט גבריאל

וויַסמאַן בײַ ישׂראל־קינסטלער, חיים זעלצער — „פֿון רואינען צו רו״; פֿון „בײַם טויער פֿון מעת־לעתן״ ביז „ערב באַגינען״ פֿון דאָרע טייטל־בוים; יאָסל לערנער — שפּיל און שפּאַס, קריטיק־שמועסן פֿון אברהם ליס, חיים מאַלטינסקיס „די ערד פֿאַרשטייט״, וועגן דעם דיכטער און דערציִער שאול מאַליץ, שלום סודיט, דעם געוויסן־מאַנער; שלמה רויטמאַן, דער דימענטשלײַפֿער; מיסטעריע און ליבע פֿון מרדכי שטיינבערג, און אַ באַזונדער קאַפּיטל „פֿאַרצייכענונגען״: קריסטלעכע ייִדן־שׂנאה און אומ־קום, תּיקון סופֿרים, דער שׂכר פֿאַר שרײַבן ייִדיש איז — שרײַבן, נאַטירלע־כער לעבנס־שטייגער פֿאַרזיכערט געזונט.

ווי עס איז צו זען פֿון דער ברייטער און פֿאַרשיידנאַרטיקער טעמאַ־טיק, האָט אַלטערמאַן דער עסעיִסט אָנגעזאַמלט אַ רײַכן גײַסט־פֿאַרמעגן, און עס איז אים געלונגען, דעם ערודיט, דעם תּלמיד־חכם, אין זײַן ליטע־ראַרישן שפּאַציר — מיט אַ גאָר רײַכן לשון און סטיל, סײַ אין ייִדיש און סײַ אין העברעיִש — אַרויסצוברענגען זײַנע עסייען אין אַ פּאָפּולער־צוגענגלעכער פֿאָרעם, גייענדיק לײַכטראָטיק איבער די גיטער פֿון זײַנע באַהאַנדלטע מחברים, אַזוי, אַז יעדער ערנסטער לייענער איז ביכולת מיט אים מיטצוגיין און מיטצוהאַלטן...

יצחק אַלפּעראָוויטש

ישׂראל־בער אַלטערמאַן — „די לעצטע היים"

י. ב. אַלטערמאַן איז נישט קיין פּנים־חדשות אין דער נאָכמלחמהדי־קער יידישער ליטעראַטור. ער האָט זיך באַזונדערס קונה־שם געווען מיט זײַנע ביז איצט דערשינענע פּראָזע־ביכער: „היימלאָזע יידן אין דײַטש־לאַנד", דערשינען אין 2 אויפלאַגעס, 1959, 1980; „ליקוי חמה" (עברית), 1986; „בלאָנדזשערס", 1982. חוץ דעם איז אַלטערמאַן אַ טיף־אַנאַליטי־שער עסייאיסט, וועמענס עסייען באַרײַכערן די ישׂראלדיקע פּעריאָדישע אויסגאַבעס (צווישן זיי אויך „פֿאָלק און ציון").

אין דעם איצטיקן בוך, וואָס איז פֿאַרטיילט אין 3 הויפּט־טיילן: „אַש און פֿאַרך", „אויפֿן הימל אַ ירידֿ", „די לעצטע היים" ווערט מען פֿאַרגאַפּט פֿון דער רײַכער שפּראַך פֿון אַלטערמאַנס פּראָזע. דאָס איז אַ שפּרודלדי־קער קוואַל און בײַם לייענען פֿילט מען די שפֿע פֿון זײַן לשון. מיט דער־ציילערישן טאַלאַנט ברענגט אַרויס אַלטערמאַן דעם אַספּעקט פֿון יידישן לעבן אין פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן און באַזונדערס אין די דרײַסיקער יאָרן פֿאַר דער מלחמה, מלחמה־צײַט און אין געוויסע טיילן אויך אין ישׂראל, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין דער דערציילונג „די לעצטע היים", פֿון וועלכער דער מחבר האָט אויך אויסגעבאָרגט דעם נאָמען פֿון דעם בוך.

דער טראָפּ פֿון יעדער דערציילונג ווערט געשטעלט אויפֿן יידישן גורל. אַלטערמאַן וועבט זײַנע זכרונות־דערציילונגען אויף דער קאַנווע פֿון זײַן אייגענעם שטעטל, וואָס זעטיקט עד היום זײַן וועלט. דאָס אָפֿענע אויער און אויג זײַנע זענען זײַנע געטרײַע מיטגייערס, אַזוי אַז דאָס רופֿט אַרויס אַסאָציאַציעס פֿון אַליין געזעענעם און אַליין אָבסערווירטן.

צו די שטאַרקסטע אייגנשאַפֿטן פֿון אַלטערמאַנס דערציילערישער קונסט געהערט בלי־ספֿק זײַן טאַלאַנט צו קענען שילדערן מענטשן, זייערע גורלות און אַטמאָספֿער, אין וועלכער זיי לעבן. אין פֿאַרשיידענע מאַסקעס

און געשטאַלטן איז דער גורל פֿון די העלדן זיך מתגלה ווי אַן אַלטער שונא, וואָס לאָזט זיך נישט אויסמײַדן אין אַלע פּאַסירונגען. דאָס איז אַ געלונגענער פּרוּוו צו פֿאַרלאָזן די רעאַליסטישע אויבערפֿלאַך, די ענגע פּסיכאָלאָגישע ווינקעלעך פֿון יחידישן גורל אין די נישט־אויסגעטראָטענע וועגן פֿון דעם לעבנסשטייגער. צוזאַמען מיט זײַנע העלדן טונקט זיך אַלטערמאַן אין זײַנע מעדיטאַציעס וועגן פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען: אַ פֿאָרם פֿון שׂכר ועונש, ווי דאָס ווערט בײַ אים בולט געשילדערט אין דער געשטאַלט פֿון דער הויפּטהעלדין רחל אין דער דערציילונג „די לעצטע היים”, אַרויסגעגעבן דורך דעם פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך”, תּל־אביב, תשמ״ו—1986. האַרטער איינבאַנד, 287 זײַטן.

שושנה גאָלדנבערג

פּליטים

דאָס ייִדישע בוך „היימלאָזע ד. פּ.־ייִדן אין דײַטשלאַנד" פֿון י. ב. אַלטערמאַן (אַרויסגעגעבן אין פֿאַרלאַג „אורלי", 1954) איז אַ שפּאַנענדיק בוך, ווו עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן פֿון ייִדן אין פּליטים־לאַגערן, באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין בוך זענען אײַנגעזאַמלט 19 דערציילונגען, רעפּאָרטאַזשן. די וויכטיקסטע, די גרעסטע איז די ערשטע דערציילונג „היימקערער". דער הויפּט־העלד פֿון דער דערציילונג איז אַ דײַטשישער ייִד אַרנאָלד שולץ. פֿאַר דער מלחמה האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ דײַטשישער, קריסט־לעכער פֿרוי, מאַריע. זי האָט אים געבוירן אַ זון. אין יאָר 1937 האָבן די נאַציסטן צעשיידט דאָס פּאָרפֿאָלק. פֿון דעמאָלט אָן און אין די מלחמה־יאָרן האָט אַרנאָלד אַרומגעוואַנדערט אין טשעכאָסלאָוואַקיע, עסטרײַך. נאָך דער מלחמה קערט ער זיך, סוף־סוף, צוזאַמען מיט נאָך פּליטים, אַ היים צו זײַן דײַטשישער פֿרוי און זון. אָבער קומענדיק אַהיים, דערוואַרט אים אַ גרויסע אַנטוישונג. ער דערוויסט זיך: זײַן ווײַבל האָט חתונה געהאַט מיט אַ דאָקטאָר, וואָס איז געשטאָרבן. נאָך זײַן טויט לעבט זי מיט אַ דײַטש, ראָבערט, וואָס איז אַרנאָלדן גוט באַקאַנט אַלס עס־עס־מיט־גליד און האָט פֿאַראורזאַכט אומצוברענגען טויזנטער ייִדן... אויך אין די אַנדערע דערציילונגען איז געשילדערט דאָס נישטיקע לעבן פֿון די ייִדישע פּליטים אין די דיפּי־לאַגערן אין מערב־דײַטשלאַנד, אין אַן אַטמאָספֿער פֿון פֿרעמדקייט, בלינדער פֿײַנטשאַפֿט.

חיים זעלצער

בלאַנדזשערס

עס האָבן נאָך נישט אָפּגעהילכט די עכאָס פֿון פֿריידיקע אויסרופֿן בשעת די באַגעגענישן פֿון ניצול־געוואָרענע ייִדן אויפֿן וועלט־צוזאַמענ־פֿאָר אין ישׂראל. מיר האָבן געזען און געהערט מאָמענטן פֿון די גליקלעכע אָדער אומגליקלעכע וואָס האָבן דערלעבט... נישט לײַכט איז צו טראָגן דעם זכרון פֿון אַן אומגעקומענער וועלט, שטעט און שטעטלעך מיט ייִדן און ייִדיש לעבן, משפּחות און פֿרײַנט און קרײַזן פֿון יוגנט אין קאַמף פֿאַר אידעאַלן, איבערגעריסענע און פֿאַרוועלקטע אין פֿולן בלי. ליבעס, פֿאַר־ברענטע נעסטן מיט ערשט אויסגעפּיקטע עופֿעלעך... און אויסגעריסענע מיט וואָרצלען מענטשן אוןביימער פֿון פֿײַערדיקן שטורעם.

„היימלאָזע" (דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן) הייסט י. ב. אַלטער־מאַנס בוך, מיט איין אָטעם האָב איך איבערגעלייענט די בערך צוויי הונ־דערט זײַטלעך, נישט ווײַל איך לייען גיך, נײַערט ווײַל די שפּראַך איז אַ קלאָרע און אַ פֿליסיקע; די גרעסערע דערציילונג וואָס אין אָנהייב, אַ פֿאַרכאַפּנדיקע, און די קורצע רעפּאָרטאַזשן שטראָמיקע ווי באַרג־טײַכע־לעך, מיט קײַלעכדיקע שטיינדעלעך אויפֿן דנאָ, גלאַנציקע, געשליפֿענע ווי די ווערטער און בילדלעך — דורכזיכטיקע. אַ באַרופֿענער קריטיקער קאָן אפֿשר אָפּרופֿן אָדער פֿאַרמינערן דעם קינסטלערישן ווערט צוליבן דאָקומענטאַרן טאָן און סטיל, אָבער דער רושם, וואָס איך וואָלט באַצייכנט מיט איין וואָרט „במדבר" ווי דאָס פּראָוויזאָרישע לאַגער־שטעטעלע האָט געהייסן, פֿאַרענטפֿערט אַלע אַקאַדעמישע טענות. נאָכן איבערלייענען „כּל־נדרי אין אַ לאַגער־שול" ווילט זיך איבערחזרן אינאיינעם מיטן מחבר: „געהיימנישפֿול, וווּנדערלעך ביסטו, טראַגיש ייִדיש פֿאָלק, און גאָר שווער איז דיך משׂיג צו זײַן, דו אומבאַגרײַפֿלעכער גאָט, וואָס מײַנע אָבות האָבן אין דער מדבר אויסגעטראַכט". דער זעלבער רבונו־של־עולם, וואָס האָט זיך פֿון זײַן פֿאָלק אָפּגעקערט, פֿירט זיי דורך וועגן־אומוועגן צוריק קיין ישׂראל.

„בלאַנדזשערס" איז שוין דאָס צווייטע בוך פֿון י. ב. אַלטערמאַן. אויך אין זײַן ערשטן בוך באַשרײַבט ער היימלאָזע און בלאָנדזשנדיקע און במשך דער צײַט זענען זיי שוין געוואָרן אײַנגעזעסענע „בלאָנדזשערס" אין ישׂראל. ווי אין פֿריִערדיקן בוך פֿילט מען אויך אין 2טן בוך ווי די שילדע־רונגען זענען אָנגעפּילט מיט געדאַנקען וועגן גײַסטיקן באַראָמעטער פֿון דער געזעלשאַפֿט.

בײַשפּילן? אדרבא, שטעלט זיך אָפּ אויף אַ מינוט אין אַ דאַנערשטיק, ווען דאָס קליינע יידעלע, דער אַפּישן־קלעפּער בײַט די „פּראָגראַמען" און מודעות: „טראַנסצענדענטאַלע מעדיטאַציע" אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַ יידישן גורו און, להבדיל, „קבלה־לימודים" מיטן אָנטייל פֿון באַרימטע אדמור״ים; „די גרויסע זונה פֿון בבל" פֿון איין זײַט, אַ חזנות־קאָנצערט אין דער גרויסער שיל פֿון דער צווייטער זײַט, פּאָרנאָגראַפֿישע פֿילם־אַפֿישן און אַ קול־קורא אָפּצוהיטן שבת־קודש... טרויער־מודעות און דיס־קאָטעק־פֿאַרווײַלונגען, מאָדע־דעמאָנסטראַציע פֿון ים־צניעות־בעגדלעך און אַ קול־מבשׂר „אַ צדיק קומט אין שטאָט!" פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונגען און „יומא דבר־בי־רב". קונסט־אויסשטעלונגען און חרם צוליב כשרות.

אינעם פֿאַרביקן וואַלד פֿון אַפֿישן און מודעות בלאָנדזשעט דער שרײַבער און זײַנע העלדן פֿון קלענערע און גרעסערע דערציילונגען. שטיקער רוי לעבן ווערן אָפּגעקאָכט אין זײַן שרײַבערישער לאַבאָראַ־טאָריע, און הלמאי זאָל איך לייקענען — זיי האָבן אָפֿטמאָל אַ זייער ביטערן טעם. די אונטערקעפּלעך פֿון זײַן צענטראַלער דערציילונג („אָפּ־ווײַכונג") „קנאָה", „חרטה" און „נקמה" זאָגן נישט אָן קיין אידיליע. דער מחבר פֿילט די צײַט, באַנעמט די סתירות און די צעריסנקייט פֿון אַ געזעל־שאַפֿט אין פּראָצעס פֿון ווערן. „בלאָנדזשערס" איז נישט נאָר אַ נאָמען פֿון אַ בוך, נײַערט אויך דער אויסדרוק פֿון דער אינערלעכער וועלט פֿון אַ יידישן שרײַבער אין ישׂראל.

כאַראַקטעריסטיש אין דעם זין איז די דערציילונג „דער נביא משה פֿון חדרה", וואָס שליסט דאָס בוך מיט דער פֿראַגע: „פֿאַר וועמען?" די שוין קלאַסיש געוואָרענע פֿראַגע איז בלי־ספֿק אַ ריין רעטאָרישע, ווײַל קיין ענטפֿער איז קיינמאָל נישט געווען און וועט נישט זײַן. גלײַכער וואָלט געווען זיך באַגנוגענען מיט די פֿראַגעס: פֿאַר וואָס און ווי אַזוי אַ שרײַבער שרײַבט? דאָס דרינגט טאָקע פֿונעם עצם הסיפּור. מילא פֿאַר

וואָס ער האָט זיך גענומען דעם שווערן עול, ווייסט איין גאָט אין הימל, דעריבער זאָגט מען „בחסד עליון". פֿאַרבלײַבט די פֿראַגע: „ווי אַזוי?" דער נאַטירלעכער קינסטלעריש־שעפֿערישער ויתרוצצו איז דעם מחבר נישט פֿרעמד. די דרײַ ברידער, די שרײַבער י. מאַן, דוביק מאַן, און אַלטער מאַן — דרײַ געשטאַלטן אין דער איינער געשטאַלט פֿונעם שרײַבער י. ב. אַלטערמאַן — באַמיִען זיך צו ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע „ווי אַזוי?"

אַ רייד איז וועגן טרוקענעם רעפּאָרטאַזש, קינסטלערישער אינטערפּרעטאַציע און פֿאַנאַטישער סימבאָליק — דרײַ עיקרדיקע פֿאָרמען פֿון וואָרט־שאַפֿונג. י. ב. אַלטערמאַן אילוסטרירט דאָס מיט דרײַ בילדעלעך, צווישן זיי די בולטסטע געשטאַלט פֿונעם בזירישן פּרעדיקער, משה „נביא" פֿון חדרה, דערנאָך — דאָס פּאָרל אַמעריקאַנער טוריסטן און צום לעצט — אַ פֿאַרליבט פּאָרל סאַברעס וואָס דאַרפֿן סימבאָליזירן דאָס אייביק־מענטשלעכע. דער שרײַבער זוכט דעם סינטעז צווישן רעאַלן און פֿאַנטאַסטישן, אויבערפֿלאַכלעכן און פֿאַרהוילענעם, דאָס באַלדיקע און דאָס געגאַרטע — דאָס אַלץ, וואָס לאָזט זיך הערן פֿון זײַן יצירה.

בקיצור, י. ב. אַלטערמאַן ווייסט וואָס ער וויל, און די מיטלען וואָס אין זײַן רשות זענען אויך בכּבודיקע: אַ שאַרף אויג, אייגנאַרטיקע שפּראַך און סטיל. „בלאָנדזשערס" איז נאָך איין מדרגה, אַ העכערע אין זײַן שאַפֿונג. זײַן בײַטראָג צו אונדזער ליטעראַרישן „גערעטעניש" איז אַ באַשיידענער, סך־הכּל צוויי ביכער פּראָזע אין איינקלאַנג מיט דער מאָס פֿון אחריות צום ייִדישן קינסטלערישן וואָרט.

„די לעצטע היים"

אַלע שפּראַכן אויף דער וועלט זענען געבוירן געוואָרן אין דר׳היים חוץ איינע — ייִדיש; מאַמע־לשון האָט נישט קיין היים — זי איז געבוירן געוואָרן אין דער פֿרעמד, אין גלות. אין קיין שום אַנדערער שפּראַך וועט איר נישט געפֿינען דעם קרעכצנדיקן אויסדרוק „לאַנג ווי דער גלות" אָדער די שבועה פֿון אַ מארק־ייִדענע אין אַמאָליקן שטעטל „כ׳זאָל אַזוי דערלעבן משיחן"...

און — ווײַל ייִדיש איז געבוירן געוואָרן, געוואַקסן און זיך פֿאָרמירט אין דער פֿרעמד, האָט דאָס וואָרט און דער באַגריף „היים" אַ באַזונדערן אינהאַלט, אַנדערש ווי אין אַנדערע שפּראַכן.

למשל:

אין ייִדיש זאָגט מען — איך גיי אַהיים.

אין העברעיִש — אני הולך הביתה.

אין רוסיש — אידו דאָמאָי

אין רומעניש — מע דוק אַקאַסע,

אין אוקראַיִניש — אידו דאָ כאַטי... א.א.וו.

ווען מען פּרוּווט איבערזעצן דעם נאָמען פֿון אַלטערמאַנס לעצטנס דערשינענעם בוך, באַקומט זיך: הבית האחרון, פּאָסלעדניי דאָם, אוליטמאַ קאַסע, קראַיִניאַ כאַטאַ... בוכשטעבלעך הייסט עס: דאָס לעצטע הויז אין גאַס אָדער אין שטעטל, און ס׳איז אַ מין סימן, אַ מין אַדרעס, ווו עמעצער וווינט, אָדער שטייט אײַן.

„די לעצטע היים" אין ייִדיש מיינט עפּעס מער. נאָך צוויי טויזנט יאָר אין דער פֿרעמד, מיט אַ שפּראַך וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער פֿרעמד, קומט אַ ייִדישער שרײַבער אַהיים. דאָס וואָרט „היים" איז נישט קיין סימן — עס איז אַ סימבאָל; דער לעצטער מקום־מיקלט פֿאַרן גערודפֿטן פֿאָלק און זײַן קולטור, און פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרן לשון, וואָס איז דער לבוש פֿון איטלעכער קולטור.

דער יונג־פֿאַרשטאָרבענער דיכטער משה יונגמאַן, וועמענס צווייטן יאָרצייט מיר האָבן דאָ נישט לאַנג אָפּגעמערקט, האָט עס אויסגעדריקט אין אַ ליד פֿון וועלכן איך ברענג דאָ בלויז צוויי שורות: (גאָט), בײַ די

טרעפּ פֿון דײַן היכל קומען די ווערטער אַהיים". אין דעם שיר־המעלות צו ייִדיש ווערט געזאָגט, אַז די ייִדישע ווערטער זענען געקומען אַהיים; זיי האָבן געאַקערט און געזייט, זיי האָבן געטריקנט בלאָטעס, געפּלאָנצט, געבויט, געגאַנגען אין שלאַכטן און אָפּגעגאַנגען אין בלוט פֿאַר מלכות ישׂראל, אין וועג קיין ירושלים, צו גאָט, ווײַל „ווערטער — זאָגט דער דיכטער — קומען זיך מער צונויף אין אַ תּפֿילה. נאָר די תּפֿילה און די ווערטער זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש / פֿון אונטער אַ סך אַש / דעק איך אויף ייִדישע ווערטער / גאָלדענע / אַזעלכע וואָס בלײַען נישט אָפּ, אַזעלכע וואָס ווערן קיינמאָל נישט פֿאַרברענט". עד כאן משה יונגמאַן.

ר' ישׂראל בער אַלטערמאַן, זאָל לעבן און געזונט זײַן, וואָס איז דאָ נישט לאַנג פּרעמירט געוואָרן מיטן פּרײַז פֿאַר זײַן ליטעראַטורישער שאַפֿונג ביז הײַנט, איז אַ שרײַבער מיט אַ רײַכער אינערלעכער, פּנימיותדיקער גײַסטיקער וועלט. ער האָט אפֿשר נישט פּלאַנירט בפֿירוש, נאָר זײַנע דרײַ פּראָזע ביכער אין ייִדיש בילדן פֿון זיך אַליין אַ מין טרילאָגיע — אַ געזעמל פֿון דרײַ ספֿרים, ווי דרײַ שטאַפּלען, דרײַ מדרגות וואָס פֿירן אַרויף — פֿון דעם נידעריקסטן צום העכערן, פֿונעם פּשוטן צום קאָמפּ־ליצירטן, ראַפֿינירטן זשאַנער פֿון ליטעראַטור. פֿון די קורץ־אַטעמדיקע רעפּאָרטאַזשן אין ערשטן בוך, דורך די נאָוועלן פֿון צווייטן בוך, ביז די ברייטערע און פּילפּלאַניקע דערציילונגען פֿון דריטן ספֿר. דער הויפּט־העלד פֿון דער „טרילאָגיע" איז דער מחבר אַליין — זײַן אינערלעכע וועלט און די וועלט אַרום אויסער אים, נאָר געזען מיט זײַן ראיה, מיט זײַן קוק און בליק אויף זאַכן, מענטשן און געשעענישן, וואָס איך וואָלט באַצייכנט מיטן אויסלענדישן, אַנדערשפּראַכיקן וואָרט אינטואיציע.

קוקן מיר אַרײַן אין ווערטערבוך פֿון אבן־שושן, דערוויסן מיר זיך, אַז דאָס לאַטײַניש אָפּשטאַמיקע וואָרט מיינט „להביט פּנימה" און בינת־הלב. השראה. ידיעה בלתי אמצעית. חדירה לנשמת הדברים מתוך הארה פּנימית: „העולם הפּנימי, האנושי, מוכר בעיקרו על־ידי הסתכלות פּנימית, על־ידי אינטואיציה, מה שהעברי קורא בשם 'רוח הקודש'." די ציטאַט וואָס אבן־שושן ברענגט געהער קלויזנערן, און מײַנט — דערזען דעם מהות פֿון זאַכן דורך אינערלעכער באַלײַכטונג, מיט בינת־הלב: מיט דער חכמה פֿונעם האַרצן... אָבער דאָס איז איין זײַט פֿון דער מטבע.

פֿאַראַן אין אַלטערמאַנס וואָרט־יצירה אַ סך שיקול־הדעת, דאָס באַוווּסט־זיניקע וואָס רעדט צום שׂכל פֿונעם לייענער.

דערלויבט מיר אַריבערצוגיין פֿון אַלגעמיינעם — פֿון כּלל צום פּרט, און אילוסטרירן דאָס געזאָגטע אויף אַ פּשוטערן, מער פֿאַרשטענדלעכן, מענטשלעכן לשון.

ישׂראל — יאָר טויזנט נײַן הונדערט צוויי און אַכציק...

אַגב, פֿאַראַן נאָך אַ סברה נישט צופֿעליק איז דאָס וואָס דער מחבר דערמאָנט פּרשת נח פֿון אָפּגעבערענטן פּאַרמעט, עס איז אַן אַלעגאָריע. 600 יאָר איז אַלט געווען נח ווען ער איז אַרײַן אין דער תּיבה, וועלכע ער. האָט געבויט גאַנצע 120 יאָר. נאָכן מבול האָט נח געלעבט נאָך 350 יאָר — סך הכּל 950 יאָר. ער איז געווען אַן עדות פֿון דרײַ וועלטן, דרײַ תּקופֿות: „פֿאַרן שטורעם”, ווען די וועלט איז געווען פֿאַרדאָרבן. „אין שטורעם” — נח האָט איבערגעלעבט און צוגעזען דעם שרעקלעכן מבול און דעם חורבן פֿון דער וועלט. און „נאָכן שטורעם”, ווען די וועלט איז נישט בעסער געוואָרן, נאָר אויפֿסנײַ געגאַנגען אויף קרומע וועגן...

צי דערמאָנט עס אײַך נישט דאָס ייִדישע פֿאָלק אין דער תּקופֿה פֿאַר היטלערן, אין דער תּקופֿה פֿון שרעקלעכן חורבן און בלוטיקן מבול פֿון אייראָפּעיִשן ייִדנטום, און דאָס ייִדישע פֿאָלק וואָס האָט גאָרנישט געלערנט און זעצט פֿאָר ווי גלײַך גאָרניט איז נישט געשען? אָבער דאָס איז נאָר אַ סברה וואָס לייגט זיך אויפֿן שׂכל.

★

...„פּוילן איז דער גרעסטער ייִדישער צענטער אין אייראָפּע. וואַרשע איז דער גרעסטער צענטער אין פּוילן. טלאָמאַצקע 13, איז דער גרעסטער ייִדישער מרכּז־רוחני אין פּוילן. אַפֿילו אין אייראָפּע. דער פֿאַראיין איז די נשמה, דער מוח, דאָס האַרץ פֿון פּוילישן קולטורעלן ייִדנטום”. און ווײַטער: „פֿאַר יעדעס מאָל אַרויפֿגיין אַהער, פֿיל איך, אַז איך שטײַג אין אונדזער צײַטווײַליקן בית־המקדש”. („די לעצטע היים”, ז' 194) — — — און ווען דער „בית־המקדש” איז חרוב געוואָרן איז געקומען מאַמע־לשון פֿאַרן רבונו־של־עולם און געבעטן: „תּן לי יבנה וחכמיה...” יבנה איז דער גײַסטיקער סימבאָל, די פֿעסטונג פֿון רוחניותדיקן ווידערשטאַנד קעגן די מתייוונים און כּלערליי כּנענים פֿון לינקס און פֿון רעכטס.

דער ייִדיש־יבנה און זײַנע חכמים געפֿינט זיך הײַנט אין ישׂראל און איינער פֿון אירע זין איז דער פּראָזאיִקער י. ב. אַלטערמאַן. דערצו איז ער אַ נחבא־אל־הכּלים. ער זיצט זיך אין זײַן פּראָווינציעלער חדרה און שרײַבט מיטן חסד וואָס זײַן ליבער נאָמען האָט אים געשאָנקען. זײַן ליטעראַריש האָב־און־גוטס באַשטייט סך־הכּל פֿון דרײַ ביכער: „היימלאָזע״ (1959, צוויי אויפֿלאַגעס), „בלאָנדזשערס״ (1982) און דאָס איצטיקע.

דאָס בוך באַשטייט פֿון צוויי גרעסערע דערציילונגען „אַש און פֿאָרך״, „אויפֿן הימל אַ יריד״ און אַ ראָמאַן „די לעצטע היים״ (אַ ראָמאַן לויט מײַן אײַנזען), אין וועלכע עס זענען בולט די אויטאָביאָגראַפֿישע עלעמענטן, בעיקר אין די ערשטע צוויי; ישׂראל זקון, דוביק זקון, ר׳ דב, און ר׳ בעריש מאַן. פֿיר געשטאַלטן, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר, לויט מיר נאָך, איין פּערזאָן, איך וואָלט זאָגן: דעם מחבר אַליין. זײַן אמונה און כּפֿירה, זײַנע שקלה־וטריא׳ס און פּילפּולים אין ליכט פֿון הלכה, זײַנע קבלה־נסתּרדיקע רמזים און וועלטלעך־אידעיִשע רעיונות. ועל כּולם ווייערע־זײַנע, י. ב. אַלטערמאַנס — ליטעראַרישע השׂגות פֿון פּרע־פֿערענצן, וועמענס אויסטײַטשער און פּותר־חלום איז דוביק זקון. מיט איין וואָרט — פֿיר אָדער פֿינעף העלדן וואָס זענען כּמעט איינער.

דער קאַצעט־נומער 10565/1 וואָס ווערט דערמאָנט אין בוך (דאָרט ז׳ 112) און זײַן טרעגער, איז בלי ספֿק דער חוט השדרה פֿון גאַנצן ספֿר. און דאָס וואָס ער זיצט אין צעפּליקטן און פֿאַרבלוטיקטן טלית און תּפֿילין און איז מעיין אין פּרשת „נח״ איז מרמז אויף ח״ן: חכמה נסתּרה... אמת, דער מחבר טראָגט אונדז אונטער אָפֿענע און קלאָרע דיבורים. אָבער די צירופֿים פֿון פּשוטע ווערטער און בילדער וועקן מחשבות און אַסאָציאַציעס, מקומות און געשטאַלטן פֿונעם פֿאַרמלחמהדיקן אַמאָל. למשל, וויפֿל מאָל אין לעבן קאָן אַ סטאָליער, וואָס ווערט נעבעך אויסגעריסן בײַם וואָרשטאַט בײַ טאָג און לערנט בײַ נאַכט אַ דף־היומי — וויפֿל מאָל אין לעבן קאָן ער מאַכן אַ סיום־הש״ס? און אַז ער איז שוין זוכה, פֿעלט אים אויס אויף אַ פֿלעשל בראָנפֿן, אַ הערינג און עטלעכע פֿאַרדאַרטע בייגל, בשעת זײַן שכן, דער מגושם, און זײַן פּלוניתטע באָדן זיך אין שמאַלץ און קריכן אויף די ווענט פֿון „שווילטאָג״. מלאכה און רוחניות, — דאָס איז ישׂראל אַלטער און זײַנע מחשבות.

און ר׳ בעריש מאַן זיצט איבערן ספֿר „שער צדיקים״ — ער זאָגט:

„אין אַלע דורות ווערן געבוירן יחידי־סגולה. בלויז זיי זענען זוכה משׂיג צו זײַן דעם ניצוץ־אלוהים... אויך צווישן די זכיהדיקע זענען פֿאַראַן מדרגות. בלויז נסתרס פֿאַרטײַטשן ריכטיק אויס דעם געהערטן, סודות־פֿולן קול־קורא...״ ווײַטער איז אַ רייד וועגן מאַן פֿון נצרת, וואָס האָט אפֿשר געהערט דעם געטלעכן רוף, נאָר האָט אים פֿלאַש אויסגעטייטשט — — — „אַלץ איז פֿאַרשריבן. מ׳דאַרף בלויז גוט לערנען. יאָסעלע האָפּענונגס זונדל שרײַבט ביטערע בריוו פֿון ארץ־ישׂראל. רוב ייִדן דאָרט פֿירן זיך ווי די גויים. אויב אַזוי, וואָס איז דער טאַראַראַם? די גלחים טענהן דאָך תּמיד, אַז אויב מיר וועלן לעבן ווי זיי, וועט קיינער אונדז נישט טשעפּען? דאָס איז דער ציוניסטישער אויפֿטו?״ (דאָרט, ז׳ 56). דאָ טרעט אַרויס „אַ הויכער זקן מיט אַ לאַנגער, ווײַסער באָרד (אליגאָווי?). ער פֿאַרענדיקט זײַן סניגור־רעפּליקע מיט דער נבואישער פֿראַזע: „ווער עס וועט דאָ בלײַבן (אין פּוילן) איז אַ מאבד את עצמו לדעת״. (דאָרט, ז׳ 57).

...„פֿונעם ייִדישן פֿאָלק אין אייראָפּע איז געוואָרן אַש און פּאָרך!!!״ (דאָרט, ז׳ 119). אומגעקומען זענען אין דער שואה פֿרומע און פֿרײַדענקער, מאמינים און כּופֿרים, רעכטע און לינקע, וועלט פֿאַרזאָרגערס און סתּם־ייִדן. דעריבער קומט פֿאַר דער משפּט („אויפֿן הימל אַ יאַריד״ — אַ חלום) מיטן אַנטייל פֿון 26־אויגיקן שופֿט־עליון, די מלאכים רפֿאל און גבריאל, און די ערדישע: דער געקרייצטער, זײַן הייליקע מוטער — — — אין אַ חלום איז אַלץ מעגלעך, דערפֿאַר באַגעגענען זיך פּערזענלעכקייטן פֿון פֿאַרשיידענע תּקופֿות און געזועלשאַפֿטלעכע געביטן. למשל: יצחק לייבוש פּרץ און לעוו ניקאָלאַיעוויטש (טאָלסטאָי), לענין און רוזוועלט, שלום אַש און איציק מאַנגער, יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך און דער תּנ״כישער אליפֿז דער תּימנער — אַלע אינאיינעם, אויפֿן פּאָן פֿון אַ פֿאַנטאַסטיש־הימלישן דעקאָר שפּילן אָפּ אַן איוב־טראַגעדיע מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג אונטער דער געניטער רעזשי פֿון י.ב. אַלטערמאַן; די ראָליע פֿון שׂטן אין פּראָלאָג האָט אויסגעפֿירט היטלער. איוב — דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק, און גאָטס סטראַפּטשע אליפֿז — איובס פֿרײַנט און טרייסטער, וואָס זײַן דעוויז איז געווען און געבליבן: „מה אנוש כי יזכה, וכי יצדק ילוד אשה״ (איוב טו י״ד)...

אליפֿז און זײַנע חסידים וווינען הײַנט אין מאה שערים. דער עפּילאָג

פֿון דער „איוב־שפּיל" ווערט פֿאַרגעזעצט אין מדינת ישׂראל (דאָס איז מײַן פּירוש — ח.ז.). דער יריד אויפֿן הימל האָט איבערגעוואַנדערט צו דער ערד; איוב דער יחיד איז אויסגעוואַקסן ביז די מאַשטאַבן פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק; אליפֿז דער תּימנער — איז אַ פֿאַרשטייער פֿון די באַוּולטע. אין נאָמען פֿונעם שופֿט־עליון טוט ער מוסר־זאָגן: „...זעסט דאָס פּרעסן, שיכּורן, זנותעווען, רויבן, גזלען, מאָרדן? די אַ זענען אַ מינדערהייט וואָס באַגזלען די מערהייט, וואָס האָרעווען שווער, בכדי צו קענען לעבן באַגרענעצט... ווערן באַזײַטיקט פֿון בידנע פּרנסה־קוועלן. און וואָרט־פּראָדוצענטן לויבן ס'שיינע מענטשלעכע לעבן". (דאָרט, ז' 117).

זאָל מיר דער מחבר מוחל זײַן וואָס איך רײַס אַרויס שטיקער פֿונעם קאָנטעקסט און פֿיר זיי אַריבער אויף אַן אַנדער שטח, אָבער איך, דער לייענער, האָב דאָס פֿולע רעכט צו זען וואָס איך וויל און שאַפֿן מײַנע אַסאָציאַציעס און אַנאַלאָגיעס. דער מפֿרש פֿון אַ ליטעראַריש ווערק איז דער לייענער, און אַ גוט קינסטלעריש וואָרט פֿירט צו ווייטאָגדיקע אָבער ריכטיקע מסקנות.

י. ב. אַלטערמאַן איז נישט קיין פֿאָטאָגראַפֿירער און אילוסטרירער — ער איז אַ מאָלער, אַ סימבאָליסט און אַ דענקער — אַ בעל־מחשבות. אין דער קאַנווע פֿון זײַנע דערציילונגען זענען אַרײַנגעפֿלאָכטן ליטעראַריש־קריטישע מיניאַטורן און אַפֿילו גאַנצע עסייען (שלום אַש, איציק מאַנגער). זײַן זעליק — דער צענטראַלער העלד פֿון ראָמאַן „די לעצטע היים" — איז אַ בעל־תּורה און אַן אַרײַנגייער אויף טלאָמאַצקע 13... שפּעטער, אין ישׂראל, וועט ער ציטירן פֿון מאַנגערס „שטערן אויפֿן דאַך": „אונטער יאַנקעלעס וויגעלע ליגט געקוילעט דאָס גאָלדענע ציגעלע — / ס'איז די שעה פֿון בלוט און געשפּענסטער"... און רעדנדיק וועגן דער שליחות פֿון פּען־מענטשן וועט ער דורך זײַן חבר נחום אייבעשיץ זאָגן: „איר, אינטע־לעקטואַלן, שרײַבערס, וואָס טראַכט איר צו טאָן?... וואָרנט איר דאָס פֿאָלק? קלערט איר אויף מיר זאָלן זיך אויסניכטערן פֿון שיכּורדיקע געניסן־פֿאַרמעסטונגען? עצהט איר אויסנוצן די לעצטע, מעגלעך שוין פֿאַרשפּעטיקע, עמיגראַציע־מעגלעכקייטן און אַנטלויפֿן פֿון סכּנותפֿולן פּוילן?". אָבער דאָס איז שוין היסטאָריע (דאָרט, ז' 181).

זעליק דער איש־תּמים, אַן עלנבויגנס ווערט פֿאַרשטויסן, פֿאַרשוויגן, צעריבן... אין ראָמאַן „די לעצטע היים" ווערט געשילדערט אַ שטיק

ישראל־לעבן, אַרבעטס־באַציִונגען, משפחה־אָנגעלעגנהייטן — דאָס פּראָב־לעם קינדער־עלטערן און אַן אַראַבער אין דער משפּחה; אַ געמישט פֿאַר־פֿאָלק וואָס ווערט געמאָלט אין אַ טראַגישנעגאַטיוון ליכט. אין זײַנע דער־ציילונגען איז נישטאָ קיין פֿײַערווערק און פֿאַראַן ווייניק פֿרייד, אָבער נישט, חלילה, קיין מרה־שחורה. דאָס איז אַ שרײַבן וואָס קומט פֿון די טיפֿענישן פֿון האַרץ און מחשבה... די מעשׂה הייבט זיך אָן פֿאַרן שפּיגל (דאָרט, ז׳ 10) און ענדיקט זיך פֿאַרן שפּיגל (זײַט 287 — לעצטער זאַץ). סײַ דאָרט — בײַם אָנהייב, סײַ דאָ — בײַם סוף, בלײַבן איבער געלע זאַמדצייכנס אויפֿן דיל, דער סימן און סימבאָל פֿון פֿאַרגייענדיקן לעבן.

י. ב. אַלטערמאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַן אייגנאַרטיקן ייִדישן פּראָזאַיִקער, מיט אַ רײַכער לומדישער שפּראַך און אייגענעם נוסח. ציטירן איז דאָך נישט שײַך. דער לשון אַ פֿליסיקער, אַ מחיה־היימישער. זײַן וואָרט־יצירה פֿאַרדינט געלייענט צו ווערן און איז ראוי באַטראַכט און באַהאַנדלט צו ווערן נאָך אַ מאָל און ווידער אַמאָל אין דער ברייט — צוליב די פּראָבלעמען און רעיונות וואָס זי (זײַן יצירה) וועקט, און אין דער לענג (אין דער ווײַט) — צוליב די האָריזאָנטן און פּערספּעקטיוון וואָס זי עפֿנט; אין דער טיף — זיך דערגראָבן צום שורש און צו די קוואַלן פֿון זײַן פּראָזע, אין דער הייך — זאָלן די קומענדיקע אָפּהאַנדלונגען דער־גרייכן די מדרגה פֿון דער יצירה וואָס י. ב. אַלטערמאַן האָט אונטער־געטראָגן דעם גוטן, טראַכטנדיקן ייִדישן לייענער.

אלכּסנדר מלכּסאָן

גרויסער חורבן און וואָרעמער רעאַליזם

י. ב. אַלטערמאַן איז אַ פֿילזײַטיקער שרײַבער. אַ דערציילער, בעלעט־ריסט און מעמואַריסט. נישט לאַנג צוריק איז דערשינען זײַן זיבעטער בוך „פֿון רוינען צו שלווה". דער רוב פֿון די ביכער זענען אויך דערשינען אין עברית.

דאָס נײַע בוך באַשטייט פֿון 23 עסייען וועגן די ווערק פֿון אונדזערע באַדײַטנסטע ישׂראל־שרײַבערס, פּראָזאַיקערס און דיכטערס.

אין די אינהאַלטרײַכע אַנאַליזן און פּירושים, האָט זיך אַלטערמאַן פֿאַרמאָסטן צו גיין אויף אַ ברייטער קנאָווע און זיך פֿאַרטיפֿן אין דעם שרײַבער און אין זײַנע ווערק... דורך די עסייען אין דעם בוך ווערן מיר געװוּיר באַקאַנט מיט יעדן שרײַבער און זײַן שליחות אין דער ליטעראַטור. ער שילדערט אונדז אַלזײַטיק און בהדרגהדיק דעם אייגנאַרטיקן וועג און וויכטיקן אָרט וואָס יעדער באַזונדער פֿאַרנעמט מיט זײַן שעפֿערישקייט. דערבײַ מאַכט ער דאָס אין אַ פּערלדיקן, זויבערן ייִדיש, מיט אַ סך ליב־שאַפֿט, פֿאַרגינערישקייט און אָפּשײַ פֿאַרן מחבר.

ער איז קיינמאָל נישט קיין זײַטיקער בײַם באַהאַנדלען אַ ווערק. ער ווײַזט שטענדיק אַרויס אַ ריין אינדיווידועלן אינטערעס אין די קעגנ־שטאַנדן און בילדער וועלכע ער קאָמענטירט און באַזונדער אינעם כּוללדיקן אַרומנעם פֿונעם זשאַנער. וואָס שײַך זײַן אויסדרוק־מיטל, דער שפּראַך, וואָס כ'האָב פֿריִער דערמאָנט, דערשפּירט מען גלײַך יענעם פֿאָלקס־טימלעכן, הײַליקן היימיש, אַמאָליקן ציטער פֿון חדר, בית־מדרש און ישיבה, פֿון איין זײַט און פֿון דער צווייטער זײַט דעם נײַעם סעקולערן גײַסט וועלכער איז אויפֿגעקומען און באַקומט אַזאַ בולטע צורה אין דעם טאָן פֿון דער דאָזיקער שפּראַך וואָס צענדליקער דורות האָבן געערדט.

ווען מען לייענט אַלטערמאַנס אָפּהאַנדלונגען, אָפּשאַצונגען און קאָ־מענטאַרן אויף כּלערליי געביטן האָט מען דעם אײַנדרוק אַז ס'איז גאָר־נישט בנמצא אַזאַ זאַך וואָס זאָל אים נישט אינטערעסירן. אומעטום דער־

גרייכט זײַן וואָכעדיק אויג, זײַן רעאַגירן פּערזענלעך אויף זאַכן און געשעענישן ווי ער וואָלט אַליין געווען אַ נוגע בדבר. און דאָס דורכטראַכטן, אויסשלײַפֿן און פֿאָרמולירן דאָס קאָמענטירטע, איז מיט אַ „פֿאָרוואָס", מיט אַ „לכן כה אמר", ניט שרײַבן לשם שרײַבן, „לשם גוי" — נאָר דער „היוצא לנו מזה", דער אויספֿיר איז בײַ אים דער עיקר.

וויל איך זיך באַציִען צו מײַן הויפּטטעמע, צום טיטל פֿון זײַן בוך, „פֿון רויִנען צו שלווה": —

דאָס איז אַ קלאָרער רמז, במה דברים אמורים? פֿון איין זײַט זענען דאָס „רויִנען", — חורבן פֿון אומקום, אַ טיף פֿאַרצווײַגטער און בלוטיק־שוידערלעכער באַגריף אין אונדזער מאַרטיראָלאָגיע־געשיכטע, און פֿון דער צווייטער זײַט דער איבערגאַנג צו „שלווה", מאפלה לאור גדול, פֿון גרויזאַמען עמק הבכא און פֿאַרלענדונג, אל המנוחה והנחלה — דאָס איז דער היסטאָרישער גאַנג אונדזערער איבער דער וועלט און נאַטירלעכער המשך נאָך פֿון די צײַטן פֿון ערשטן בית־המקדש.

אַלטערמאַן, וועלכער האָט דורכגעמאַכט דעם מאַוימדיקן היטלעריס־טישן גהינום און בדרך נס זוכה געווען זיך אַרויסצוראַטעווען פֿון די נעגל פֿון מחבל, האָט ביז זײַן עליה קיין ישראל אין 1949סטן יאָר, פֿאַרעפֿנט־לעכט אין פֿאַרשיידענע אייראָפּעאישע יידישע צײַטונגען ווי „דאָס וואָרט", „אונדזער וועג", „איבערגאַנג" און „לאַנדסבערגער צײַטונג", דערציי־לונגען, רעפּאָרטאַזשן, עסייען און זכרונות. די נײַע ווענדונג זײַנע אין די דאָזיקע דערציילונגען און זכרונות, באַלד נאָכן שרעקלעכן אומקום, שפּיגלען אָפּ און אידענטיפֿיצירן זיך מיט דעם גורלדיקן מיזוג, געדאַנק־לעך און עמאָטיוו, מיט וועלכע דער מחבר און ציון־חלומער זענען געגנצ־לעך פֿאַראייניקט. ווען אויפֿן האָריזאָנט פֿון אונדזער וועלטס־טראַגישער שואה, פֿון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום איז אויפֿגעקומען דער נס פֿון דער אַנשטייונג פֿון מדינת־ישראל, האָט אַ פֿלאַם־פֿײַערדיקער עמוד האש אָנ־געצונדן אין אים אַן אומדערשיטערלעכן גלויבן אין דער גרויסקייט פֿון דער יידישער מדינה און אין איר היסטאָרישער שליחות.

וואָס שייך דעם סימבאָליש־פּאַראַלעלן טיטל פֿון מײַנע הײַנטיקע שטריכן, וויל איך באַמערקן אַז ווען איך זאָג „וואַרעמער רעאַליזם", מיין איך תרתי משמע, ד.ה. זײַן, אַלטערמאַנס באַגײַסטערונג סײַ צו דער פֿריידיקער רעאַליטעט פֿון דער מדינה, סײַ צו דעם וואַרעמען רעאַליזם

אין די ווערק פֿון די שרײַבער וועלכע ער האָט באַהאַנדלט אין זײַן דער־מאָנטן בוך.

צום סוף וויל איך נאָך באַמערקן מיט אויפֿריכטיקייט, אַז מיר איז געפֿעלן זײַן פֿאַרליבטקייט אין ליטעראַטור בכלל און אין ייִדישער בפֿרט. זײַן איידעלע באַציונג און פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג צו די יצירות און אינדי־ווידועל צו זייערע שעפֿערס.

מיט זײַן נײַעם בוך האָט אַלטערמאַן צוגעטראָגן אַ ציגל צום געבוי פֿון אונדזער ליטעראַטור. גישט געקוקט אויף דער שווערער מערכה פֿון ייִדיש־לשון בײַ אונדזער אַרײַנטריט אין דעם איינאונצוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, דאַרפֿן מיר, ווי שטענדיק, זײַן בעלי־בטחון און גלייבן אין דער אייביקייט פֿון אונדזערע ייִדישע קולטור־ווערטן און פֿאָלקס־קיום.

שלום סודיט

י. ב. אַלטערמאַן און זיינע הײמלאָזע ײדן

דאָס בוך „היימלאָזע די.פּי.־ייִדן אין דײַטשלאַנד", איז דערשינען אין יאָר 1980 אין דער צווייטער אויפלאַגע. און כאָטש פינעם יאָר 1959 ווען ס'איז דערשינען די 1טע אויפלאַגע, טיילט אונדז אָפּ, ניט קיין קלײנער צײַט־אָפּשניט, איז דאָס בוך אַ וויכטיקע דערשײַנונג, ווײַל עס האָט אַ שײַכות צו דער קורצער נאָכמלחמהדיקער תּקופה, ווען דער דריטער נאַצי־רײַך ליגט שוין אַ באַזיגטער אין רויִנען, און דאָרטן, ווו די נאַציס האָבן אָנגעהויבן פֿאַרווירקלעכן זייער גענאָסיד־פּלאַן פֿון טאָטאַלער פֿאַרניכטונג פֿון ייִדישן פֿאָלק, זאַמלען זיך צונויף, סוף פֿון די פֿערציקער יאָרן, ייִדישע פּליטים, אָפּגעראַטעוועטע פֿון די קרעמאַטאָריעס, געטאָס און טויט־לאַגערן און אין זייערע הערצער לעשט זיך נישט אויס דער פֿונק פֿון בטחון, פֿון המשך, פֿון קיום.

די אומגעבראַכטע קרובים, די חרובע היימען, די שוידערלעכע איבער־לעבענישן, דער באַהאַלטענער צי אָפֿענער, ווילדער, זאָאָלאָגישער ייִדנהאַס מצד דער לאָקאַלער, נישט־ייִדישער באַפֿעלקערונג, די מיטהעלפֿערין פֿון די נאַצישע רוצחים, די באַנײַטע אינדיווידועלע ייִדן־מאָרדן, דער קעלצער פּאָגראָם אין דעם „באַפֿרײַטן" פּוילן, מיט צענדליקער הרוגים — דאָס זענען געווען די גורמים, וואָס האָבן געשטויסן צענדליקער טויזנטער ייִדן צו פֿאַרלאָזן און אַנטלויפֿן פֿון די סדום־לענדער, און טרעפֿן צו די „אונרא"־לאַגערן, אָרגאַניזירטע דורך די זיגרײַכע אַלייִרטע אַרמייען אין מערב־דײַטשלאַנד וואָס דינען ווי צײַטווייליקע טראַנזיט־פּונקטן, פֿון וואַנען זיי זעצן פֿאָר דעם שווערן וועג, ווער קיין ישׂראל און ווער אין טראַנס־סאָקעאַנישע לענדער, ווי צפֿון־אַמעריקע, קאַנאַדע און דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

שעפּט טאָקע דער מחבר זײַן חומר פֿאַר די שיינע דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן פֿון דער נאָכמלחמהדיקער תּקופֿה. ער גופֿא איז איינער פֿון די געראַטעוועטע, לעבנגעבליבענע פֿון אַ פֿאַרצווײַגטער משפּחה פּוילישע ייִדן, וואָס זענען דורך די נאַצישע מערדער פֿאַרשניטן געוואָרן.

ער איז אַליין דער מיטצײַטלער, דער עד ראיה, וואָס געפֿינט זיך אין איינעם פֿון די אונראַ־לאַגערן. ער זעט, קוקט זיך צו אויפֿמערקזאַם צו פֿאַר־שידענע מענטשן מיט וועלכע ער באַגעגנט זיך, שמועסט מיט זיי, פֿאָרשט זייער לעבן, זייער אויפֿפֿירונג, זייערע טראַכטונגען, זייער פֿיזישן און גײַסטיקן צושטאַנד; פֿילט־מיט זייערע זאָרגן, שוועריקייטן, פֿאַרביטערונג, פֿרייד און האָפֿענונגען, וואָס שטאַרקן און מונטערן זיי.

עס וואָלט געווען נאַטירלעכער, אַז נאָך אַזאַ שרעקלעכער קאַטאַסט־ראָפֿע, וואָלטן די לעבנגעבליבענע זיך באַמיט גײַסטיק געלײַטערט צו ווערן און זיך דערהייבן צו אַ העכערער, מאָראַלישער מדרגה... קומט אָבער די ווירקלעכקייט און לייקנט דאָס אָפּ. צווישן ווילנע, אָנשטענדיקע, סימ־פּאַטישע, האַרציקע, גוטמוטיקע מענטשן, דרייען זיך אויך אַרום אומסימ־פּאַטישע, פֿאַרדאָרבענע, נעגאַטיווע פּאַרשוינען. זיי שטעלן טאַקע פֿאָר מיט זיך אַ נישטיקן פּראָצענט, אָבער זייער אויפֿפֿירונג און זייערע מעשׂים רופֿן אַרויס ווידערגעפֿיל, פֿאַרדראָס, בושה און ווייטיק.

אויף זײַן שעפֿערישן לײַוונט, כאַפּט ער אויף דעם אַסימילירטן ייִד אַרנאָלד שולץ און טיפֿן פֿון די נאָכמלחמהדיקע דײַטשן, צווישן וועלכע עס געפֿינען זיך אַזעלכע וואָס האָבן נישט אָנטייל גענומען אין דער מלחמה; אינוואַלידן, מלחמה־געפֿאַנגענע און נאַצישע פֿאַרברעכערס, וואָס האָבן געמאָרדעט ייִדן און עס האָט זיי אָפּגעגליקט אויסצומײַדן די פֿאַרדינטע שטראָף.

די גרעסטע דערציילונג איז „היימלאָזע", וואָס באַשטייט פֿון פֿיר טיילן און פֿאַרנעמט 56 בוך־זײַטן. דאָס איז אַן אינטערעסאַנטע, ערנסטע און ווערטיקע שאַפֿונג, וואָס איז געשריבן טרעפֿלעך, רעאַליסטיש, מיט פּסיכאָלאָגישער זאַקקענטעניש און אין אַ שיינער, קלאָרער, פֿאַרכאַפּנדיקער שפּראַך. איר הויפּטהעלד איז דער אַסימילירטער ייִד אַרנאָלד שולץ, וואָס האָט אין די דרײַסיקער יאָרן חתונה געהאַט מיט אַ דײַטשיש מיידל. די געשעפֿטן גייען גוט, ער איז מיטן לעבן צופֿרידן. קומט אָבער היטלער און דערמאָנט אים, אַז ער איז אַ „יודע". ער ווערט אַרעסטירט, צעשלאָגן און אַרויסגעשיקט קיין פּוילן, ווי אַן אָפּשטאַמיקער פֿון דאָרטן. די צווייטע וועלט־מלחמה פֿאַרוואַרפֿט אים קיין רוסלאַנד, און פֿון דאָרט אין אַ קאָנצלאַגער.

נאָך דער מלחמה ווערט ער באַפֿרײַט און קערט זיך אום קיין דײַטש־

לאַנד. ער זוכט זײַן פֿרוי מאַריאַ, און װען ער קומט אין שטאָט, װוּ מאַריאַ װױנט װערט ער געװויר, אַז זי האָט אים פֿאַרראַטן מיטן געסטאַפּאָ־קאָמענדאַנט ד״ר הערמאַן, פֿון װעמען זי האָט געבוירן אַ קינד. מאַריאַ, װאָס איז באַהערשט פֿון אַ מורא, אַז מע װעט זי ציִען צו פֿאַראַנטװאָרט־לעכקייט פֿאַר קאָלאַבאָראַציע מיט דער געסטאַפּאָ, פֿאַרבינדט זיך מיטן געװועזענעם בוכהאַלטער פֿון אַרנאָלדס אונטערנעמונגען, װאָס האָט געדינט אין אױשװיץ אין אַ ס.א.־קאָמאַנדע, האָט אָנגעזאַמלט גאָלד, בריליאַנטן און רוסישע גאָלדענע מטבעות. אַלץ איבערגעפֿירט קיין דײַטשלאַנד און עס פֿאַרגראָבן לעבן דער געװעזענער עס־עס־קאַזאַרמע, װוּ עס געפֿינט זיך דער אונראַ־לאַגער פֿאַר ייִדישע פּליטים. ראָבערט איבערצײַגט מאַריען, זי זאָל אים העלפֿן אויסגראָבן דאָס פֿאַרמעגן און אַװעקפֿאָרן מיט אים קיין אויסלאַנד. װען זיי קערן זיך אָבער אום אַהיים, מיט די אויסגעגראָבענע זאַכן, טרעפֿט זיך אָן אויטאָ־קאַטאַסטראָפֿע, מאַריאַ װערט דערהרגעט, דער טשעמאָדאַן צעעפֿנט זיך און די זאַכן צעפֿאַלן זיך אויף דער גאַס. ראָבערט װערט אַרעסטירט און די טויטע װערט אָפּגעפֿירט אין אַ שפּיטאָל. װען אַרנאָלד װערט געװוירר װעגן דעם, לויפֿט ער אַװעק אין שפּיטאָל, און שטייענדיק לעבן דער טויטער מאַריאַ און עס רינען אים טרערן פֿון די אויגן, זענען זײַנע לעצטע װערטער געװענדעטע צו דער טויטער: „בײַ ייִדן אַז מ׳שטאַרבט, זאָגט מען ברוך דיין אמת, און איך זאָג צו דיר: כ׳בין דיר מוחל, זאָל דיר אויך גאָט מוחל זײַן דײַנע אַלע זינד״... איז דאָס בלויז אַ מוסטער פֿון זײַנע דערציילונגען.

דער מחבר פֿאָרט אַרום איבער שטעט, כּדי מיט די אייגענע אויגן צו זען װאָס עס קומט פֿאָר אינעם נאָכמלחמהדיקן דײַטשלאַנד. ער קוקט זיך צו צו די דײַטשן, צו זייער אויפֿפֿירונג, צו זייערע צװישנבאַציִונגען; הערט זיך צו צו זייערע שמועסן, װיכּוחים, פּרובירט אַרײַנדרינגען אין זייערע אַרויסגעזאָגטע און פֿאַרבאָרגענע געדאַנקען, כּדי געװויר צו װערן מיט װאָס זיי אָטעמען, װעגן װאָס זיי טראַכטן און טרוימען, און אויף װאָס זיי װאַרטן אין דער צוקונפֿט. זיי זעען איצט מיט די אייגענע אויגן דעם גרויסן חורבן, זיי זענען אַליין לעבעדיקע עדות, אַז זייער מטורפֿדיקער פֿירער האָט אָנגעטאָן דעם צוגעזאָגטן טויזנטיאָריקן רײַך, געבראַכט אויף דײַטשלאַנד איינע פֿון די גרעסטע קאַטאַסטראָפֿעס אין איר געשיכטע, זענען אָבער אַזוי טעמפּ, אַז זיי װילן אַפֿילו נישט פֿאַרשטיין, נישט טראַכטן,

זיי ווילן זיך נישט אויסניכטערן, זיי בלײַבן אויך ווײַטער פֿאַרסמט מיט דעם קרעטיניש־ראַסיסטישן ייִדנהאַס, ווי בימי היטלער. זיי טענה'ן נאָך איצט:

„אין דער נויט פֿון דײַטשלאַנד זענען שולדיק נאָר די ייִדן" (זײַט 15). אין דער באַן פֿירט זיך אַ דיסקוסיע צווישן דײַטשן אין וועלכער עס נעמט אָנטייל אַ פּאַסטאָר און אַלע, צוזאַמען מיטן גלח, קומען צו איין אויספֿיר: „נאָר די דריטע וועלט־מלחמה וואָלט יעצט געראַטעוועט דאָס דײַטשישע פֿאָלק און מען וואָלט פּטור געוואָרן פֿון די רעשט־פֿאַרבליבענע ייִדן" (זײַט 17).

ווי מיר זעען האָט דער שרײַבער י. ב. אַלטערמאַן נאָך צוריק מיט 35 יאָר געזען, געהערט און אַרײַנגעדרונגען אין זייערע גייסטיק־קראַנקע נשמות, מטורפֿדיקע געדאַנקען און שמועסן פֿון וועלכע פֿיל יונגע דײַטשן פֿון אונדזער צײַט האָבן זיך נישט באַפֿרײַט. זײַענדיק געשיצט פֿון דער אַזויגערופֿענער „דעמאָקראַטיע און פֿרײַהייט", פֿירן זיי ווײַטער אָפֿענע מענטשנפֿרעסערישע פּראָפּאַגאַנדע קעגן די ייִדן, מאַרשירן מיט דעם נאַצישן עמבלעם — דעם האַקנקרייץ — און לייקענען בכלל אָפּ די שואה... אַז עס איז נישט קיין שואה געווען מיט זעקס מיליאָן דערמאָרדעטע ייִדן, דאָס איז אַ ייִדישע, ציוניסטישע אויסטראַכטונג, אַ בילבול קעגן „אומשולדיקן, אָרעמען, נעבעכדיקן דײַטשישן פֿאָלק"...

דער מחבר שילדערט די אונגראַ־לאַגערן מיט זייערע תּושבים און די שווערע שטייגער־ און לעבנס־באַדינגונגען אין וועלכע זיי געפֿינען זיך. מיר זעען דאָס ווונדערלעכע, אַלטע פּאָרל יצחק און שׂרה, וואָס זענען אַמאָל אין זייער פּוילישן שטעטל געווען די שענסטע באַלעבאַטים. ער איז געווען אַ גרויסער מכניס־אורחים, אַן אָנגעזעענער בעל־תּורה, אַ מופֿלג אין גמרא און אַפֿילו געלערנט מיט די בית־המדרש־בחורים גמרא... ער לעבט איצט אין דחקות, און כּדי צו פּראַוועון יום־טוב, גייט שׂרה און פֿאַר־קויפֿט איר קידושין־רינג און ברענגט שפּײַז־פּראָדוקטן...

מיר באַקענען זיך אויך מיט ניט־סימפּאַטישע טיפּן, ווי דער געזונטער ייִדישער בחור, וואָס הייבט אָן אין צוג זיך צו חנדלען, פֿלירטעווען און זיך קושן מיט אַ דײַטשיש מיידל. און אָט אַ בילד וועגן ייִדישע בחורים, וואָס אַרבעטן אין די אַמעריקאַנער אַמטן, און פֿלירטעווען, שפּאַצירן און פֿאַרברענגען מיט דײַטשישע מיידלעך...

טרויעריק איז די מעשׂה וועגן דער אַלטער סאָניע גרינבערג מיט די דרייַ חתנים... און ווען זי באַשליסט שוין ענדלעך זיך צונויפֿקומען מיט מרדכין, באַקומט זי אַן אַטאַק פֿון איר אַלטן מיחוש — גאַל־שטיינער און שטאַרבט אין שפּיטאָל. און מיט אַ סך ענלעכע, נישט סימפּאַטישע טיפּן, לעבן אויך וווּנדערלעכע ייִדן וואָס האָבן פֿאַרהיט זייער צלם אלוקים.

✶

אין דער „בליידאַרן קאַסערנע” געפֿינט זיך אַ רעליגיעזער אינטערנאַט פֿאַר צוויי הונדערט ייִדישע יתומים, וועמענס עלטערן עס זענען דער־מאָרדעט געוואָרן דורך די דייַטשן... מיט טיפֿן געפֿיל און ליבע, געמישטע מיט טרויעריקע מחשבות און זכרונות, באַשרייַבט ער דעם שיינעם, בצי־בורדיקן קבלת־שבת דורך די קינדערלעך פֿון וועלכן ער האָט גרויס הנאה און עונג: „נאָך אַכט יאָר אַרומוואַנדלען איבער רוסישע און דייַטשי־שע שטעט און שטעטלעך, האָב איך זיך אויפֿסניי דערפֿילט שבת־קודשדיק” (זייַט 114).

מיר זעען בחורים־חלוצים, וואָס האָבן דורכמאַרשירט דורך דעם לאַ־גער־הויף און גרייטן זיך עולה צו זייַן קיין ארץ־ישׂראל.

מיר האָבן הנאה פֿונעם קינדער־מאַרש. ער ברענגט בילדער פֿון די באַנייַטע אידעישע וויכּוחים פֿון פּאַרטייאישער טעטיקייט, ווי דאָס איז געווען פֿאַר דער מלחמה אין פּוילן, ליטע, בעסאַראַביע, בוקאָווינע א. א.

מיר פֿילן די גרויסע שׂמחה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די ייִדן, אַפֿילו די געוועזענע גלייַכגילטיקע, ביים באַקומען די ידיעה וועגן דער גרינדונג פֿון אַ ייִדישער מדינה און די שווערע, טרויעריקע איבערלעבענישן און ערגערנישן, ווען די אַראַבישע שכנישע מדינות זענען אָנגעפֿאַלן אויף דער ייִדישער יונגער מדינה און ווידער אַמאָל גיסט זיך ייִדיש בלוט...

אין סך־הכּל, איז דאָס אַן אינטערעסאַנט, גוט בוך, וואָס אַנטהאַלט ווערטיקן חומר פֿאַר געשיכטע. עס לייענט זיך לייַכט און דער לייענער וועט שטענדיק הנאה האָבן פֿון דעם אינהאַלט און דער טעמאַטיק.

יצחק פאַנער

„היימלאָזע" פון י. ב. אַלטערמאַן

„היימלאָזע" פון י. ב. אַלטערמאַן, 198 זײַטן, אַרויסגעגעבן פון „אורלי", תל־אביב, 1959.

דער מחבר האָט זיך מיט אָט דעם בוך פאָרמאָסטן צו באַהאַנדלען אַ שטח וואָס איז נאָך כמעט נישט אויסגענוצט געוואָרן פון אונדזער אַזוי רײַכער חורבן־מעמואַריסטיק: צו שילדערן דאָס לעבן פון די שארית הפליטה אין די דײַטשע די.פּי.־לאַגערן.

דער דאָזיקער קורצער נאָכקרעג פעריאָד איז דורך זכרונות־שרײַבער אפשר ווייניק אויסגענוצט געוואָרן, ווײַל דאָ האָט זיך געפאָדערט גאַנץ אַנדערע מיטלען ווי בײַ די זכרונות־ און יזכור־ביכער, ווו די מחברים האָבן געדאַרפט בלויז איבערגעבן געשעענע פאַקטן, פאַרצייכענען זייערע איבערלעבונגען אין די געטאָס, אין די בונקערס, אין די טויט־לאַגערן. דערצו האָט זיך בלויז געפאָדערט אַ גוטער זכרון און די פעאיקייט איבער־צוגעבן אַלע איבערגעלעבטע גרוילן. בײַם שילדערן די די.פּי.־לאַגערן פאָדערט זיך שוין דאָס שאַרפע אויג פון אַ פסיכאָלאָג און די פעדער פון אַ קינסטלער, כדי צו פאַרפיקסירן די טיפע טראַגיק פון דעם געראַ־טעוועטן, פיזיש און פסיכיש געבראָכענעם מענטש.

דער ייִד, וואָס איז אין דער סאַמע לעצטער רגע ווי דורך אַ נס ניצול געוואָרן פון דער גאַז־קאַמער, האָט זיך אומגעקערט אין אַ חרובער היים, אָפט אָן איינאונאייינציקער פון אַ גרויסער משפחה, און געמוזט זיך לאָזן ווײַטער וואַנדערן און אַרײַנקומען אין אַ נײַעם לאַגער אויף דער פאַר־האַסטער דײַטשישער ערד. דאָ אין די די.פּי.־לאַגערן האָט זיך געפאָדערט אַ באַזונדער אויער כדי צו דערהערן דאָס שטומע געוויין פון קליינע קינ־דער, וואָס זענען געבליבן אָן טאַטע־מאַמע, אָן שוועסטער און ברידער, פון מאַמעס, וועמענס קינדער זענען דערמאָרדעט געוואָרן אָדער אויסגע־גאַנגען פון הונגער.

גאָר געלונגען איז די דערציילונג „פֿרימאָרגן אויפֿן דאָנוי". דאָ שילדערט דער מחבר אַ דײַטש, אַ געוועזענער ס.ס. וואָס ווערט געפּײַניקט פֿון פּחד, אַז ער וועט אין אַ ליאַדע טאָג אַנטדעקט ווערן אַלס נאַצי־פֿאַר־ברעכער און געשטעלט ווערן פֿאַרן געריכט. די דאָזיקע דערציילונג פֿאַר־כאַפּט מיט איר שילדערונגס־קראַפֿט און איר פּסיכאָלאָגישן אמת.

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן אין פּראַכט־באַנד, אויף גוטן פּאַפּיר און דער שער־בלאַט האָט אַ קינסטלערישע אילוסטראַציע.

משה קושניר

אַן אָנדענק־מצבה פֿאַר אַ שטעטל

ס׳גאַנצע לעבן איז אַ מענטש געבונדן מיט קינדהייט און יוגנט־זכרונות. יעדער איינצלהייט, וואָס אין זײַן צײַט איז געווען נישט וויכטיק, ווערטלאָז, דערוועקט זיך אין דער עלטער אין געדאַנק, פֿאַנטאַזיע אַלס גאָר אַ באַדײַטנדיקע געשעעניש. כּמעט אַלע טאַלאַנטפֿולע שרײַבערס, וואָס פֿלעכטן אַרײַן ביאָגראַפֿישע פּרטים אין זייערע שאַפֿונגען, פֿאַרעפֿנטלעכן אויך ביאָגראַפֿישע זכרונות־ביכער, ספּעציעל יוגנט־דערינערונגען. זיי ווערן שפּאַנענדיק געלייענט, דינען צו פֿאַרשטיין דעם קינסטלער, זײַנע שאַפֿונגען.

דער ארגון יוצאי גריצע האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך צום אָנדענק פֿון זייער געבורט־שטעטל אין פּוילן. טוישט מען אויס דעם נאָמען גריצע אויף אַ צווייטן נאָמען פֿון די שטעטלעך אין פּוילן מיטן ייִדישן שטייגער־לעבן, ענדערט זיך כּמעט גאָרנישט: ייִדיש דינאַמיש, שטורמיש, טעטיק לעבן אויף געביטן: ווירטשאַפֿטלעך, געזעלשאַפֿטלעך, קולטורעל, צווישן פּאַרטייִישע גראַנגלעניש, אידעיִשע פֿאַרשידנאַרטיקייטן און יעדער גרופּע וויל דעראָבערן די יוגנט זיך אָנצושליסן אין זייערע רייען. הויפּטזאַכלעך מערקט זיך: אומצופֿרידנקייט פֿונעם נאַציאָנאַלן, ווירטשאַפֿטלעכן צושטאַנד, באַגערן צו ענדערן די ווירקלעכקייט און אין אונטערבאַוווסטזײַן — אַ פֿאַרכטיק געפֿיל, פֿאַר דער צוקונפֿט.

דאָס אַלגעמיינע בילד, וואָס מערקט זיך פֿון דעם יזכּור־בוך „מגילת גריצע" איז ענלעך צו אַלע ייִדישע שטעטלעך אין פּוילן. די הויפּט־באַשעפֿטיקונגען פֿון די ייִדן זענען: האַנדל, האַנטווערקערײַ. זייערע פּראָדוקציעס ברענגען אין דערפֿער, יאַרידים. פֿון דעם פֿאַרדינען זיי אויף אַ בצימצום־דיק לעבן. צײַטנווײַז לעבן זיי פֿרײַנטלעך מיט דער אָרטיקער פּוילישער געזעלשאַפֿט. אָבער אָפֿט ווערן אויפֿגעפֿלאַמט, אויפֿגעהעצט די געמיטער, און די גויִים דערמאָנען די ייִדן זייער „קרייציקן משיחן".

און דאָך האָבן ייִדן אַנטוויקלט פֿאַרשידנפֿאַרצווײַגטע קולטורעלע,

תּורהדיקע אינסטיטוציעס. ס׳זענען געווען לומדים, חסידים, משׂכּילים, ציו־ניסטן, סאָציאַליסטן. און דאָס אַלץ איז אַזוי ברוטאַל, רוצחיש, געוואָרן פֿאַרניכטעט. —

דער שׂר האומה אָבער האָט געזאָרגט ס׳זאָלן איבערבלײַבן אַזעלכע — איבערהויפּט יוגנטלעכע, וואָס האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע, אָדער עולה געווען קיין ארץ ישׂראל כּדי זיי זאָלן פֿאַראייביקן דאָס ייִדישע לעבן פֿון די שטעטלעך אין פּוילן.

אויך דער טראַגישער אומקום פֿון די ייִדן אין גריצע איז ענלעך צו אַלע ייִדנפֿאַרניכטונגען אין די פּוילישע שטעטלעך. אין אָנהייב האָבן די שׂטנדיקע נאַציסטן זיך אויפֿגעפֿירט אַביסל מענטשלעך, שטיל, העפֿלעך, כּדי צו פֿאַרטושן די זעלבסטפֿאַרטיידיקונג־געפֿילן. ווען זיי האָבן אײַנ־געזען די גינסטיקע צײַט, זענען זיי חיהיש־ברוטאַל אָנגעפֿאַלן אויף די ייִדן, זיי אכזריותדיק געפּײַניקט, דערנידעריקט, אויסגערויבט, רוצחיש אומגעבראַכט מיט מיתות משונות.

„מגילת גריצע" איז הויפּטזאַכלעך געשריבן אין ייִדיש. אייניקע אָפּ־האַנדלונגען בלויז זענען אין עברית. דאָס בוך איז אַ בײַשטײַער פֿאַר געשיכטלעכער מאַרטיראָלאָגיע, קידוש השם פֿון ייִדישן פֿאָלק און פֿאַר פֿאָלקלאָר־פֿאָרשונג. נישט בלויז די גריצער לאַנדסלײַט אין דער גאָרער וועלט וועלן בענטשן דעם רעדאַקטאָר י. ב. אַלטערמאַן, וואָס האָט נישט געקאַרגט קיין באַמיונגען צוזאַמעצוקלייבן זכרונות־איינצלהײַטן בכּדי אַרויס־צוגעבן אַ קוואַנטיטאַטיוו און היסטאָריש־קוואַליטאַטיוו בוך. אויך איז וויכ־טשׂנסווערט צו דערמאָנען דעם דינאַמישן געזעלשאַפֿטלעכן טוער ש. מ. קעטלער, וואָס האָט מאַטעריעל און גײַסטיק מיטגעווירקט דאָס בוך זאָל דערשײַנען.

שלמה רויטמאַן

י. ב. אַלטערמאַנס פּראָזע

י. ב. אַלטערמאַן איז אַן עכט־טאַלאַנטירטער און אײנהאַלטפֿולער קינסטלער, וואָס טײלט זיך אויס מיט זײַן אחריותדיקער באַציִונג סײַ צום לעבן סײַ צו קונסט — זײַן שעפֿערישע אָפּשפּיגלונג, — בײדע נעמט ער אויף ערנסט, און דערפֿאַר פֿאַראײביקט ער אין זײַן פּראָזע אַ לײַדנשאַפֿטלעכע באַציִונג צו קינסטלערישער אמתדיקײט, צו טרײַער און אָביעקטיווער שילדערונג פֿון מענטש און סביבה מיט דעם פּרינציפּ פֿון זײַן נישט גלאַט קינסטלער, נאָר טאַקע אויך לערער; ער לערנט, אָבער נישט מיט קײן נאַקעטער טענדענציעזקײט, נאָר מיט עכטקײט, פּשטות, קלאָרקײט און עמאָציאָנעל־בילדערישער אָנגעלאָדנקײט פֿון זײַן אַרט דערצײלן און שילדערן. ער שילדערט פּלאַסטיש און דערצײלט טעמפּעראַמענטפֿול־פֿאַרכאַפּנדיק. אַלטערמאַן קען נישט שטײן בײַ דער זײַט פֿון הײַנטצײַטיקן לעבן, ער געפֿינט זיך אין ברענפּונקט פֿון געזעלשאַפֿטלעכע דערשײַנונגען, — פֿון צײַט־געשעענישן, פֿון מענטשלעכע, סאָציאַלע, פּסיכאָלאָגישע, שטײגערישע קאָנפֿליקטן און קאַמפֿן. זײַנע דערצײלונגען, פֿאַרצײכענונגען, נאָוועלן, וואַקסן אָפֿט איבער, אין ברײטערע לײַוונטן („פֿאַרשטערטע סדר־נאַכט", „אײניקלעך", „קינאה" א"אַנד) אין וועלכע ער גיט אונדז בולט אינדיווידואַליזירטע טיפּן, געשטאַלטן, כאַראַקטערן, גאַנצע סאָציאַלע גרופּעס, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער הײַנטצײַטיקער ישׂראלדיקערווירקלעכקײט. ער לאָזט אונדז הערן אין געצוימטע קריטישע טענער וועגן יענע העכערע, ספּעקולאַטיווע קרײַזן, וואָס לענען זיך אָן אין זײער זשעדנעם גײַעג נאָך באַרײַכערונג אויף אַזוי פֿיל, אַז זײ פֿאַרלירן זײער ייִדיש און מענטשלעך פּנים, טעמפּן אָפּ אין זיך דעם בירגער־געפֿיל ביזן בלײַבן גלײַכגילטיק צום גורל פֿון לאַנד. ער ווײַזט ווי זײער לוקסוס־לעבן ליידיקט זײ אויס פֿון יעדער גײַסטיקײט און פֿירט זײ צו פֿולקומער דעמאָראַליזירונג, צעלאָזנקײט, צעלײגונג און צעפֿוילונג. אמת, אַלס עכטער קינסטלער זעט ער אויך אין אָט די רײַכערע קרײַזן ערלעכע און לײַדנדיקע נשמות, וואָס

ווערן דער טראַגישער קרבן פֿון אָט דער דעמאָראַליזאַציע. דערפֿאַר זענען אויך אַזוי אמתדיק זײַנע פֿאָלקסטימלעך געמאָלטע געשטאַלטן, וואָס ער געפֿינט אין דער סביבה פֿון האַרעפּאַשניקעס, וועלכע שטעלן צונויף אין זײַן שאַפֿונג דעם סאָציאַלן און מאָראַלישן קאָנטראַסט צו די אייגנ־טימערישע שיכטן. סײַ מיט זייער מסירת־נפֿשדיקן דינען ישׂראל ביזן אָפּגעבן זייערע קינדער פֿאַר אַ קרבן פֿאַרן לאַנד, סײַ מיט זייערע העכערע גײַסטיקע אינטערעסן, סײַ מיט זייער ערלעכער און שווערער מי, סײַ מיט זייער פּאַטריאַרכאַליש־ייִדישן אַרט, שטייגער און משפּחה־לעבן.

פֿאַר אַלטערמאַנען איז כאַראַקטעריסטיש אַ ביז גאָר אייגנאַרטיקער שפּראַך־סטיל. פֿון איין זײַט, קומט בײַ אים אַ שפֿע פֿאַרביקע עפּיטעטן צום געמאָלטן אָביעקט, וואָס שאַפֿן מיט זיך דעם ברייטלעכן עפּישן גאַנג אין שילדערן דאָס לעבן אין זײַן פֿילאַרטיקייט און פֿילראַנגדיקייט, און פֿון דער צווייטער זײַט ווערט דער סוביעקט פֿון דער טוּאונג בײַ אים טיילווײַז אָפּגערוקט אין הינטערגרונט דורך אַן ענערגישן אָנזאַמל פֿון קורצע שלאָג־געוודיקע ווערבאַלע זאַצן, וואָס גיבן מיט זיך איבער דאָס לעבן אין זײַן דראַמאַטישער דינאַמיק און אַקציע. פֿאַר אַלטערמאַנען איז אייגנטימלעך אַ בולט־אויסגעדריקטע נטיה צו פּסיכאָלאָגיזירנדיקן רעאַליזם מיט אַ שטאַרקער עמאָציאָנעלער אַנלאָדונג. זײַן פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז, וואָס טראָגט אויף זיך די פֿונקציע פֿון עפֿענען ווידערשפּרוכן, אינעווייניקסטע נשמהדיקע צוזאַמענשטויסן און קריזיסן, טיילט זיך אויס מיט זײַן אַרײַנ־דרינגענדיקן און בויערנדיקן כּוח. אַלטערמאַן בלײַבט שטענדיק געטרײַ זײַנע פֿעסטע, אויסגעוווייטיקטע עסטעטישע אָנשויונגען („נביא” משה פֿון חדרה). ער איז פֿאָלקיש הומאַניסטיש, ער איז טיף פּאַטריאָטיש און וואַרפֿט אָפּ יעדער מין מאָדערניסטישע פֿאַרנעפּלטקייט, אָנגעטראַכטקייט, ער האָט פֿײַנט מאָדע־צופּאַסלערײַ, ביליקע פּאָפּולאַריטעט. ער וואָלט געקענט זאָגן אינאיינעם מיט וויליאַם מעיקפּיס טעקערייען — „איך האָב ליב אַז אַ פּאָר שיך זענען אַ פּאָר שיך און אַ סיורטוק איז אַ „סיורטוק”. ס׳הייסט, דאָס לעבן דאַרף אַליין רעדן ווען זיך קלאָרע דיבורים אין קונסט אויסער אײַנגעגעסענער דידאַקטיק און אויסער פֿאָרמאַליסטיש אויסגעליידיקטע באַפּוצונגען און טריוקן, און אַזוי רעדט דאָס לעבן פֿון ריינעם האַרצן אין דער ערלעכער און פֿולבלוטיקער קינסטלערישער שילדערונג פֿון ישׂראל־בער אַלטערמאַנען.

מרדכי שטיינבערג

די לעצטע היים

נאָך זײַנע „הײַמלאָזע" ד. פּ. ייִדן אין דײַטשלאַנד", „ליקוי־חמה" (העברעאיִש) און „בלאָנדזשערס", האָט י. ב. אַלטערמאַן זיך פֿאַרמאָסטן מיט אַ בוך וואָס טראָגט דעם אינהאַלטספֿולן און פֿיל־באַדײַטנדיקן נאָמען „די לעצטע היים". אויף די 287 זײַטן האָט דער מחבר אָנגעצייכנט סקיצן און בילדער פֿונעם יאָרהונדערט וואָס קען בפֿירוש אָנגערופֿן ווערן „דער יאָרהונדערט פֿון אייראָפּעאיִשן ייִדנטום", ווײַל אין דער דאָזיקער מערק־ווירדיק פֿאַררעטערישער צײַט האָט אונדזער פֿאָלק פֿאַרמאָגט עטלעכע „לעצטע היימען", וואָס האָבן צוגעזאָגט און אַנטוישט ביז די „אין ברירה" האָט פֿאַרוואָרפֿן די נעץ אויף דער אַלטער ייִדישער היים.

די טראַגעדיע פֿונעם פּוילישן ייִדנטום איז געווען ענג געבונדן מיט דער טראַגישער קורצזיכטיקייט פֿון די פּאָליטיקער פֿון מדינת־פּוילן, וואָס האָט גלײַך בײַם באַנײַען זיך, פֿאַרמאָגט אַלע אַטריבוטן פֿאַרן שפּעטערדיקן אומרו.

נאָך דרײַ באַרימטע היסטאָרישע פֿונאַנדערטיילונגען איז די יונגע פּילסודסקי־מלוכה אויפֿגעשטאַנען אויף ניִשט קיין אייגהײַטלעכן מענטשן־מאַסיװ, ווען אויף די 22 מיליאָן פּאָליאַקן זענען געווען 6 מיליאָן אוקראַיִ־נער, 3.5 מיליאָן ייִדן און טשעכן, דײַטשן, ווײַסרוסן און ציגײַנער. אָבער אָנשטאָט אָפּצוהיטן די קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט פֿון אַלע בירגער — האָט זיך די פּוילישע מאַכט פֿאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש. כּדי צו פּאָלאָניזירן די מזרח־געביטן האָט די מאַכט מיט כּוח באַזעצט די פּוילישע „אָסאַדני־קעס" און צעשטערט די אוקראַיִנישע דערפֿער. עפּעס ענלעכס צו דעם האָבן זיי געהאַט בדעה צו טאָן מיט די ייִדן, כאָטש די טויזנט־יעריקע געשיכטע פֿון די ייִדן אין פּוילן האָט זיי צעשפּרייט אין אַלע שטעט און שטעטלעך, וווּ בלויז אַ קליינער טייל האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט האַנדל צווישן דער גרויסער מאַסע האַנטווערקער, אָנגעשטעלטע און אַרבעטער. די טאָג־טעגלעכע אַנטיסעמיטישע העצע האָט במשך פֿון די צוואָנציק

„שטילע" יאָרן צוגעגרייט דעם גוטן באָדן פֿאַר דער היטלעריסטישער אינוואַזיע.

אינעם בוך שילדערט י. ב. אַלטערמאַן דאָס לעבן פֿון די פּוילישע ייִדן ערב דער צווייטער וועלט־שחיטה, און הגם דער מחבר שילדערט בלויז אַ שטעטל (גריצע), אָדער וואַרשע, — פֿילט מען אָפּ, אין היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, די שטימונגען און די גײַסטיקע טרויעריקע איבערלעבונגען פֿון אַ דור, וואָס איז געווען פֿאַרמשפּט צום גרויזאַמען סוף. דער מחבר קוקט אויפֿן שטעטל דורך די אויגן פֿון זײַנע העלדן ישׂראל זקון, דוביק, דב אַלטער (וואָס זענען אין גרונד דער מחבר אַליין) און זעט: „כאַטקע־לעך, פֿאַרבויגענע, ווי זיי וואָלטן געאָנט, אימהדיק אָפּגעוואָרט די אָנקומענ־דיקע גרוילעכע שטורעם־נאַכט וואָס האָט געשפּענסטיש געגנטערט צום פֿאַרמשפּטן ייִדישן שטעטל אין פּוילן־לאַנד (זײַט 61). דאָס בוך איז אײַנ־געטיילט אין דרײַ באַזונדערע דערציילונגען: „אַש און פּאָרעך", „אויפֿן הימל אַ יאַריד" (אַ חלום) און „די לעצטע היים", אָבער מען דאַרף זיי אַלע באַנעמען ווי איין גאַנצקייט. און ווײַל די ערשטע צוויי דערציילונגען זענען געשריבן טאָג־בוך־מעסיק אין דער ערשטער פּערזאָן, האָט דער מחבר אַ גוטע געלעגנהייט צו פֿירן אַ שטילן שמועס מיטן לייענער. און י. ב. אַלטערמאַן פֿאַרמאָגט דאָך אַ זייער שאַרף אויג, וואָס אָבסערווירט אַלץ און אַלעמען און דרינגט אַרײַן אין דער טיפֿעניש. זײַן שפּראַך איז רײַך אין מעטאַפֿאָרן, קאָלירפֿול און אָריגינעל, און ער יאָגט זיך נישט, ער האָט צײַט צו שילדערן געצוי יעדע קלייניקייט, און זײַנע לאַנגע שורות־קייטן פֿאַרכאַפּן דעם אָטעם.

אָט ווי י. ב. אַלטערמאַן צייכנט־אָן אַ מאַי־באַגינען איבער קרומלעכע ווי צונויפֿגעטוליעטע כאַטקעס אין ייִדישע געסלעך פֿון אַ שטעטל: „וואָס מער דער פֿרימאָרגן האָט זיך צעליכטיקט, אַלץ פֿילדערנדיקער איז געוואָרן — פֿון רוב צעעפֿנטע קרומלעך־הענגענדיקע, אָפּגעבליאַקעוועטע הילצער־נע לעדנלעך, האָט זיך פֿון פֿענצטערלעך געהערט אַ בראַזגערײַ פֿון בלע־כערס, שוסטערס, אַ גרילצערײַ פֿון האַנט־זעגן, אַ סקריפּערײַ פֿון הובלעס און ריטשענדיקע עלעקטרישע שנײַד־און הובל־מאַשינדלעך. דאָס אַלץ איז באַגלייט געוואָרן מיט מעלאָדישע, ייִדישע געזאַנגען פֿון באַגינען אויפֿגע־שטאַנענע האָרעפּאַשניקעס...".

אין אַנדערע שטיבער ווידער „האָבן אויפֿגעוואַכט קרעמער, זייערע

מידע וויַבער און עלטערע קינדער האָבן אָנגעהויבן זייערע מיפּולע קיום־גערעַנגלעניש...".

די צווייטע דערציילונג „אויפֿן הימל אַ יאַריד" באַרירט פּאָליטישע געשעענישן אין דער וועלט וואָס האָבן אַ גרויסן שייַכות צום ייִדישן פֿאָלק. אַלץ קומט פֿאָר אין אַ חלום וואָס דוביק זקון זעט, און אַזוי ווי די מענטש־לעכע פֿאַנטאַזיע איז מסוגל צו זען אויך אויסטערלישע זאַכן — זעט טאַקע דוביק זקון אַ וועלט וואָס הייסט „אמן", אין וועלכער עס הערשט בלויז ליכט, צדק, גייַסטיקע שיינקייט און די וועזנס אין דער „דאָזיקער „אמן־וועלט" זענען שוועבנדיקע געשטאַלטן, גאָרנישט ענלעך צו די ערדישע מענטשן. אין „אמן־וועלט" גרייט מען זיך איצט צו אַ זייער גרויס געשעע־ניש. די גאַנצע פמליה פֿונעם אייבערשטן געמט זיך צוזאַמען כדי בייַצווויַן אַ פראָצעס. פֿאַרן שופֿט־עליון גייען אַדורך פֿאַרשידענע באַקאַנטע פּערזענ־לעכקייטן: רוזוועלט, לענין, יאָסל דער געקרייציקטער, זיַין מוטער מאַרי, יצחק לייבוש פרץ, איציק מאַנגער, שלום אַש, טאָלסטאָי, אלפּסי און אנד. דער משפּט פֿירט זיך לויט אַלע ערדישע געזעצן. מען זוכט צו משפּטן דעם שולדיקן אין אומברענגען אַ דריטל פֿון פֿאָלק ישׂראל.

די דערציילונג פֿאַרמאָגט אַ סך שייַנע בליציקע אייַנפֿאַלן, וואָס האַלטן אין שפּאַנונג ביזן לעצטן זייַטל. באַזונדערס לעבעדיק צייכנט זיך די קאָנ־פֿראָנטאַציע מיט שלום אַש, ווען מען וואַרפֿט פֿאָר די קריסטלעכע ביכער.

די דריטע דערציילונג „די לעצטע היים" שילדערט די פּאַסיווע און מערקווירדיק גלייַכגילטיקע באַציאונג פֿון דעם רוב פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג צו די היטלער־דראָונגען און צו דער געשאַפֿענער לאַגע. אויב מיט 20 יאָר צוריק האָבן די פּאָליאַקן משלים געווען, באין ברירה, מיט דער ייִדישער אַנוועזנהייט — האָבן זיי אָבער איצט שוין געפֿירט אַן אָפֿענע אַנטיסעמיטישע העצע, כדי ייִדן זאָלן עמיגרירן און די פּאָליאַקן זאָלן קענען פֿאַרנעמען דעם ייִדישן האַנדל און מלאכה. דיסקרימינאַציע אין טאָג־טעגלעכן לעבן, נומערוס־קלאַוזוס אין אוניווערסיטעט, שטייַערנ־דרוק — שלאָגן ייִדן איבער דער קעשענע — „אָוושעם" — איז איצט געווען די אָפֿיציעלע לאָזונג פֿון דער מאַכט. די טאָכטער פֿון דעם גוט־סיטואירטן שמעיה בוכהאַלטער, איז אַ שיין געראָטענע פֿריילן, וואָס געניסט פֿונעם וווילשטאַנד פֿון איר בכבודיקן פֿאָטער. זי פֿאַרמאָגט אַלץ כדי געפֿעלן צו ווערן די פֿאַרשיידענע יונגעלייַט, וואָס דרייען זיך אַרום איר. „רחל האָט

געהאַט ראַזולעכצע, גלאַנציקע ווי געשליפֿענע בעקעלעך, אַ גלײַך, עטוואָס פֿאַרריסן נעזל, פֿינקלדיקע לעבנס־גאַרנדיקע, פֿאַרחלומטע בלויע אויגן, צוויי בלאָנדע צעפּ, געשלענגלט־צאַפּלדיקע איבער אירע חשקפֿולע, העזה־דיק־געבולטע בריסטלעך, ווי נאָר וואָס געבאַקענע צוקער־בולקעלעך...״

רחל פֿײַנשטיין פֿלעגט כּמעט יעדן טאָג אַרויסגיין אַן אויסגעפּוצטע, אַ באַשמעקטע, געגאַנגען אויף ראַנדקעס מיט פֿאַצעטעלעך אין טעאַטערס, קינאָס, טאַנץ־זאַלן. אָבער דאָס וואַרפֿן זיך מיט אירע באַגלייטערס האָט גורם געווען אַז רחל איז געבליבן אַ פֿאַרלאָזטע פֿון אירע פֿאַרערער. זי הייבט אָן צו ציילן קליינע קנייטשעלעך אויף איר פּנים און דער גורל פֿירט זי צוזאַמען מיט אַ קליינוווקסיקן בחור, זעליק, אַ דאַמען־שנײַדער, וואָס איז טאַקע אַ גוטער פֿאַרדינער, אָבער נישט קיין פּאַסיקער יחוס־פּאַרטנער פֿאַר דער פֿאַמיליע.

די שפּעטערדיקע געשעענישן זענען שוין גוט באַקאַנט — דאָס זענען די וועגן פֿון רעשטלעך פֿון דער שארית הפּליטה. פּויליש־דײַטשישע מלחמה. היטלעריסטישע אינוואַזיע. רוסישע פּאַסיאַלקעס. צוריקקער קיין פּוילן און ענדלעך ארץ ישׂראל — די לעצטע היים. אָבער דער מחבר האָט זיך נישט געלאָזט מיטן וועג פֿונעם קלענסטן ווידערשטאַנד און נישט פֿאַרענדיקט דעם ראָמאַן מיט אַ „העפּי־ענד״. זעט אויס, אַז אים איז געגאַנגען נישט נאָר אין דעם אַלגעמיינעם ייִדישן גורל וואָס האָט קאָנ־סעקווענט געפֿירט זײַנע העלדן אין דער ייִדישער מדינה, נאָר דווקא אינעם פּערזענלעכן אינדיווידועלן גורל פֿונעם מענטשן וואָס קאָן מיט אייגענעם ווילן און אָנשטרענג משפּיע זײַן אויף זײַן פֿאַרמירונג און באַצאָלט אָבער זייער שווער פֿאַר אַ שלעכטן שריט. י. ב. אַלטערמאַן האָט גוט געקענט זײַנע העלדן און געשילדערט געטרײַ די סיבות פֿון זייער טראַגישן סוף. רחל און זעליק זענען געווען נישט קיין פּאַסיק פּאָר און בלויז אונטערן דרוק פֿון די עלטערן האָט רחל געגעבן איר הסכּמה. נאָר אויב די שווערע לעבנס־פֿאַרהעלטנישן האָבן זיי פֿאַראייניקט איז דער דאָזיקער בונד לויז געוואָרן בײַ דער ערשטער געלעגנהייט, ווען רחל האָט באַגעגנט איר אַמאָליקן שול־חבר. זי האָט אַפֿילו נישט לאַנג געבוירן דאָס פֿערטע קינד, אָבער דאָס שטערט נישט רחלען צו טאָן דאָס, וואָס זי וויל. זעליק אַרבעט שווער, לײַדט און קרענקט־צו ביז ער שטאַרבט. די טראַגעדיע איז שוין לאַנג געשטאַנען אין דער טיר און געוואַרט אויף דער פּאַסיקער רגע, נאָר ערשט

איצט דערפֿילט רחל איר שולד. זי לײַדט פֿון געוויסנביסן. שכנים באַשול־דיקן זי אין טויט פֿון איר מאַן און אויך די קינדער האָבן זי אין דעם פֿאַרדעכטיקט.

רחל ווערט אָפּט באַאומרויִקט דורך איר אַראַבישן איידעם, וועלכער פֿאָדערט פֿון איר געלט, גאָלד און די דירה. לסוף ווערט זי איבערגעפֿאָרן אויף טויט, טאַקע דורך איר איידעם און באַרויבט פֿון איר געלט און צירונג.

י. ב. אַלטערמאַן האָט אין „די לעצטע היים" אָנגעצייכנט אַן עכט־רעאַליסטיש קונסט־בילד, וואָס קריצט זיך אײַן אין אונדזער געדעכעניש אויף גאַנץ לאַנג.

מיין וואָרט אויף אַן אָוונט:

מאָנטיק, דעם 8טן יאַנואַר 1990, איז בית לייוויק, געווידמעט מײַן בוך: „פֿון חורבות צו שלווה":

זייער חשובער שרײַבער, פּסיכאָלאָג, קולטור־טוער, לינגוויסט, פּראָ־פֿעסאָר פּינחס ערליך.

כ'דאַנק אײַך פֿאַר אײַער פּאָזיטיוו אָפּשאַצן מײַנע אינטערפּרעטיווע באַמערקונגען צו אייניקע ביכער פֿון פּאָעטן, דערציילערט און קריטי־קערס. דעם פֿרײַנד „בלוי־האָריזאָנטיקן" נאָוועליסט, „שפּיגלדיקן" עסעיִסט מרדכי שטיינבערג אַ גרויסן יישר־כּוח פֿאַר זײַנע האַרציקע אָפּשאַצונגען פֿון מײַנע פּראָזאַיִשע מעשׂיות. און: הויפּטזאַכלעך אַ ליבלעכן דאַנק אײַך: דיכטערס, פּראָזאַיִקערס, קריטיקערס און קולטור־טוערס פֿאַרן באַטייליקן זיך אין דעם אָוונט, געווידמעט מײַן בוך: „פֿון רויִנען צו שלווה".

שטייענדיק פֿאַר אײַך זיצנדיקע אין ביידע זאַלזײַטן, זע איך פֿאַר זיך, ווי אַ צעעפֿנט בוך, בעסער געזאָגט: כ'זע ביכער, ביכער, ביכער. ביכער פֿון דער טאַלאַנטפֿולער פּאָעטין אַסיה לבית קוריצקי. אין מײַן געמיט לײַכטן אירע שיר השירימדיקע, סימבאָלישע, עקזאַלטירטע לידער, פֿאַרפֿאַסטע פֿון זכרונדיקע ווערטער, וואָס זיווגן זיך מיט בתולה־תּשוקה־דיקע ווערטער, באַפֿרוכפּערטע מיט וויזיע און זינען־זוימען, וואָס געבערן עמאָציאָנעלע זמירות־פֿערזן.

כ'זע די גאָט־געבענטשטע פּאָעטין דאָרע טייטלבוים. אויף אירע דיכ־טערישע האַרצפֿליגלען מיט איר כ'שוועב אין „ערב באַגינען" אַרײַן אין די „טויערן פֿון מעת־לעתן". בײַ די שערי־תּפֿילה מיט איר איך־קינה פֿון איר מאַמעס דערוואָרגענעם יאָמער" נאָכן טאַטנס „פֿאַרשרפֿעט געביין". מיט דער דיכטערין שוועב איך איבער צפֿתער בערג, העכער „צו די ספֿערן". באַהעפֿט זיך מיט דער מחנה לכה־דודי־זינגענדיקע מקובלים. שטײַג „העכער פֿון די געהיימע פֿאַרזיגלטע הייכן". דערגרייך אַזש ביז אין „קעניגרייך פֿון ווינטן" כ'הער ווי די ווינטן־נשמות / מיט אויגן־קינדער / ברומען מיט קולות צעצאָרנטע / פֿון ניגונים געשאָכטענע „און מ'דערהערט אתחלתא־דגאולה זמרהדיקע פֿליסטערײַען".

און אָט בײַם עץ־הדעת באַגעגן איך דעם תּנו־רבננדיקן, טראַנס־

צענדענטאַלן און אינטעלעקטועלן הירש אָשעראָוויטש, דעם באַגנעדיקטן מיט וויזיאָנערישן כּוח, לעבנס־חכמה. זײַנע לידער זענען פּאָעטיש־יסודות־דיק און טיפֿזיניק. זײַנע האַרציקע און מוח־אויסגעגליטע פֿערזן, שאַפֿט ער בײַם עץ־הדעת און בעתן גרייכן צום טרוים — פֿון יענער זײַט צוים. ער איז פּאָעטיש־געמדרגהעט: „אַ וואָר געקניפּט מיט סוד". און ווידער הער איך יונה בערקמאַנס פּאָעטישע תּפֿילות, „ווייפֿריידיק געהמשכט". זײַנע לידער זענען דבקותדיק, פּסוקי דזמרהדיק. זיי „ליאַרמען אין די אָדערן מיט שאַרפֿן ווײַן".

און יאָסל לערנערס שפּיל־שפּאַסיקע, חכמותפֿולע לידער זענען ריט־מיש־שפּילעוודיק. ווערטער „וואָס לאַכן און וואָס וויינען. ווערטער, וואָס זאָגן נישט אויס וואָס זיי מיינען".

און אָט זיץ איך אויף „זוניקע שוועלן" מיטן בעל־חזון יעקב צבי שאַרגעל. זײַנע לידער ווירקן עליה־נשמהדיק. זײַנע לידער זינגט ער אויס בלויז אין השתפּכות־הנפֿש־רגעס, בעתן ווערן „באַשײַנט פֿון דעם ליכט פֿון אַ נײַער התגלות".

און אָט ביכער מיט לידער, דערציילונגען, ראָמאַנען, עסייען פֿון דעם שרײַבער פֿון גורלות שלמה וואָרזאָגער. ער שאַפֿט פּסיכאָלאָגיש און קלאָר־זיניק, שפּראַכלעך־אייגנדיק און פֿאָלקסטימלעך. זײַנע אימאַזשלידער, דיכ־טעריש־מאָלערישע פּאַבולעס און חקירהדיקע ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען שאַפֿט ער מיט אַ גלײַענדיקער פֿעדער, געטונקען אין זידנדיקן טינט. שאַפֿט בלויז אין וויזיאָנערישע רגעס, בעתן ווערן באַווירקט פֿון אַ געשעע־ניש. ער ווערט שיכּור פֿון חלומות.

און אָט דעם גאָט־געבענטשטן פּראָזאַיקער, פּובליציסט־עסעיסט מרדכי צאַנין האָב איך באַגעגנט געבן דער קרייצונג תל־אביב—אשקלון, בײַ די זיך טווישנדיקע סימבאָלישע „סיגנאַל־ליכטער": רויט־יידישער בלוטי־קער פֿאַרגיין, צײַטווײַליקע פֿאַרוועלקונג און גרין־פֿרישע בליִונג. מיט אים, מיט זײַן העלד דעם היסטאָריקער אָרטאָפּאַנוס, כ'פֿאָר מיט איבער תּקופֿות פֿון יידישן פֿאָלק. לעב איבער די מלכות־צײַטן אין יהודהלאַנד, אין ירושלים. לײַדנדיקע גלות־צײַטן פֿון גאַליע ביז אשכּנז. די גרויזאַמע היטלער־יאָרן. זײַן שאַפֿן איז אָנגעפּראָפּט מיט יידיש קיִומדיקע און אַלגע־מיין־מענטשלעכע פּראָבלעמען. ער שרײַבט שפּאַנענדיק נאַראַטיוו, רעאַ־ליסטיש. זײַנע ראָמאַנען זענען אייביקע־בלײַבנדיקע שאַפֿונגען.

און אַט קוויק איך זיך הנאָהדיק מיטן ליטעראַטור־קריטיקערס אליעזר פּאָדריאַטשיקס באַלערנדיקע עסייען. אליבא דעם מחברס שפּירונג דעם אַלגעמיין ייִדיש־אַטאַוויסטישן גייַסט, „וואָס גיט זיך איבער דורך פּאָר־הוילענע קאַנאַלן מדור לדור״. זייַנע באַלערנדיקע ליטעראַריש־קריטישע שמועסן דערמאָנען תורות, שאַרפֿזיניקע לומדישע שמועסן. זייַנע עסייען זענען באַלויכטן מיטן טראַדיציאָנעלן „אורים ותומים״.

אברהם ליס׳ עסייען זענען אַ מיניאַטור־אַרטיקע ליטעראַטור־שולע. ער האָט פֿון ייִדישן ליטעראַטור־אוצר אויסגעקליבן טיילן פֿון כל הנשמה־דיקע, חריפֿותדיקע, טאַלאַנט־גערעאַטנסטע יצירות. און זיי, אהבת־נפֿשדיק, אהבת־ישׂראלדיק אַרייַנגעטייַטשט, און קריטיש־אינטעלעקטועל אויסגע־טייַטשט.

און אחרון אחרון חביב: מייַן פֿרייַנד דער נאָוועליסט, קריטיקער מרדכי שטיינבערג. זייַנע פּסיכאָלאָגיש־אַנאַליטישע אָפּהאַנדלונגען פֿון די ביכער פֿון ייִדישע און העברעיִשע שרייַבערס, דענקערס, פּאַסיק געטיטלט: „שפּיגלען״. פּאַקטיש זענען ביכער שפּיגלען, אין וועלכע לייענערס זעען זיך. ווי מענטשן קאָנטראָלירן זייער אויסערלעכן אויסזען בעתן קוקן אין שפּיגלען, דאַרפֿן אויך לייענערס אין שפּיגלדיקע ביכער, וואָס שילדערן פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע מענטשלעכע האַנדלונגען, זיך קאָנטראָלירן און אויסבעסערן. אָפּגרענעצן פֿון חיהש שלעכטע. באַמיִען זיך צו ווירקן עטיש, מידות־טובותדיק. מ. שטיינבערג איז אַן עזאָטערישער שרייַבער. ער קלערט אָבער נישט אויף דאָס מיסטישע אינעם לעבן: „במילא״, שרייַבט ער קען דער מענטש נישט אַלץ באַגרייַפֿן. דער סוד, וואָס רינגלט אַרום די בריאה פֿונעם ערשטן באַשאַף, וועט אייביק בלייַבן פֿאַרהוילן״.

בעט איך אייַך, אינטעלעקטועלע צוהערערס, קען מען אַזעלכע ביכער נישט ליב האָבן? די טענות פֿון אַ טייל לייענערס אַז איך שרייַב סופּער־לאַטיוו, זענען נישט באַרעכטיקט. איך שרייַב ווי אַ פּאַרליבטער און די פּאַרליבטע שפּראַך איז דאָך אַן אַנדערע ווי די טאָגטעגלעכע, סטאַנדאַרטע.

געשעענישן און רייד

אַ פֿראָלאָג פֿון מחבר

„אָו חברותא או מיתותא"

האַרבסטיקער מאָנטיק פֿאַרנאַכט, 13טער נאָוועמבער 1989.

דער טרוימגעאייגנטער י. זקון איז אומרויִק. היין און צוריק שפּאַנט ער אין זײַן שרײַבצימערל. אַ ווײַלע שטעלט ער זיך אָפּ. קלערט צו טוישן אַ נאָמען פֿון אַ דענקענדיקן פּאַרשוין אין זײַן דערציילונג: „צווישן". האָט עטלעכע אײַנפֿאַלן. קען נישט דעצידירן. גייט צו צום האַלב־אָפֿענעם פֿענצטערל. חידושדיק אָבסערווירט, גלײַך ס'ערשטע מאָל, דעם בערגלדיקן געלזאַמדיקן ים־ברעג אין גבעת־אולגה. באַוווּנדערט די רויטע, כּעסיק־צעפֿלאַמטע זון, פּאַמעלעך אונטערגייענדיקע, זינקענדיקע, פֿאַרשווינדנדיקע אין מערבדיקן ים־תּהום. מאָדנע קוקט ער אויפֿן זיך טונקלענדיקן האָרי־זאָנט. התפּעלותדיק בליקט ער אויף דער רויִקער, פּאַמעלעך־טוישנדיקער טאָג און נאַכטצײַט. שטוינט אויפֿן צעברויזטן, צעפֿאַליעטן, צעשוימטן ים, וואָס שטורעמט אומאויפֿהערבאַר דעם אייביק „סטאַטישן" ערדברעג. טראַץ דעם ימס אָנגרײַפֿערישע, פֿאַליענדיקע כּוחות, געלינגט אים בלויז רגעדיק פֿאַרוואַסערן עטלעכע ערדישע מעטערס. לויט זײַן מיפֿולן, ווידער און ווידער אַטאַקירן, זעט אויס ער וויל אויף ס'נײַ מיטווירקנדיק מבולדיק פֿאַרשווענקען ס'ערדישע לעבן. אָבער מער דעגרייכן ווי אַ שמאָלן ברעגפּאַס איז ער קראַפֿטלאָז. רעזיגנירט. שווימט צוריק. פּרוּווט און פּרוּווט מיט נײַע פֿאַליעס אָנגרײַפֿן. אָבער אַנטוישט ציט ער זיך צוריק.

י. זקון דמיונט. איז טרויעריק און רגעדיק באַגײַסטערט פֿון דער וווּנדערפֿולער, מיסטעריעזער וועלטשאַפֿונג. — פֿון די פֿונאַנדערגעטיילטע, צווישן זיך קעגנערישע כּוחות: ליכטיקע טעג — פֿינצטערע נעכט. בערג־טאָלן. ערד, טײַכן, ימען. פֿײַער, וואַסער. זוניקע היצן, ווינטיקע, רעגנדיקע קילונג, קעלטן. קעגנזײַטיקע, פֿאַרצוקנדיקע חיות, אומאויפֿהער־לעכע מענטשלעכע ראַנגלענישן, שטרײַטן, בלוטיקע מלחמות. יעדער וועלט־טייל אין קאָסמאָס, לעבעדיקע ברואים זענען געצוווּנגען צו קענען פֿאַר־ניכטן דעם קעגנערישן, אים באַדראָענדיקן אָביעקט. דאָך מוז יעדער חומר,

קערפּער בלויז אויספּירן זײַנע פּאָטענציאַנעל־באַגרענעצטע אייגנשאַפֿטן אין זייערע בראשית געשאַפֿענע ראַמען. אַלע „טויטע" וועלטטיילן מוזן פֿרידנדיק עקסיסטירן צוזאַמען.

— אַזוי טראַכטנדיק מסקנהעט ער: אויך די נאַטירלעך־דואַליסטישע, נפֿש־חיהדיקע אָדמס, געאייגנטע צו לעבן אין אינסופֿיקע ראַנגלענישן מיט מענטשלעך־שטערערישע, אָפּט אַגגרעסיווערישע כּוחות, זענען בעל־כּורחה־דיק פֿאַרפֿליכטעט צווישן זיך צו קיומען געשלומט. זיי לעבן טאַקע איבער פּעריאָדישע, פֿײַנטלעכע, מלחמה־אומקומענדיקע אַנגריפֿן, פֿאַרטיידיקונ־גען. אָבער די אין זיי תּקומה־געאייגנטע אינסטינקטן צווינגען זיי צו לאַנגדויערנדיק, פֿרידנדיק לעבן.

זעצט זיך נעבן ברוינפֿאַרנירט שרײַבטישל. גאַפּיעט אין אַנטקעגנדיקן שפּיגל. זאָרגעוודיק בליקט ער אויף זײַן פֿאַרמוטשעט, לײַדנדיק פּנים. פּלו־צים דערזעט ער דעם ברודערס, דב אַלטערס, געזיכט. גיסט אָן אַ גלעזל ברענדי. ביידע טרינקען. פֿאַרבײַסן מיט האַרצפֿאַרמיקע שטיקלעך קעז־קוכן, געפֿילטע מיט ראָזשינקעס, באַשיטע מיט מעלצוקער. אינמיטן קײַען דערמאָנען זיי זיך דעם דאָקטאָרס פֿאַרבאָט צו עסן זיסוואַרג. קווענק־לענדיק שלינגען זיי די צעביסענע שטיקלעך. די גרעסטע טיילן קוכן רוקן זיי אָפּ. באַקלאָגן זיך צוליבן גישט קענען באַהערשן די תּאוות. י. זקון גלאָצט אין שפּיגל. ביידע פּנימער פּינקטלעך אידענטישע. ער דרייט זיך אויס צום ברודער, הינטער דער פּלייצע, רעדט. צום וויפֿלסטן מאָל חזרט ער איבער, אַז זײַנע אינטימסטע, טרײַעסטע, איבערגעגעבנסטע פֿרײַנד זענען די לײדיקע פּאַפּיר־זײַטלעך. זיי רוקן זיך פֿאָלגנדיק אין שרײַב מאַשינדל. געהאָרכזאַם דערמעגלעכן אויף זיך דרוקן זײַנע אין געמיט־וועקנדיקע געפֿילן, געדאַנקען, גוטע, שלעכטע אײַנפֿאַלן, מענטשלעכע אַנטאַגאָניזמען, אויסגעדמיונטע מעשׂיות, אינטערפּרעטירנדיקע באַמערקונגען נאָכן לערנען קינסטלערישע ביכער. דעם ברודער צופֿרידנדיק ער זאָגט: די גאָר פֿרײַנט־לעכסטע, פֿאָלגעווידיקסטע פֿרײַנד זענען זײַנע עמאָציאָנעלע, מעדיטאַטיווע, מוזיקאַליש־ריטמיש־געזיווגטע, בראשית־שעפֿערישע ווערטער. בעתן שרײַבן פֿאַרגעסט ער אין די מיחושן. פֿילט זיך זעליש ווויל. ווו ער וויל שטעלט ער די געהאָרכזאַמע ווערטער. הין און צוריק, טוישט זייערע פּלעצער. מעקט זיי. פֿאַרן שיקן צו רעדאַקטאָרן קאָנטראָלירט ער ווידער און ווידער זייערע זיניקייטן, אָריגינעל־זאָגעוודיקייט. וועלכעס וואָרט אים דוכט זיך

ס׳איז איבעריק, נישט ברויכלעך, נישט אומבאַדינגט ניצלעך, לאָזן זיי זיך, אָן טענות באַזײַטיקן. אָבער — אויסער די אין אים אויסנאַמלעכע, זעלטנוועון וויזיאָנעריש־דערהערטע זאַצן, געבוירענע אין שעפֿעריש־געחסדטע רגעס. זיי, בלויז זיי, קען ער נישט טוישן, נישט איבערשטעלן.

זיך אויסגעדרייט. בליקט ער אין שפּיגל. איז צופֿרידן פֿון ברודערס אויפֿמערקזאַם אויסהערן. פֿון שפּיגל אָװעקגעקוקט. זעצט ער פֿאָר: אויף די אַזױפֿיל לײדיקע בלעטלעך שוין פֿאַרצייכנט הונדערטער אויספֿאַנטאַזיר־טע מעשׂיות, „רעפּאָרטאַזשן״, מפֿרש געוועזן לידער, פּראָזע־ביכער. האָט זוכה געווען כּמעט אַלע זאָלן ווערן פֿאַרעפֿנטלעכט אין טאָגצײַטונגען, פּעריאָ־דישע אויסגאַבן. רוב שאַפֿונגען זענען דערשינען אין ייִדישע, העברעיִש־איבערגעזעצטע ביכער. קיין פֿינאַנסיעלע פֿאַרדינסטן האָט ער נישט געהאַט, האָט נישט פֿון שרײַבערײַ. זײַן איינציקער האָנאָראַר איז פֿרײַנדס קאָרג־פּאָזיטיוו אָפּשאַצן זײַן מי. דאָס מוטיקט אים. רייצט המשכדיק שרײַבן. ער דערמאָנט זיך שלמה המלכס חכמהפֿולע, אייביקווערטיקע ווערטער: „לא לחכמים לחם, לא לגבונים עושר. לא ליודעים חן. כי עת (רעה) ופּגע יקרה את כולם״ (קהלת ט, יא). מ׳טאָר זיך נישט גרויסן, קלאָגן. האָט צו קיינעם נישט קיין שום טענות. קיינער באַשטעלט נישט, באַפֿעלט אים נישט ער זאָל שרײַבן. פֿאַרלאַנגט ער טאַקע פֿון קיינעם גאָרנישט. איז אַ „שמח בחלקו״. באַגנוגנט זיך מיט עטלעכע פֿאַרענדיקטע באַמערקונגען, אַז זײַן שרײַבן איז אָריגינעל, זאָרגעוודיק, זאַכלעך. רעדט זיך נישט אײַן ר׳איז אַן „עוקר הרים״. טאָגטעגלעך איז ער מתפּלל צו זײַן פֿיזיש, סענסיטיוו, גײַסטיק געכּוחותט, מסוגלדיק ממשיכן שאַפֿן האַרמאָניש־גע־זיווגטע ווערטער. זיי געפּילפּול, לאָגיש־בינדנדיק צוזאַמענפֿלעכטן אין זאַצן, ס׳זאָלן ווערן געבוירן בילדערישע, פּסיכאָאַנאַליטישע, רײַכשפּראַכ־לעכע, באַלערנדיקע דערציילונגען, וואָס זאָלן רעאַליסטיש שילדערן אמת־מענטשלעכע, נפֿש־חיהדיקע ראַנגלעניש; אידיליש צוזאַמענלעבן, און ריכ־טיק אויסטײַטשן משלימדיקע קונסט־יצירות.

טיף אָפּגעזיפֿט האָט ער אַלטערן נישט זיכער, קווענקלענדיק, פֿאַרט־רויט: ער האָט פֿון ישׂראלדיקן, טאָגטעגלעכן לעבנסשטייגער פֿאַרפֿאַסט אַ נײַע פּשוטע מעשׂה: „צווישן״. זיך באַמיט דעם סוזשעט דראַמאַטיזירן. עטלעכע־מאָל באַטאָנט־אָנגעשטרענגט די האַנדלונגען, שילדערן נײַגערדיק. די דיאַלאָגן זאָלן זײַן שפּאַנענדיק, ווי ס׳האָבן געדרן לייענערס. ר׳האָט אָפּ־

געהיטן די שפּראַך זי זאָל זײַן פֿאָלקיש. מעגלעך אַז אָט דער פּראָסטער טעקסט וועט זײַן אָנגעמבאַרער ביי יידישע לייענערס — רוב עלטערע מענטשן. האָפּט אַ דאַנק דער פּאָפּולערער פֿאָלקס־שפּראַך, רעאַליסטישע שילדערונגען, וועט דאָס בוך האָבן דערפֿאָלג אויפֿן יידיש־באַשרענקטן ביכערמאַרק.

דב קוקט איראָניש אויפֿן יידישלשונדיקן עקשנדיקן ברודער־שרײַבער. פֿרעגט: „גלייבסט, ביסט זיכער מ׳וועט לייענען דײַן בוך?״

י. זקון ווערט טרויעריק. „דו־איך, דער רעדאַקטאָר, קאָרעקטאָר, דרוקער, אייניקע פֿרײַנד. אפֿשר אויך געציילטע נייגעריעס וועלן לייענען״...

דב אַלטער בעט דעם ברודער פֿאָרלייענען די מעשׂה. איז גרייט יעדן טאָג אין פֿרימאָרגנשעהען הערן לייענען די דערציילונג. נאָכן באַקענען זיך מיטן אינהאַלט, נייגעריקייט, נוסח, אָריגינעלקייט, וועט ער אים ראָטן צי די דערציילטע האַנדלונגען שפּיגלען ריכטיק אָפּ ס׳רעאַלע, טאָגטעג־לעכע ישׂראל־לעבן. הויפּטזאַכלעך וועט ער לייגן אַכט צי דער מאַנוסקריפּט איז באַלערנדיק ליטעראַריש־ראווידיק צו ווערן פֿאַרעפֿנטלעכט.

נאָך אייניקע מינוטן צווייפֿלען, ווערט י. זקון פֿאַרכטדיק. טרויעריק קוקט ער אַרײַן אין שפּיגל. שטוינט. אַלטערס געזיכט, אויבערשטער קער־פּערבוי, אויגן, ברעמען, נאָך האָר, זענען אידענטישע ווי זײַנע. דבן פֿרעגט ער צי ס׳וועט אים נישט זײַן מאַטערנדיק יעדעסמאָל אויסהערן אַזאַ פּילבלעטערדיקן כּתב־יד. און אין שפּיגל באַמערקט בלויז זיך. ווידער דערזעענדיק דעם ברודער, אָנגעהויבן לייענען דעם סיפּור המעשׂה.

„זקון, זאָג מיר: פֿאַרוואָס ׳צווישן?׳ רײַסט איבער דעם ברודערס פֿאָרלייענען.

„דוביק־לעבן, מירן געזאָגט, אַז די נפֿש־חיהדיקע אָדמס זענען גע־אייגנט צו לעבן אין אָנסופֿיקע ראַנגלעניש. בכדי צו זײַן פֿאַרטיידיקנדיק, לעבן זיי אין משפּחות, גרופּן, פֿעלקער. ווער ס׳דערוויַטערט זיך פֿון זײַן עטנישן געזעלשאַפֿטלעכן, קרובישן ראַם, לעבט צווישן, באַדראָט זײַן קיום: ׳או חברותא או מיתותא׳, האָבן ריכטיק געשריבן אונדזערע חכמים״.

„לייען ברודערקע. כ׳בין נייגעריק הערן דײַן אַרט שילדערן״:

„כ׳בין מיד, דערשעפּט, כ׳בין נישט געשטימט צו לייענען. קום מאָרגן אין דער פֿרוי. האָט י. זקון אָוועקגעלייגט די באַשריבענע זײַטלעך״.

לאה שיוו ז״ל

חיים נחמן ביאַליק האָט אין זײַן ליד: „זאָל מײַן חלק זײַן מיט אײַך" געתּפילהעט: „זאָל מײַן חלק זײַן מיט אײַך, וועלט־ענווים, באַהאַלטענע נפשות / אײַערע הערצער — אַ הייליקער היכל, אײַערע לעפּצן — זייַנע פֿאַרשלאָסענע טויערן". די אַ אייביק־ווערטיקע, פּאָעטישע שורות האָב איך זיך תּמיד דערמאָנט נאָך אַ געשפּרעך מיט דער אַזוי טײַערער **לאה שיוו** ז״ל וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר נאַטירלעך, באַשיידן לעבן. פֿאַקטיש האָט זי געהערט צו די וועלט־ענווים.

אין פּרשת „בהעלותך" („במדבר", פּרק י״ג, פּסוק ג׳), איז דער תּנ״ך־גבור, משה רבנו פֿאַררעכנט געוואָרן אַלס באַשיידנסטער פֿון אַלע מענטשן אויף דער ערד. אויך לאה האָט זיך דערוויַיטערט, פּשוט אַנטלאָפֿן פֿון כּבוד־זוכערס. האָט זיך אויפֿגעפֿירט ייִדיש־צניעותדיק באַשיידן, פּראָסט און פּשוט, לויט די מידות פֿון אָט דעם גרעניאַלסטן ייִדישן מנהיג משה רבנו.

אין פּרקי־אָבות, פּסוק א׳, לערנען מיר: בר־זומא פֿרעגט: 'ווער איז אַ העלד?' און ענטפֿערט: 'דער וואָס העמעוועט זײַנע יצרים. ווידער פֿרעגט ער: ווער איז אַ רײַכער? און ענטפֿערט: 'דער וואָס פֿרייט זיך מיט זײַן חלק'. און אַזוי האָט זיך אויפֿגעפֿירט די ענווותדיקע לאָה. האָט געפֿירט אַ באַשיידן, פּשוט לעבן. געווען אַ צמחוניטשקע־נאַטוריסטקע. זי האָט נישט געפֿילט קיין קנאה, קיין גלוסטונג צום לוקסוסדיקן פֿאַרשווענדערישן — די אַזוי כראָנישע קראַנקייט אין דער מדינה, אין וועלכער עס ווערט נאָך נישט אויסגעאַרבעט אַלע מענטשלעכע באַדערפֿעענישן און נאָך דערצו לוקסוס־זאַכן. ווייסן מיר דאָך, אַז דער געיעג נאָך ווילזײַן, פֿאַר־געניגנס, שטערט די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אין דער נאָך אַלץ יונגער מדינה. אָפּט איז דער געיעג נאָך פֿאַרשווענדערישקייט גורם בײַ אַ טייל צו פֿאַרברעכנס. לאה האָט געהערט צו די, וואָס „פֿרייען זיך מיט זייער חלק". האָט זיך קיינמאָל נישט פֿאַרקלאָגט, אַז עס פֿעלט איר עפּעס. זיך באַגניגנט מיט איר וווינונג אין שכונת אפֿרים. פֿאַר קיינעם נישט דערציילט, אַז זי גאַרט נאָך אַ גרויסער דירה, קויפֿן נײַ מעבל, פֿאָרן קיין חוץ לארץ פֿאַר־

ווײַלן אין ערשט־קלאַסיקע האַטעלן. האָט נישט געהאַט קיין שום גלוס־טונג צו אַזעלכע איבעריקע, שאַדנדיקע פֿאַרגעניגנס.

זאָגן דאָך טאַקע די ראשונים אַז די וואָס פֿאַרמאָגן אַ גוט אויג, אַ מילד געמיט, געהערן צו די תּלמידים פֿון אברהם אבינו. די דאָזיקע אייגנ־שאַפֿטן זענען געטלעכע מתּנות. די אַ מענטשן, וואָס זענען געאייגנט מיט די אויבנדערמאָנטע מידות, געהערן פֿאַקטיש צו די תּלמידים פֿון אונדזערע אָבות. לאה האָט נישט געליטן פֿון גרויסקייט, הויכשטאַפּלערײַ, גאווהדיקייט. זי האָט זיך קיינמאָל נישט געמישט אין שטורמיש־דינאַמישן פּאָליטישן לעבן. האָט זיך באַגניגנט מיט פֿירן אַ באַשיידענע הויז־ווירט־שאַפֿט. אירע קינדער דערצויגן צו לעבן יושרדיק, מיט־ליבע צום פֿאָלק, זײַן איבערגעגעבן צום ישׂראלדיקן פֿאָטערלאַנד, ליבע צו ביכער, ליבע צו שרײַבערס.

אָפֿט, גאָר אָפֿט, האָב איך געהאַט גרויס פֿאַרגעניגן צו שמועסן מיט איר. כ׳האָב קיינמאָל פֿון איך נישט געהערט קיין רכילות. באַרעדן מענטשן. די בעסטע טעמעס זענען פֿאַר איר געווען: צו פֿאַרבעסערן ס׳מאָראַלישע לעבן אין לאַנד. גאָר אָנגענעם איז פֿאַר איר געווען צו געבן צו פֿאַרשטיין די נויטווענדיקייט פֿון פֿירן אַ פּשוט, נאַטירלעך, וועגעטאַריש לעבן. גערעדט וועגן וויטאַמינען, מינעראַלן. טראַצדעם, וואָס די אַ באַשיידענע לאה האָט נישט געלערנט די ליטעראַטור־ „תּורות”, האָב איך פֿון איר אָפֿט געהערט גאָר אינטערעסאַנטע מיינונגען וועגן ביכער מיט לידער, דער־ציילונגען, עסייען. זי האָט ליב געהאַט משלימדיקע, קינסטלעריש־געמאָלטע טעקסטן. אָבער „אונטערגעצייכנט”: „זיי זאָלן זײַן פֿאַרפֿאַסט לאָגיש, פֿאָלקסטימלעך, אין אַ גערעדט לשון”.

לאה האָט געהערט צום דור ותיקים חלוצים. איז געווען איבערגע־געבן דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט ליב געהאַט די מדינה־גרינדערס. באַדויערט וואָס די אַ אידעאַליסטן עלטערן זיך און „ביסלעכווײַז פֿאַרלאָזן זיי אונדז”. האָט אָפֿט, גאָר אָפֿט, באַדויערט, אַז דער דור פֿון אַרבעטס־מענטשן, דער דור פֿון אָרנטלעכע, מסירות־הנפֿשדיקע, פֿאָטערלענדישע קעמפֿערס לאָזן נישט איבער קיין צו זיי ענלעכע יורשים.

חבל על דאבדין!

שבוע טוב!

גוטוואָך חשובע פֿאַרזאַמלטע. אַ האַרציקן דאַנק אײַך פֿאַר קומען באַערן דעם ליטעראַרישן אָוונט, געווידמעט דאָס דערשײַנען פֿון מײַן דערוויַיל לעצט בוך: „די לעצטע היים״. הלוואי אונדזער ישׂראל־לאַנד זאָל באמת שוין זײַן אונדזער לעצטע, אייביקע היים.

אַ האַרציקן, פֿרײַנטלעכן יישר־כּוח די ליטעראַטור־קריטיקער: חיים זעלצער און מרדכי שטיינבערג פֿאַר זייער פּאָזיטיוו אָפּשאַצן מײַן פּראָסט און פּשוט שרײַבן. דעם דיכטער חיים זעלצער, וואָס וועט דעם נאָענטסטן מאָנטיק ווערן געפּרײַזט מיט דער ליטעראַטור־פּרעמיע א. נ. פֿון הירש סעגאַל, פֿאַר זײַן ספּעציעל קומען פֿון הוד השרון קיין חיפֿה מיך באַערן מיט זײַן אינהאַלטרײַכן רעפֿעראַט, און דעם שרײַבער מרדכי שטיינבערג פֿאַר אָרגאַניזירן דעם אָוונט. מײַן טיפֿסטע פֿרײַנטלעכסטע אָנערקענונג אײַך און הכּרת טובֿה. בײַ דער געלעגנהייט לאָמיר דערמאָנען אַ ציטאַטע פֿון „בלוי־האָריזאָנטיקן״ נאָוועליסט, „שפּיגלדיקן״ ליטעראַטור־אינטער־פּרעטאַטאָר מרדכי שטיינבערג. אין זײַן בוך עסייען.: „שפּיגלען״, פּרק: „די מיסטעריע פֿונעם לעבן״, זײַטן 26/25, לייענען מיר:

„דער ביאָלאָג־אַנטראָפּאָלאָג (תּורת האדם) פּיטער טאָמקינס האָט אין זײַן בוך: „דאָס מיסטעריעזע לעבן פֿון פֿלאַנצן״ געשריבן:

די פֿלאַנצן קאָנען לייענען דײַנע געדאַנקען.

די פֿלאַנצן פֿאַרמאָגן איבער־חושימדיקע אויפֿנעמלעכקייט.

די פֿלאַנצן זענען מוזיקאַליש.

די פֿלאַנצן פֿילן אָפּ אַ פֿרײַנד און אַ שונא.

אונטערן אײַנפֿלוס פֿון מוזיק, ווײַזן געוויסע פֿלאַנצן אַרויס אַ קאָלאָ־סאַלן אויפֿוווקס. אונטערן אײַנפֿלוס פֿון ליבע, צערטלעכקייט. — קאָן אַפֿילו אַן איינצלנער בלאַט, אַן אָפּגעריסענער פֿונעם גוף — פֿאַרבלײַבן פֿריש און לעבעדיק לאַנגע וואָכן. יאָ, די אמתע מוטער־ליבע איז די זיך בויען־דיקע קראַפֿט פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט.

און דאָס איז דער קרעדאָ פֿון מרדכי שטיינבערגס שאַפֿן. אין זײַנע ביז איצט דערשינענע צוויי ביכער: „בלויע האָריזאָנטן״, דערשינען אין יאָר 1983, דערציילונגען און עסייען: „שפּיגלען״, דערשינען אין יאָר

1984, זענען פֿאַראַן פֿאַרשידנאַרטיקע ניסוחים: קריטיק און בעלעטריסטיק, די הויפּט מאָטיוון: ליבע צו מענטש, ליבע צום ייִדישן ייִד, ליבע צו מדינת ישׂראל, ליבע צו ייִדישער, העברעיִשער און אַלגעמיין־אוניווערסאַ־לער ליטעראַטור. ליבע צו ייִדישע שרײַבערס. מרדכי שטיינבערג איז נישט בלויז אַ נאה דורש, נאָר אויך אַ נאה מקיים. זײַן לאַנגיאָריקע וואָ־לונטאָרע קולטור און הילף־טעטיקייט טוט ער מיט ליבע. פֿאַרביידע ברכהפֿולע באַשעפֿטיקונגען איז ער באַרעכטיקט באַערט געוואָרן פֿון היפֿהער שטאָטראַט מיט דער דוד פּינסקי־פּרעמיע. בײַ דער געלעגנהייט לאָמיר ביידע לאורעאַטן: חיים זעלצער און מרדכי שטיינבערג, ליבלעך באַגריסן. זיי ווינטשן נאָך און נאָך אַ סך געזונטע יאָרן ממשיך צו זײַן זייער וואָלונטירדיק שאַפֿן ווערטיקע ווערק, צו באַרײַכערן די ייִדישע ליטעראַטור.

יזכּור

זייער חשובֿע גריצער לאַנדסלײַט, יתומים פֿון צעפּײַניקטע, דערנידער־דיקטע, פֿון פֿאַרמעגנס אויסגערויבטע, צום טויט־דערשטיקטע, טייל נאָך גוסיסדיקט־פֿאַרברענטע טאַטע־מאַמעס, שוועסטערס, ברידער, באָבעס, זיידעס, מומעס, פֿעטערס, קוזינען, קוזינקעס, חברים, חברטעס, געליבטע, נאָענטע פֿרײַנד!

הײַנט בײַם איינציקן יזכּור־שטיין אין מלכות־באַנײַטן כּרך תּל־אָבֿיבֿ, וועלן מיר מזכּיר־נשמותדיק טרויערן נאָך אונדזערע טראַגיש־אומגעקו־מענע דווקא אין ייִדיש, אין דער שפּראַך אין וועלכער אונדזערע נאָענטסטע האָבן געלעבט, געאַרבעט, געהאַנדלט, געיומטובֿט, געשׂמחהעט, געטרויערט, און אין די לעצטע נאָך־ושיפֿיענדיקע רגעס יאָמערדיק, אומזיסט אין ייִדיש־לשון גערופֿן הילף.

חשובֿע לאַנדסלײַט! לאָמיר פֿאַרמאַכן די אויגן, און דמיונדיק זיך דערמאָנען דאָס אַמאָליקע, דינאַמישע, שפּרודלדיקע, קיום־ראַנגלענדיקע ייִדיש לעבן אין גריצע. קליין־שטחדיק איז געווען דאָס שטעטל. די צאָל ייִדן — די מערהייט פֿון דער אָרטיקער־באַפֿעלקערונג — איז געווען נישט אַזוי גרויס־צאָליק אין פֿאַרגלײַך מיט אַנדערע שטעט. אָבער אויפֿן געביט פֿון געזעלשאַפֿטלעכן, תּורה־לערנענדיקן, קולטורעלן לעבן איז גריצע געווען גאָר גרויס און פֿאַרנעמיק. די דאָרטיקע ייִדן האָבן פֿאַר־רעשט ס׳פּוילישע לעבן. באַלד אין פֿינצטערע פֿאַרטאָגן האָבן יריד־סוחרים, מאַרק־הענדלערקעס אויפֿגעוועקט ס׳שלאָפֿנדיקע שטעטל. באַלד נאָך די סוחרימס אָפּפֿאָרן אין נעבנדיקע מערק, זענען אויפֿגעשטאַנען ייִדישע בעלי־מלאָכהס, סוחרים, דאַווענען־גייערס, חדר־ייִנגלעך, פֿאַרזיך־לערנערס אין קליינעם בית המדרשל, חסידים־שטיבלעך, שילערס. די אָ אַלע זענען מונטער האָפֿענונגפֿול געגאַנגען אין וואַרשטאַטלעך, געוועלבער, חדרים, שולן, בתּי מדרשים. ס׳שטעטל האָט רעשיק דערוואַכט. לאָמיר זיך דער־מאָנען די פֿרײַטיק פֿאַרנאַכטן, ווען אונדזערע מאַמעס, שוועסטערס האָבן אײַלנדיק צו בעקערס געטראָגן דיניצעס מיט פֿליישיקע טשאָלנטס, פֿעטע קוגלען. די דעמערדיקע טונקלקייט איז געוואָרן באַלויכטן מיט די פֿלעמל־

דיקע שבת־ליכט. פֿון אַלע גאַסן, געסלעך האָבן זיך געהערט די קבלת־שבתדיקע תּפֿילות־געזאַנגען. לאָמיר זיך דערינערן די פֿרײַטיק־צו־נאַכטיקע סעודות. די חסידיש־ניגונדיקע זמירותן האָבן זיך דערהערט אין אַלע שטאָט־ווינקלען, פֿאַרטושט ס׳גוייִשע לעבן. איצט די אַקטיווע קולטור־טעטיקייט פֿון פֿאַרשידענע פּאַרטייען. גריצע האָט געשמט מיט די דאָרט אײַנגעאָרדנטע ייִדישע פֿאַרלעזונגען, טעאַטער־פֿאַרשטעלונגען, כאָרן. לאָמיר זיך דערמאָנען די לוסטיקע „שלום־זכרס" אין די פֿרײַטיק־צו־נאַכטן, די חתונות, בריתן. גריצע איז געווען אַ דינאַמיש ייִדיש שטעטל אויף אַלע געביטן.

און דאָס אַלץ איז אַזוי אכזריותדיק געוואָרן פֿאַרניכטעט פֿון באַנדיטישע דײַטשן, פּאָליאַקן, אוקראַיִנער.

חשובע לאַנדסלײַט! די יזכור־באַזוכערס מינערן זיך פֿון יאָר צו יאָר. גרויזאַם איז דאָס פֿיזיאָלאָגישע לעבן. מ׳עלטערט זיך און מ׳ווערט ווייניקער. ס׳איז אַ סכּנה, אַז דער אַ יזכור־שטיין זאָל אַמאָל דאָ פֿאַרבלײַבן אַליין. אויף אונדז ליגט אַ חוב אָפּצוהיטן די לעצטע צוואה־געשרייען פֿון די צום טויט־פֿאַרפּײַנקטע, מ׳זאָל זיי געדענקען: זכור את מה שעשה לך עמלק. אויף אונדז ליגט אַ חוב צו ווירקן אויף אונדזערע קינדער, אייניקלעך זיי זאָלן לייענען יעדע יזכור־ביכער: „מגילת גריצע" און „קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן". אין די ביידע ביכער איז פֿאַראייביקט ס׳לעבן פֿון אונדזערע משפּחות און זייער טראַגישער אומקום. לאָמיר מקיים זײַן דעם ושננתם לבניך ודברת בם. דער דײַטשיקער רויב און מאָרד טאָר נישט ווערן פֿאַרגעסן. טעג, נעכט, אין שבתים, ימים טובים, אויף שמחות מוזן מיר געדענקען די גרויזאַמע פֿאַרברעכנט פֿון די דײַטשישע, פּוילישע, אוקראַיִנישע גזלנים, מערדערס. די אַ יזכור־ליכטלעך דאַרפֿן נישט בלויז איינמאָל אין יאָר ברענען בײַ דער יזכור־מצבה. זיי דאַרפֿן תּמיד ברענען אין אונדזערע הערצער. ס׳ליגט אויף אונדז אַ חוב. די יזכור־פֿלעמעלעך אָנצינדן אין די הערצער פֿון אונדזערע קינדער, אייניקלעך. איין דור זאָל דעם קומענדיקן דור איבערגעבן, ווי אַזוי דײַטשן האָבן ברוטאַל פֿאַרניכטעט אַ דריטל, אומשולדיק ייִדיש פֿאָלק, צווישן זיי — אַלע אונדזערע עלטערן, קרובים, פֿרײַנד.

צו דער קאָלעקטיווער מצבה בייגן מיר אונדזערע קעפּ. לאָמיר שטיל שעפּטשען: יהי זכרם ברוך — יתגדל ויתקדש שמה רבא.

אַ וואַזשנע מציאה

נאָך אַ טאָג פֿון דערדריקנדיקע, אַנטוישטע איבערלעבונגען, נערוועזן, ווייטאָגפֿולן שמועס מיט אַ „נאָענטן „פֿרײַנד", זיך געלייגט אין בעט, אײַנגעדרימלט און געחלומט:

נאָכן אויפֿהערן אָטעמען, האָט מען מיך באַלד גערופֿן צום בית־דין של מעלה. בײַ אַ ברייטן טיש זענען געזעסן דרײַ שופֿטים: רבי נחמן פֿון בראַצלאַוו אין אַ צײַגן, אַלט כאַלאַט, פֿאַרגאַרטלט מיט אַ שוואַרץ, געפֿלאָכטן שטריקל. אויפֿן גאָר גרויסן קאָפּ אַ רונדיק, טוכן ייִדיש היטל און אויף די קורצע פֿיסלעך — שטיוול, באַגלאַנצטע מיט טראָן. רעכטס צו אים געבויגן איז געזעסן פֿראַנץ קאַפֿקאַ. אויף זײַן אומרויִק־שאָקלענדיקן קאָפּ אַ שוואַרץ, געלעכערטער צילינדער. זײַן נאַקעטער הויט־און־ביין־אויסגעדאַרטער אויבער־קערפּער, האָט זיך אַרויסגעזען פֿון אַן אויפֿגעקנעפּלטער, טונקל־שטאָפּיקער מאַרינאַרקע. אַ שוואַרצע טאַשמע איז געווען פֿאַרשלייפֿט אויף זײַן לינקער, נאַקעטער האַלדז־זײַט, נעבן אַקסל. ווײַטלעך פֿון די ביידע שרײַבער־קאַפּאַציטעטן איז פֿאַרדאַגהעט געזעסן איטשע מאיר ווײַסנבערג, אָנגעטאָן אין אַ טונקל־אָפּגעבליאַקעוועט רעקל, באָרדאָ העמדל, געקנייטשט קאַפּעליושל, פּלושענע הויזן, פֿאַרלאַטעטע לאַטשן. נעבן עק טיש איז געשטאַנען דער געריכטס־סעקרעטאַר, ליטעראַטור־דאָצענט שלמה רויטמאַן, געקליידט ישׂראלדיק אין אַ קורצאַרבלדיק העמדל, קורצע כאַקי־הייזלעך און ברוינע סאַנדאַלן.

רבי נחמן האָט זיך ראַפּטאָם אויפֿגעשטעלט. געקוקט אויף מיר, אין מיר. צו מיר שטרענג זיך געוואָנדן: „ישׂראל בער בן ירחמיאל יוסף. זײַ וויסן, אַז דו ביסט אויפֿן עולם האמת, וואָס הייסט: „אמן". מיר, שופֿטי־צדק, באַשרײַבערס פֿון מענטשלעך־פֿאַרקריפּלטע התנהגותן, און ס'עטיש לעבן פֿון אויסדערוויילטע, זענען בוחני כליות ולב. מיר ווילן פֿון דיר זאָלסט קורץ, אמתדיק ענטפֿערן אויף אונדזערע שאלות. דו דאַרפֿסט בלויז ענטפֿערן און נישט צוריק פֿרעגן. אויב דו ליגנערסט בלויז עפּעס־וואָס אַפֿילו, איז אויגנבליקלעך אונטער דײַנע פֿיס, עפֿנט זיך אַ תהומיקער גרוב,

ווו דו זינקסט אין אייביק־פײַנעדיקן כף־הקלע. ישׂראל־בער, אַ הימלי־שער מלאך, וואָס איז באַשעפּטיקט מיט צעטיילן שעפּערישע נשמות פֿאַר אויסנאַמענדיקע קינדער בעתן געבוירן, האָט אויך אין דיר פֿאַרמשכּנט אַ נשמהלע מיט עטלעכע וואָרט־שעפּערישע טראָפּנדלעך. קומענדיק דאָ נאָך דײַן אָפּלעבן, ביסטו מחויב צו זאָגן: האָסטו די וואָרט־ווערטיקע, געטלעכע מתנה פֿאַרניצט צו פֿאַרלאַנגען, פֿאָדערן, בעטן כּבוד, באַרימערײַען? אָדער געשריבן בלויז כּוונהדיק כּדי מיט עפּעס וואָס פֿאַרבעסערן ס׳מענטשלעך־פֿאַרדאָרבן, דעמאָראַליזירט לעבן? קלער אונדז נישט אויף, אַז מאַטע־ריעלע געניסן, פֿינאַנסיעלע אײַנקונפֿטן, האָסטו נישט געהאַט פֿון דײַן יידיש שרײַבן, וואָס פֿירט שוין צענדליקער יאָרן אין דער אויסגעקעמפּ־טער, אויסגעחלומטער, באַליבטער מדינת ישׂראל אַן עקשנותדיקן געראַנגל־קיום. דאָס ווייסן מיר גוט פֿון די אַלע דאָ געקומענע יידישע וואָרט־קינסטלערס. ענטפֿער דײַטלעך אין אַ פּשוטן פֿאָלקס־לשון".

אָנהייבנדיק ענטפֿערן בין איך געוואָרן פּחדיק צעציטערט. מורא געהאַט נישט געשטרויכלט צו ווערן מיט סתּם רייד, וואָס וועלן מיך נידעריקן פֿאַר די דרײַ שרײַבער־גאונים, האָב איך פֿאַרלוירן מײַן גלײַכ־געוויכט. כ׳האָב געמיינט: אָט פֿאַל איך אַ באַוווסטלאָזער. שנעל האָט צו מיר צוגעאײַלט מײַן לעבנס־פֿרײַנד, שלמה רויטמאַן. מיך צוגעהאַלטן, באַרויִקט, געמוטיקט: „האָסט זיך גאָרנישט וואָס צו שעמען מיט דײַן לשון. ענטפֿער. וואָס קירצער איז באַדײַטנדיקער".

כ׳האָב געענטפֿערט: „ס׳איז באַוווּסט: אין די צווייטע וועלט־מלחמה־יאָרן האָבן דײַטשן מיט סלאָוואַקן פֿאַרניכטעט אַ דריטל יידיש פֿאָלק אין אייראָפּע. אין אַ סך לענדער, איבערהויפּט אין פּוילן, און אין אַ טייל געביטן פֿון אַמאָליקן ראַטנרוסלאַנד, פֿולשטענדיק ליקווידירט די יידישע קולטור, אויסגעמאָרדעט די יידישע וואָרט־קינסטלערס. אין דעם אַמאָליק קאָמו־ניסטישן רוסלאַנד זענען די יידישע שרײַבערס בינע־קינסטלערס, קולטור־טוערס, טרײַע סאָוועטישע דינערס, איבערגעגעבענע רעוואָלוציאָנערן גע־וואָרן, עלילות דמיק באַשולדיקט, אַז די יידישע קולטור איז שטערעריש, סכּנותדיק פֿאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די אַנטי־יידישע סטאַלין־חסי־דים, געקויפֿטע ק.ג.ב.־לײַט, האָבן די יידישע שרײַבערס, שוישפּילערס אַרעסטירט, פּײַניקנדיק געפֿאָרשט און ברוטאַל געטייט. האָבן כּמעט געענצ־לעך ליקווידירט די יידישע קולטור אין די סאָוועט־פֿאַרבאַנדישע לענדער.

נאָך דער מלחמה האָט מען מיך מיט מײַן פֿרוי און קליין טעכטערל באַפֿרײַט
פֿון פֿאַרשיקטן אַרבעטס לאַגער אין אוראַל און געשיקט קיין מערב־
דײַטשלאַנד. דאָרט געלעבט אין אַ ד. פּ.־לאַגער אין אולם. האָב אין צײַטונ־
גען געלייענט, פֿון ארץ־ישׂראל־שליחים געהערט, אַז אין דער נײַ־געגרינ־
דעטער מדינת־ישׂראל איז פֿאַר ייִדישע שרײַבערס אַ שלווהדיק אָרט צו
שאַפֿן. צוליב דעם און נאָר צוליב דעם עולה געווען. מ׳האָט מיך געשיקט
אין אַ בית־עולים אין חדרה. דאָרט זיך יאָרנלאַנג נויטלײַדנדיק געמאַ־
טערט. אָבער פֿאַרגעזעצט שרײַבן. דערבײַ אַנטוישנדיק אײַנגעזען, אַז
אויך אין אייגענעם, ליבן לאַנד ישׂראל פֿירן די ייִדישע וואָרט־קינסטלערס
אַ זיך־ראַנגלענדיקע מערכה פֿאַרן פֿאַרשפּרייטן זייערע יצירות. אײַנגע־
זען, אַז ייִדישע שרײַבערס זענען איגנאָרירט, איזאָלירט, באַזײַטיקט פֿון
קולטור־לעבן, האָט דאָס מיך געמאַטערט. כ׳האָב געזוכט סיבות. געמיינט
אפֿשר זענען די לידער, דערציילונגען, עסייען נישט ליטעראַריש־ראוידיק
צו ווערן אונטערשטיצט, רעקאָמענדירט, צו ווערן האָנאָרירט, אונטער־
שטיצט פֿון מלוכהשע קולטור־אינסטיטוציעס. אינטענסיוו געלייענט ייִדישע
ביכער, דערשינענע אין ישׂראל. און זיך איבערצײַגט, אַז די ייִדישע ליטע־
ראַטור־שאַפֿונגען זענען שיינבילדעריש, טיפֿזיניק געפֿאַבלט. הויפּט־זאַכ־
לעך קולטור־דערציִענדיק, פּאַטריאָטיש־הלדיק. מײַנע פּאָזיטיווע מיינונ־
גען פֿאַרצייכנט, פֿאַרעפֿנטלעכט. כּדי צו באַשטעטיקן מײַנע גלאָריפֿיצירטע
אינטערפּרעטאַציעס, האָב איך פֿון די באַהאַנדלטע ביכער אַ סך שטעלן
ציטירט, און דאָס נישט רעכענענדיק זיך מיט אייניקע נעגאַטיווע באַציִונ־
גען פֿון ליטעראַטור־געלערנטע צו מײַן ספּעציפֿישן אַרט רעצענזירן. אויך
פֿון מײַן ווערטער־קאָלעקציע האָב איך אויסגעקליבן די שענסטע, זאָגנ־
דיקסטע ווערטער־אויסדרוקן און מיט זיי געלויבט די מחברים, וואָס שאַפֿן
„לא על מנת לקבל שׂכר״. אויך אין דעם פֿאַל נישט געלייגט קיין אַכט
אויף „פֿאַכמענישע״ טענות, אַז כ׳שרײַב היפּערדיק סופּערלאַטיוו. מיט מײַן
לויבנדיק וואָרט געוואָלט מיט עפּעס־וואָס פֿאַרגיטיקן די עוולות פֿון כמעט
געחרמטע ייִדישע שרײַבערס אין ישׂראל, וואָס צוליבן פֿינאַנסירן דאָס
דערשײַנען פֿון זייערע שאַפֿונגען מוזן זיי שפּאָרזאַם לעבן: מאָגערער עסן,
נישט קויפֿן קיין נײַע קליידער, ווייניקער געניסן פֿון מוזיק און טעאַטער־
פֿאַרשטעלונגען, לעבן אַ נידעריקן לעבנס־סטאַנדאַרט.

חשובֿע שופֿטים. כ׳האָב מיט מײַן ספּעציפֿיש שרײַבן געצילט: מיטן

ציטירן אַ סך קינסטלערישע טעקסטשטעלן געוואָלט אויפֿווײַזן די שלעכט־האַרציקייט פֿון די העברעיִשע קולטור־באַלעבאַטים אין ישׂראל, וואָס באַ־קעמפֿן, איגנאָרירן די עכט־קינסטלערישע, דערציִענדיקע, ייִדישע ליטע־ראַטור. מײַנע אַ סך, מעגלעך גאָר אַ סך שבחים, האָבן אפֿשר געמוטיקט, אפֿשר גערינט אַלס מינימום־קאָמפּענסאַציע פֿאַר די אומזיסט־באַוועלטע ייִדישע וואָרט־קינסטלערס, שעפֿערס פֿון אייביק־ווערטיקע ווערק, וואָס באַרײַכערן, באַשענערן די היכלי־הספֿרים אין ישׂראל און אין דער גאָרער וועלט. דאָס זענען געווען מײַנע שרײַב־כּוונות. מײַן אויפֿגאַב דערפֿילט פֿרײַוויליק, אָן שום פֿינאַנסיעלע, מאָראַלישע באַלוינונג. כ׳האָב קיינמאָל פֿון קיינעם קיין שום פֿאַרגיטיקונג נישט פֿאַרלאַנגט".

נאָכן זאָגן ס׳לעצטע וואָרט האָב איך ראַפּטאָם דערוואַכט. דעם מיר אַזוי נײַגערנדיקן גזר־הדין נישט געהערט. אָבער בעת מײַן רעדן האָב איך באַרויִקנדיק, צופֿרידנדיק אײַנגעזען: איטשע מאיר ווײַסנבערגס צעריק פּנים האָט זיך געגנעדיקט, מיך אָנגעקוקט חסדיק, האָט לײַכט צו מיר געשמייכלט. אײַנשטימיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. רבי נחמן איז געוואָרן צעהתלהבעט, די הענט צעשפּרייט, ווי פֿליגל, גלײַך איז גרייט אַוועק־צופֿליִען פֿון מײַנע רעאַל־דערציילטע תּרעומותן. אָבער ווי ס׳איז דער וועלט־שטייגער, אײַנזעענדיק דעם געניאַלן שרײַבערס, איטשע מאיר ווייסנ־בערגס מונטערע, באַשטעטנדיקע קאָפּ־באַוועגונגען, זײַנע פֿרײַנטלעכע צו מיר שמייכלען, האָט אויך פֿראַנץ קאַפֿקאַ אײַנפֿאַרשטענדנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך האַרציק צעשמייכלט. פֿראַנץ קאַפֿקאַ האָט דעם צעלעכערטן צעלינדער מיט שפּיץ הענט־פֿינגער גערוקט אויפֿן קאָפּ רעכטס און לינקס. מיטשטימענדיק, יאָ־שאָקלענדיק שנעל באַוועגט מיטן קאָפּ. אַלע דרײַ שופֿטים, אויך דער ליטעראַטור־דאָצענט שלמה רויטמאַן, האָבן צו מיר האַרציק־פֿרײַנטלעך געשמייכלט. דאָס זענען געווען מײַנע לײַטזעליקסטע רגעס אין מײַן לעבן...

מײַן לײַב־פֿריינט, ייִדל זקון, האָט, אויסהערנדיק דעם חלום מיט מײַנע אינטערפּרעטאַציעס, איראָניש געשמייכלט. באַמערקט: האָסט דײַנע יוגנט־ און עלטער־יאָרן געווידמעט צו לויבן ייִדישע מחברים, זייערע ספֿרים. קיינער האָט דיך נישט געבעטן זאָלסט זיך אָננעמען זייער קריוודע. ביסטו דערפֿאַר געוואָרן מיט עפּעס וואָס באַלוינט? דו טרייסט זיך מיט

האַרץ־חלשות, אַז נאָכן טויט, און דאָס אויך בלויז חלומדיק, וועסטו זיך באַגגיגענען מיט די אויסגעטרוימטע שופטים׳ס הסכמהדיק צו־שאָקלען זייערע קעפּ צו דײַנע צווײדײַטיקע שרײַב־צילן, און זייערע צו דיר פּרײַנט־לעכע שמייכלען. ביסט נישט, ייִדישער מחבר, איין און איינציק מיטן זײַן מכלומרשט צופֿרידן פֿון די העברעיִשע קולטור־באַלעבאַטימס צו זיי לײַכט שמייכלען. בײַ מיר, זעסטו, איז עס נישט קיין וואַזשנע מציאָה".

אומגעקומען אַ שטעטל
[„מגילת גריצע״]

אַ דעלעגאַציע פֿונעם היגן פֿאַראיין פֿון גריצע האָט אַרײַנגעבראַכט אין רעדאַקציע אַן עקזעמפּליאַר פֿון בוך „מגילת גריצע״, וואָס איז אין יאָר 1955 דערשינען אין תּל־אביב, אונטער דער רעדאַקציע פֿון י. ב. אַלטערמאַן.

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿונעם „ארגון יוצאי גרוייץ בישראל״, בײַ דער מיטהילף פֿון די גריצער לאַנדסמאַנשאַפֿט־קאָמיטעטן אין ישראל, אַרגענטינע, צפֿון־אַמעריקע און פּאַריז. עס איז אַ באַנד פֿון העכער 400 זײַטן. 340 זײַטן האַלט דאָס יזכּור־בוך, 60 זײַטן ווערן אָפּגעגעבן פֿאַר יזכּור־אַליין. זייער אײַנדרוקספֿול זענען די נעקראָלאָגן וואָס ווערן געדרוקט אין דעם טייל. זיי דאַרפֿן דאָך דינען ווי מצבות, וואָס קינדער קענען אויף אַן אַנדער אופֿן נישט שטעלן נאָך זייערע עלטערן!

אין דער הקדמה ווערט אָנגעוויזן, אַז „מיט דעם יזכּור־בוך ׳מגילת גריצע׳ ווילן מיר פֿאַראייביקן דאָס לעבן און שאַפֿן פֿון גריצער ייִדן ביז דער היטלער־אָקופּאַציע און די פּײַן און מאַטערניש בעת דער נאַצישער הערשאַפֿט — די לײַדן פֿון אונדזערע עלטערן, קרובים, פֿרײַנט און נאָענטע, זייער געטאָ־לעבן און אומקום על קידוש־השם והעם פֿאַר זייער ׳זינד׳ — ווײַל זיי זענען געווען ייִדן״. און ווײַטער: „מיט דעם בוך שטעלן מיר אויף אַ מצבה, לזכרון נצח, פֿאַר אַלע ברוטאַל־פֿאַרפּײַניקטע ייִדן פֿון דער קהילה קדושה גריצע, וואָס איז אָפּגעמעקט געוואָרן דורך די דײַטשן און זייערע פּוילישע אַנטיסעמיטישע מיטהעלפֿער״.

ווײַל — „אַפֿילו דאָס ייִדישע בית־עלמין, וואָס די דײַטשן האָבן על־פּי טעות איבערגעלאָזט, איז מיאוס געשענדעט געוואָרן. פֿרומע קאַטוילישע פּאַליאַקען האָבן אויפֿגעגראָבן די קברים, פֿון דאָרט אַרויסגעשליידערט די שוין פֿאַרטריקנטע בײנער פֿון די טויטע און דאָס שטיקל פֿעלד צעאַקערט. די מצבות זענען נאָך פֿריִער פֿאַרניכטעט געוואָרן פֿון די נאַציס״.

און דער טראַגישער סך־הכּל: „דאָס ייִדישע גריצע איז אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן“.

טרויער וויַיעט פֿון יעדן בלאַט פֿון דעם פּיעטעטפֿול אַרויסגעגעבענעם יזכּור־בוך „מגילת גריצע“. דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט דער הקדמה פֿונעם רעדאַקטאָר, זאַמלער און באַאַרבעטער פֿון אַ סך מאַטעריאַלן און עס קומען דערנאָך סײַ אין העברעיִש, סײַ אין ייִדיש די אַרבעטן פֿון ש. מ. קעטלער „די פֿאַרשניטענע גריצער קהילה“ און פֿון אינזשעניער דוד דאַווידאָוויטש „די אַלטע גריצער שיל“.

די ווײַטערדיקע טייל איז געווידמעט דאָס ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע לעבן אין גריצע, אין קורצע אַרבעטן, וואָס ווערן אילוסטרירט מיט פֿאָ־טאָגראַפֿיעס, ווערט באַשריבען די ציוניסטישע באַוועגונג, די אגודה, דער בונד, דער פּראָפֿעסיאָנעלער אַרבעטער־פֿאַראיין, די הילף פֿאַר ייִדישע קינדער און דער ווירטשאַפֿטלעך אַנטיסעמיטישער קאַמף קעגן ייִדן.

עס קומט דערנאָך אַ טייל, וואָס איז אָפּגעגעבן די טיפֿן און געשטאַלטן פֿון דער איצט שוין אַמאָליקער קהילה. דאָס שטעטל, דער רב, פֿאַר־שיידענע אינטערעסאַנטע מענער און פֿרויען ווערן געשילדערט אין אַרבעטן פֿון יוסף העפּטמאַן און יואל מאַסטבוים ע״ה און, זיי צו לענגערע יאָר הרב שׂמחה עלבערג, י. ב. אַלטערמאַן אין אַ ריי לאַנדסלײַט, וואָס האָבן אויפֿגעשריבן זייערע זכרונות. צו לאַנדסלײַט געהערן אויך די אַרבעטן, וואָס גייען אַרײַן אין דער טייל „עפּיזאָדען און בילדלעך“.

דאָקומענטאַריש וויכטיק איז דער טייל „אומקום פֿון דער ייִדישער קהילה“, וואָס באַשטייט פֿון פּערזענלעכע איבערלעבונגען, גבית־עדות און פֿאַרצייכענטע פֿאַקטן. די אָפּטיילונג נעמט אַרום דעם גאַנצן טראַגישן קאַפּיטל. עס הייבט זיך אָן מיטן אויסברוך פֿון דער מלחמה, די אָקופּאַציע פֿון גריצע, ערשטע אָבלאַוועס, פּראָוואָקאַציעס, פֿאַרשיקונגען, די הערשאַפֿט פֿון יודען־ראַט, דאָס לעבן אין געטאָ און קאַטאַרגע, דער טראַגישער סוף פֿון אײַנגעפֿונדעוועט ייִדיש לעבן אויף פּוילישער ערד. אַ מוסטער דערפֿון איז דער קאַפּיטל: „200 גריצער ייִדן, וואָס זענען באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט“.

דאָס בוך ווערט דערגענצט מיט לידער פֿון שאול מאַלץ, אינפֿאָרמאַ־

ציעס וועגן דער טעטיקייט פֿון די לאַנדסמאַנשאַפֿט־פֿאַראיינען אין פֿאַרשידענע לענדער און דער יזכּור־טייל.

„מגילת גריצע" געהערט צו די בעסטע יזכּור־ביכער, וואָס פֿאַראייביקן די אומגעבראַכטע ייִדישע קהילות אין מזרח־אייראָפּע.

די צוטיילונג פֿון דער רובינליכט־פּרעמיע

דעם 1טן דעצעמבער 1986 איז דעם מחבר פֿון אַט דעם בוך, ישׂראל־בער אַלטערמאַן, צוגעטיילט, געוואָרן צוזאַמען מיט גבריאל ווײַסמאַן און דוד שטאָקפֿיש, די ליטעראַטור־פּרעמיע א. נ. פֿון חנה און לייב רובינליכט ז״ל.

די יום־טובדיקע צערעמאָניע איז פֿאָרגעקומען אין בית לייוויק און דעם פֿײַערלעכן אָוונט האָט געפֿירט דער פֿאָרזיצער פֿונעם שרײַבער־פֿאַראיין אין ישׂראל מ. צאַנין. זײַן טרעפֿלעכע אָפּשאַצונג וועגן רובינליכט דעם דיכטער און מענטש איז וואַרעם אויפֿגענומען געוואָרן דורך דעם פֿאַרזאַמלטן עולם. דערנאָך האָט דער קאַסירער פֿונעם שרײַבער־פֿאַראיין, יצחק בראַט, איבערגעגעבן צו די פּרעמירטע די באַשטימטע פּרײַזן.

נאָכן איבערלייענען די מאָטיוון פֿון דער זשורי האָט דער לאַורעאַט פֿון פּרײַז, דער סעקרעטאַר פֿון בית לייוויק, דוד שטאָקפֿיש, געדאַנקט דער זשורי אין נאָמען פֿון אַלע פּרעמירטע.

שלמה וואָרזאַגער האָט באַגריסט אין נאָמען פֿון ייִדישן שרײַבער־פֿאַראיין אין ישׂראל. די באַגאַבטע שוישפּילערין, לאה שלאַנגער, האָט געלייענט אייניקע לידער פֿון לייב רובינליכט ז״ל.

וועגן י. ב. אַלטערמאַן

און דאָס זענען די מאָטיוון פֿון דער זשורי וועגן ישׂראל־בער אַלטערמאַן. ער איז מחבר פֿון ביז־איצט דערשינענע אין לאַנד דרײַ ביכער נאָוועלן און דערציילונגען „היימלאָזע ייִדן אין דײַטשלאַנד״, אַרויסגעגעבן אין יאָר 1959 (צוויי אויפֿלאַגעס), „בלאַנדזשערס״, אין 1982, און „די לעצטע היים״ אין יאָר 1986. ער האָט אויך באַאַרבעט און רעדאַקטירט די גביית־עדות, זכרונות און ידיעות אין די ביכער „מגילת גריצע״ (1955), און „קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן״ (1972)‎; אַ בוך מיט אָפּגעקליבענע דערציי־לונגען זײַנע איז דערשינען אין עברית א. נ. ליקוי חמה, אין דער איבער־זעצונג פֿון יוסף אחאי. עס דאַרף באַמערקט ווערן, אַז חוץ זײַן רײַפֿער פֿעדער, וואָס קוואַלט מיט חסידיש־בית־מדרשדיקע אידיאָמען און רעדנס־

אָרטן, אין ישׂראל־בער אַלטערמאַן אַ גאָר גרויסער בעל זכרון. ולאו מלתא דזוטרתא היא.

ישׂראל־בער אַלטערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל גריצע, געלערנט אין וואַרשע אין פּיאַסעטשנער רבינס ישיבה „דעת משה", און דערנאָך אַ דאַנק זײַן קאָנען גוט חשבון איז ער געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין אַ ברעטער־סקלאַד. אין דער היים, אין גריצע, איז ער געווען אַן אָפּטער אַרײַנגייער בײַם העברעאיש־לערער, ח. גורט, וואָס האָט דאָ אין לאַנד איבערגעזעצט ש״י עגנונס אויסדערוויילטע דערציילונגען אין ייִדיש א. נ. „צווישן אַלט און נײַ". דאָרט, ווי ער דערציילט, פֿלעגט ער זיך קוויקן פֿון חיים גורטס דעקלאַמירן יחיאל לערערס תּהילים־לידער, אָדער פֿראַג־מענטן פֿון ש. בערלינסקיס „אַ לעבן גייט אויף". דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט זײַנע ישיבה־בחורישע רעמיניסצענצן, ברענגט ער אַרויס אין זײַנע שריפֿטן.

אויב מיר זאָלן זוכן וואָס אַרויסצוהייבן פֿון זײַנע שאַפֿונגען און זאָגן, אַז דאָס איז דאָס כאַראַקטעריסטישסטע, וואָלט געגנוג געווען אָנצווײַזן אויף זײַן פֿאַנטאַסטישער חלום־מעשׂה „אויפֿן הימל אַ יריד". דאָ דערזעען מיר בולט וואָס עס קוועלט דעם שרײַבער, וואָס אים אַרט — די אומ־גלײַכקייט סײַ דאָרט סײַ דאָ. עס דערמאָנט אונדז אין י. ל. פּרצס ליד: „מלכותא דארעא כמלכותא דרקיעא" — „אונטן אויבן דער זעלבער גלויבן". וואָרעם לויט זײַן חלום נאָך, איז אַלץ וואָס עס קומט פֿאָר אויף דער ערד, לויט זײַן אײַנזען און פֿאַרשטיין, קומט אויך פֿאָר אין הימל. — ייִדן און קריסטן, רעכטע און לינקע, רײַכע און אָרעמע, מחלוקות און דיסקוסיעס.

הקיצור, דאָ האָבן מיר „אַ חלום", וואָס דערציילט אונדז אין חסידיש־ישיבהדיק לשון, ווי שוין אויבן דערמאָנט, אַלץ וואָס זײַן פֿאַנטאַזיע לאָזט אים נאָר טראַנסמיטירן.

באַמיט זיך ישׂראל־בער אַלטערמאַן דורכצופֿירן דאָס דאָזיקע מיט זײַן פּעדער און טאַלאַנט. דעריבער האָט די זשורי באַשלאָסן אײַנשטימיק צוצו־טיילן צו ישׂראל בער אַלטערמאַן די רובינליכט־פּרעמיע, אין דער זיבעטער פֿאַרטיילונג, פֿאַרן יאָר תשמ״ז — 1986.

די זשורי:

הירש אָשעראָוויטש;

שלמה וואָרזאָגער;

מרדכי צאַנין.

אין דער זאַמלונג:

וועגן שרייַבער און ביכער

7 פֿון מאַטעריעלע, זעלישע רוינען
צו שעפּערישער שלווה
12 אין הירש אַשעראַוויטשס „לידערהיימ"־ען
18 „וווּנדערוועלט"־לידער
25 „האַלינאַ" — אַ דיכטעריש־מעדיטאַטיווער ראָמאַן
31 אַהרעלעס ווידוי
37 מאיר חרצ׳ס לידער־קוואַל
42 דאָרע טייטלבוים און אירע „שטיגן צו הייכן"
48 ליבע און „בענקשאַפֿט"
53 הערא‏ָיזם
59 תּפֿילה אין ליד
66 בליציקע אויטאָנאָמיע־שיַין און איר בלוטיקער פּאַרגיי
72 „פֿון זיך צו זיך"
79 אומקום און אויפֿקום
87 קעגן גורל
97 מיסטעריע און ליבע
103 די דערציילערין הינדע דעמבאַלעצקי

וועגן מחבר און זיַין שרייַבן

113 פֿון רוינען צו שלווה
118 ישׂראל־בער אַלטערמאַן — „די לעצטע היים"
120 פּליטים
121 בלאָנדזשערס
124 „די לעצטע היים"
131 גרויסער חורבן און וואַרעמער רעאַליזם
134 י. ב. אַלטערמאַן און זיינע היימלאָזע ייִדן
139 „היימלאָזע" פֿון י. ב. אַלטערמאַן

141 אַן אַנדענק־מצבה פֿאַר אַ שטעטל
143 י. ב. אַלטערמאַנס פּראָזע
145 די לעצטע היים
150 מיין וואָרט אויף אַן אָוונט

געשעענישן און רייד

155 אַ פּראָלאָג פֿון מחבר
159 לאה שיוו ז״ל
161 שבוע טוב!
163 יזכּור
165 אַ וואָזשנע מציאה
170 אומגעקומען אַ שטעטל
173 די צוטיילונג פֿון דער רובינליכט־פּרעמיע

ביכער פֿון זעלבן מחבר:

היימלאָזע ד.פּ.־ייִדן אין דײַטשלאַנד — אַרויסגעגעבן: „אורלי״, תּל־אביב, 1959. צווייטע אויפֿלאַגע: 1980.

ליקוי חמה — עברית: יוסף אחאי, י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג, תּל־אביב, 1976.

בלאָנדזשערס — פֿאַרלאַג „ניי לעבן״, תּל־אביב, 1982.

די לעצטע היים — פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך״, תּל־אביב, 1986.

פֿון רויִנען צו שלווה — עסייען. פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך״, תּל־אביב, 1989.

מחורבות לשלווה — מסות. הוצאת „ישׂראל־בוך, תּל־אביב, 1989.

גערעַנגל — וועגן שרײַבער און ביכער. פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך, תּל־אביב, 1994.

דער מחבר האָט באַאַרבעט און רעדאַקטירט די גביית־עדות, זכרונות און ידיעות אין די ביכער:

מגילת גריצע — אַרויסגעגעבן דורכן ארגון יוצאי גריצע, תּל־אביב, 1955, און **קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן** — אַרויסגעגעבן דורכן ארגון יוצאי גריצע, תּל־אביב, 1972.